שנה ו'
ראש השנה
נומער 282

# קרית ברסלב בלעטל

## מיין ראש השנה

מיר קומען אלע צום רבין, אבער יעדער האט א פערזענליכע געשיכטע אינטער זיך / ליינט פון געציילטע אנשי שלומינו איבער זייערע נסיעות קיין אומאן / אפאר טיפס וויאזוי צו פארן געשמאק / הויכפונקטן פון ראש השנה.

## אומאן נייעס

עירוב אין אומאן איבערגעקוקט און באשטעטיגט לכבוד ראש השנה תשפ"ו



## היכל הקודש נייעס

נייע גליון מים רבים ערשינען פאר די אידישע שטוב



## זיבן וואסערן

אדורך שווערע זיבן וואסערן ביזן אנקומען צום רבינ'ס ציון / מסירות נפש אויפן אמאליגן שטייגער פון היינטיגע מענטשן / ליינט דראמאטישע נסיעה קיין אומאן ראש השנה תשפ"ה פון האברך מו"ה אליהו מאיה הי"ו.

## כולל נייעס

רבני הכולל שטעלן זיך צום פארהער אויף גאנץ הלכות שבת ביי גדולי הרבנים שליט"א

# עשינו מה שגזרת עלינו, אף אתה עשה מה שהבטחתנו.

# קרית ברסלב בלעטל

יו"ט ראש השנה תשפ"ו • 282

**רעדאקטאר**
אברהם הערש וועבערמאן

**רעדאקציע**
אברהם יצחק אייזנער
שמואל בער שניטצלער
שמעון עוזר פערל

**שרייבערס**
משה ארי' שניטצלער
אברהם משה שטראססער
גרשון קרעמער
אהרן קליטניק
ישראל דוד העסקעל
יואל שניצלער
יואל נחמן גלויבער
ל. וועבערמאן
מ. פאפנהיים
ח. פ. וועבערמאן
ש. טראכטער
ג. פעקעטע
ח. שטיינבערג
ל. סאקס

**ניקוד**
יודא לייב ווייס

**גרעפיקס**
ישראל העסקעל
דאמינאו גרופ

צו אדווערטייזן אדער אריינשיקן בריוו, קאמענטארן און ענטפערס:
845-379-1161
136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com
דעדליין אריינצושיקן עדס איז זונטאג 1:00



כל הזכיות שמורות. עס איז נישט ערלויבט צו קאפיען שטיקלעך פונעם בלעטל אן צושרייבן פון וואו עס קומט.



צו באקומען די קרית ברסלב בלעטל:

אויף פאסט:
718.387.2691
Subscribe@kerenhadfusa.org

אויף אימעיל:
Chizikyomi@rabbiroth.org
Breslevcenter.com
Gilyoines.com

ארץ ישראל:
053.315.6938

קול ברסלב:
212.444.9191
א"י: 0797040066

אידישע שטוב:
212.444.9169
א"י: 0797040069





הושענא גומרת הלכות שבת הושענא 4





זיבן וואסערן מו"ה אליהו מאיה הי"ו 10






מיין ראש השנה 36

היכל הקודש נייעס 6
ברסלב'ע שטוב 53
קינדער בלעטל 75
געשעענישן 92













# קרית ברסלב
# כפרות צענטער

שכוח אייבערשטער אז אויך דאס איז אונז
ברוך השם געלונגען צו מסדר זיין א כפרות
צענטער פאר אנשי שלומינו צו קענען
מקיים זיין די מנהג כפרות

### עשרת ימי תשובה

זונטאג פון 3:00 ביז 6:30

**$10**

### ערב יום כיפור

5:00 ביז 7:00 פונקטליך

**$20**

צו קויפן א טיקעט ביטע רופט
נח הערש ווייס
845.707.6374

*sruliHeskel

# רבני הכולל פארהערט הלכות שבת ביי גדולי הרבנים



אין א געוואלדיגע דערגרייכונג האבן די אינגעלייט פונעם כולל היכל הקודש קרית ברסלב געענדיגט אין די טעג די קאמפליצירטע הלכות פון הלכות שבת, און פינף אינגעלייט האבן זיך געלאזט פארהערן ביי פיר גרויסע רבנים.

די פארהערן זענען אפגעהאלטן געווארן במשך עטליכע טעג, ווי די אינגע רבנים פון כולל האבן זיך ארויסגעוויזן צו האבן קונה געווען די פילע סימנים פון הלכות שבת, וואס נעמט אריין גאר אסאך אנדערע שווערע סוגיות.

מאנטאג כי תבא איז מען אראפגעפארן קיין מאנסי צו הרה"צ ר' אברהם וויינגארטן שליט"א ראש הכולל חלקת דוד מאנסי, דינסטאג איז מען געווען ביי הרה"צ ר' מיכל שטיינמעץ שליט"א דומ"ץ תולדות יעקב יוסף סקווירא בארא פארק ובעל מחבר ספר שו"ת משיב נבונים, שפעטער איז מען געפארן קיין מאנסי צום דיין הרה"צ ר' אלטר אליעזר הורוויץ שליט"א ראש הכולל ליזענסק ורב דבית המדרש קדושת יום טוב בארא פארק, און מיטוואך איז מען געווען ביים קארלסבורגער רב שליט"א אין בארא פארק, דער פאטער פונעם ראש ישיבה שליט"א.

יעדער דיין האט פארהערט אויף זיין וועג, טייל האבן געפרעגט שאלות פון די אברכים איינע נאכן צווייטן, אנדערע האבן ארויפגעברענגט שווערע שאלות און אריינגעפירט די אינגעלייט אין א תורה הלכה שמועס, אבער אלע זענען פה אחד נתפעל געווארן פון די אינגעלייט ווי שיין זיי האבן קונה געווען די הלכות. אבער מער פון דעם, האט די תורה זיי געלערנט, מען האט געזען איידעלע אינגעלייט וואס יראתם קודמת לחכמתם, און זענען ראוי צו פסק'ענען שאלות פאר אידישע קינדער.

די פינף אינגעלייט וואס האבן זיך פארהערט זענען הרב יחזקאל שארף שליט"א, הרב שרגא שטראסער שליט"א, הרב אלחנן רוטה שליט"א, הרב הערשל בוים שליט"א, און הרב יצחק פעלדמאן שליט"א.

בראש פונעם כולל שטייט דער דיין הרה"ג ר' יונה זינגער שליט"א דומ"ץ קרית ברסלב וראש הכולל כולל היכל הקודש ברסלב, וואס האט באגלייט די אינגעלייט און זיי געהאלפן אנקומען ביז אהער, אונטער די פירערשאפט פונעם דיין האט דער כולל זיך משלים געווען אין הלכות שבת במשך פיר יאר.

לויטן פלאן וועט מען יעצט אנהייבן אינעם כולל די וויכטיגע הלכות פון יורה דעה חלק א', ווי די אינגעלייט וועלן עס לערנען און קונה זיין במשך די קומענדיגע תקופה, מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף.

**הושענא גומרת הלכות שבת הושענא!**

# ״וויפיל מאל גיי איך נאך האבן די זכיי׳ צו קענען קויפן אן אתרוג?״

(דער ראש ישיבה אין א שמועס
חול המועד סוכות תשפ״ה)



ימי שנותינו בהם שבעים שנה, איך בין 32, נאך בערך 38
אתרוגים טו גאו. איך האנדל מיר איין די שענסטע
אתרוג אויף יום טוב כאחד הנגידים. ס׳א נייע מיינדסעט.

ר׳ בנציון יאקאבאוויטש
347.585.9054

ר׳ יחזקאל שארף
917.865.9514

אתרוגי ברסלב

dominogrp.com

# היכל הקודש
# נייעס




## אומאן

אין די לעצטע יארן, זייט די לופטפעלדער אין אוקראינע זענען פארמאכט, איז כמעט נישט שייך צו קומען צום רבי'ן אויף ראש השנה, אָן זיין דארט אויך אויף א שבת.

אמת, קיינער וויל נישט זיין אזוי לאנג אוועק פונדערהיים, אבער פון די אנדערע זייט איז עס א גוואלדיגע געלעגנהייט צו ווילן אויף א שבת ביים רבי'ן. מוהרא"ש זי"ע ברענגט אין א בריוו (תשרי תשע"ד) "רביז"ל אמר (חיי מוהר"ן סימן רצ"ז) **השבתים ששובתים אצלי הם גדולים וטובים יותר משבעה פעמים תענית משבת לשבת; וזה שייך גם עכשיו, הן כשאדם נמצא בשבת באומן, והן כשנמצא בקיבוץ של אנשי שלומינו שמתקבצים יחד בשבת ולומדים יחד את תורתו הקדושה ומתחזקים אחד עם השני, שזה ממש כמו ששובתים אצל רביז"ל."**

מוהרא"ש שרייבט ווייטער: **"אשרי מי שמתחבר עצמו עם אנשי שלומינו היקרים בעירו, ובונים בית הכנסת על שם רביז"ל, ומתקבצים שם יחד, שזה ממש כאילו ששבתו אצל רביז"ל, שזה מאד מאד חשוב שאנשי שלומינו יתפללו יחד ויהיו ביניהם אהבה אחווה וריעות."**

דער רבי שרייבט אין חיי מוהר"ן, אז ווילן שבת ביי אים איז חשובער ווי זיבן מאל פאסטן משבת לשבת, און מוהרא"ש שרייבט אינעם בריוו, אז מען קען זוכה זיין דערצו יעדע שבת ווען מען קומט דאווענען אין א בית המדרש פון הייליגן רבי'ן, דארט ווי מען רעדן פון רבי'נ'ס עצות, און זיכער ווען מען איז אין אומאן אויף א שבת.

אבער שבת קומט צו נאך א וויכטיגע זאך, אָן עירוב מען זאל קענען גיין און קומען פון און צום ציון. ב"ה אז מיר קענען ב"ה אינפארמירן דעם ציבור אז דער עירוב אין אומאן איז פריש איבערגעקוקט געווארן און באשטעטיגט געווארן דורך דער וועד העירובין בעיה"ת אומאן, אונטערן השגחה פון חשובע רבנים וועלכע האלטן אן עינא פקיחא אויף יעדע פרט, אז עס זאל זיין כשר למהדרין.   אנשי שלומינו זענען שטארק דאנקבאר פאר די חשובע רבנים פונעם וועד העירובין, וועלכע האבן זיך גענומען די אויפגאבע און אחריות צו מאכן אן עירוב למהדרין כדי אנשי שלומינו זאלן קענען קומען צום רבי'ן מיט גרינגערהייט.

שוין אין די ערשטע יארן וואס דער בנין איז געווען אין באנוץ, האבן זיי מיט געטריישאפט און איבערגעגעבנקייט איסגעברייטערט דעם עירוב כדי עס זאל אריינגעמען אויך דעם בנין, טראץ וואס דער בנין איז א ווייטער מרחק פונעם צענטער און פונעם ציון. עס דארף אנערקענט ווערן זייער מסירת נפש און אנשטרענגונג צו העלפן אנשי שלומינו, מיר זאלן קענען קומען צום רבי'ן אין אונזער פלאץ און וויסן אז די הלכה'דיגע קאמפליצירטע עירובין זענען פולקאם געדעקט.

באזונדער דארף מען ארויסברענגען א הכרת הטוב פארן יושב ראש פונעם וועד, הגה"צ ר' אליעזר יודא קעניג שליט"א, וועלכער שטייט בראש מיט א גוואלדיגע אחריות און ערליכקייט. און צוזאמען מיט אנדערע חברי הוועד שליט"א האבן זיך וועקגעגעבן מיט מסירת נפש, אז אלע צענדליגע טויזנטער אידן וואס קומען קיין אומאן, געניסן פון זייער הייליגע ארבעט, וואס זיי פירן דאס יערליך אויס שלא על מנת לקבל פרס.

איך פערזענליך קוק
דיך ארויף פארן
מאכן אזא באשלוס,
האסט מיך
אויסדערוועלט צו
זיין דער וואס גייט
זיצן אין דיין טעלער
די קומענדיגע חודש.

גלייב מיר, וועסט
נישט חרטה האבן.

א גוט געבענטשט יאר
דיין סאטמאר פלייש ארדער

**GET A FREE JALAPENO DIP**
WITH YOUR PURCHASE OF $75

CHICKEN GROUND MIX
$6.99 lb

CHICKEN ROLL / WITH TURKEY PASTRAMI PICKLED
$9.99 lb

TURKEY STEAK (FROZEN)
$4.99 lb

FAMILY PACK CHOLENT MEAT
$11.49 lb

IMPORTED BEEF RIB EYE STEAK ROAST
$13.99 lb

IMPORTED BEEF MIDDLE CHUCK
$10.99 lb

חודש תשרי - א זמן וואו די פליישן זיצן אויבנאן אין די הערליכע
יום טוב׳דיגע טעלערס שאפנדיג אן עונג יום טוב פארן עם
הנבחר - האנדלט מען זיך איין דאס בעסטע פאר די ביליגסטע.

CALL OR TEXT - SATMER MEAT BLOOMINGBURG: **845.316.9990**

dominogrp.com

# מעשיות פון תפילה



## ברוך נויסבוים - בני ברק

לכבוד די טייערע לעכטיגע וועלט בארימטע קרית ברסלב בלעטל רעדאקציע.

געוועננטליך געב נישט קיין טשעק פאר קיינעם כל זמן אז מיין נאמען שטייט אונטער געשריבן, וואס פעלט מיר דאס אויס, און בכלל האלט איך נישט ביי מיר כמעט קיין טשעקס.

לעצטנ'ס בין איך געווען געצווינגען צו שאפן א טשעק און איבערגעבן פאר איינעם, דאס האט זיך פארשלעפט ווייל איך האב נישט קיין טשעק ביכל.

די וואך האב איך געטראפן ביי מיר אין לעדל א טשעק, האב איך דאס געהאלטן אים צו ברענגען. למעשה אפאר טעג איז אריבער און איך האב אים נישט געכאפט. דעם זונטאג מיטאג פרשת נצבים האב איך אים געטראפן. גלייך פרעגט ער מיר וואס איז מיטן טשעק, האב איך אים איבערגעגעבן דעם טשעקל. אבער דאס האט מיר נישט געשמעקט אז א אפענע טשעק מיינע דרייט זיך אזוי, אבער וואס האב איך געקענט טון.

אפאר מינוט שפעטער רופט יענער איינגאנצן דערשראקן אז ער קומט אהיים און ער וויל ארויס נעמען די טשעק, אבער די טשעק איז פארשווינדן געווארן.

איך האב פרובירט רופן אין באנק צו אויפהאלטן די מעגליכקייט צו ארויס נעמען פון מיר געלט דורך די טשעק, למעשה זיי האבן מיר נישט געקענט העלפן, ווייל איך האב נישט געהאט די נומער פונעם טשעק.

איך האב אנגעהויבן בעטן דעם אייבערשטן אז מען זאל טרעפן די טשעק. איך בין ארויס עס זוכן אויפן וועג וואס יענער איז געגאנגען, יענער וואוינט ווייט, און ער איז געפארן מיט א באס, מער פון דעם האט ער מיר נישט געקענט העלפן. למעשה האב איך עס נישט געטראפן.

אזוי זוכנדיג, רעד איך מיט א חבר אויפן טעלעפאן, זאגט ער מיר אז ער האלט אינמיטן א מעשה פון תפילה און אויב וועט ער געהאלפן ווערן זאגט ער צו אז ער שיקט דאס אריין צום בלעטל. זאג איך אים, אויב טרעפ איך דאס טשעק, שיק איך אריין די מעשה פון תפילה צום בלעטל. למעשה דריי איך מיך צוריק גיין צום שטוב, תוך כדי כך בעט איך דעם אייבערשטן אז מען זאל דאס טרעפן. גייט נישט אריבער קיין פאר מינוט, רופט מיר איינער אריין אז ער האט געטראפן די טשעק און ער וויל מיר דאס צוריק געבן.

שכח אייבערשטער די טשעק איז ביי מיר.

תקס"ב | תרפ"ח | תש"ט | תשכ"ח | תשמ"ה | תשס"א | **תשפ"ו**




מוסדות היכל הקודש בארץ הקודש
אלקא דמאיר ענני

אין יעדן דור טוט אונז די הייליגע רבי מאיר בעל הנס פושקע באגלייטן און ווען מ'דארף א ישועה איז רבי מאיר אייביג די אדרעסס. סיינט איך היינט ארויף אויף בי פעי און וואו אימער איר זענט נאר וועט איר אלס האבן דעם ישועות פושקע ביי זיך. פארזיכערט איך מיט די שטערקסטע סגולה!

פאקטן און ציפערן
## שנת תשפ"ה

$64,633.45

4,414 donations

b•pay

*sruliHeskel



# וואס

**יואל שניצלער**



# זייבן וואסערן

צו זיין ביים הייליגן רבי'ן ז"ל און בפרט אויף ראש השנה איז גאר א גרויסע זאך, אזוי ווי דער רבי אליין האט געזאגט: "וואס זאל איך אייך זאגן, קיין גרעסער'ס פון דעם איז נישט פארהאן". אויך שרייבט מוהרא"ש זי"ע אין אשר בנחל (יום חמישי לסדר ויגש ב' טבת זאת חנוכה ה'תשע"ד): "דער רבי ז"ל האט געזאגט פאר זיינע תלמידים (חיי מוהר"ן סימן רצ"א) איך בענק זייער נאך די וועגן וואס ענק פארן צו מיר, ווייל יעדע טריט און טריט וואס ענק פארן צו מיר ווערט באשאפן פון דעם א מלאך. און ביים לעצטן ערב ראש השנה האט ער געזאגט: איך ווינטש זיך צו זען די ליכטיגקייט פון די וועגן וואס ענק זענען געפארן צו מיר".

אבער אנטקעגן די גרויסע זאך שטארקט זיך די מניעות. אבער מניעות אזוי ווי איך (און נאך אסאך אנדערע) האבן געהאט אנצוקומען צום רבי'ן ז"ל אויף ראש השנה תשפ"ה - געדענק איך נישט. וועגן דעם וויל איך פארשרייבן די ניסים וואס דער אייבערשטער האט מיר געטון, ביז ער האט מיר געברענגט צום הייליגן ציון און איך האב געהאט די זכי'ה צו זיין אין אומאן אויף ראש השנה, עס זאל זיין אויף א אנדענק פאר מיר, און אפשר וועט עס אויף מחזק זיין נאך מענטשן צו קומען צום הייליגן ציון כאטש אלע מניעות. און דער עיקר זאל מען זיך מחזק זיין מיט אמונה און תפילה אין אייבערשטן.

אביסל פאר פסח תשפ"ד האב איך זיך אנגעהויבן גרייטן צו די נסיעה צו פארן קיין אומאן אויף ראש השנה תשפ"ה. איך האב באצאלט פאר א בעט ביים בנין פון דער ראש ישיבה שליט"א, און איך האב אנגעהויבן באצאלן פאר א טיקעט.

די פלאן איז געווען צו פארן קיין מאלדאווע און פון דארט קיין אומאן. אבער פאר ראש השנה האט זיך אנגעהויבן די מניעות, מאלדאווע האט אנגעהויבן מאכן שוועריגקייטן, זיי האבן פארמאכט די לופטעלד פאר ארץ ישראל'דיגע פליגער'ס.

בערך א וואך פאר ראש השנה האט מען מיר מודיע געווען אז אונזער פלייט וועט זיין קיין רומעניע, אין א קליינע לופטפעלד אין די שטאט באקו.

אונזער פליגער האט געדארפט זיין מאנטאג אינדערפרי ארום פינעף אזייגער. מיר האבן געדארפט ארויספארן פון יבנאל ארום 10:30 ביינאכט, כדי אנצוקומען באצייטענס אין עירפארט. למעשה זונטאג נאכמיטאג האט מען אונז געמאלדן אז



אונזער פליגער איז אפגעשטופט געווארן אויף 12:00 אזייגער נאכמיטאג, במילא קענען אונז ווארטן און ארויספארן פון יבנאל 5:30 אינדערפרי. מיר זענען ארויסגעפארן 6:00 אזייגער אינדערפרי צום לופטפעלד.

ביים אנקומען אין לופטפעלד איז אונז זייער שנעל קלאר געווארן אז די פליגער האט זיך נאכאמאל אפגעשטופט פאר אפאר שעה.

איך האב אנגעהויבן פארשטיין אז אויף די נסיעה קיין אומאן גייט זיין אסאך מניעות, און איך דארף זיך מחזק זיין מיט אמונה, און זיך איבערגעבן צום אייבערשטן, ווי אזוי דער אייבערשטער וועט מיר פירן - אזוי וועט זיין.

מיר האבן געדארפט ווארטן אין לופטפעלד ביז ס'וועט אנקומען די צייט פון פליען. אבער נאך א שעה האט מען זיך דערוואוסט אז די פליגער איז פשוט בטל געווארן...

א טייל האבן אנגעהויבן ווערן אנגעצויגן. און א טייל האבן זיך אנגעהויבן מייאש זיין. אלע האבן אנגעהויבן צוזאמען צו טראכטן וואס צו טון. ס'איז געווען מאנטאג מיטאג און ראש השנה איז אין צוויי טעג, ס'איז נישטא קיין סאך צייט זיך צו פארזוימען.

ווער ס'האט געקענט האט פראבירט צו קויפן א נייע טיקעט. ס'האט נישט געהאלפן ווייל ס'איז שוין נישט געווען קיין טיקעטס, בפרט אז אסאך עירליינס האבן מבטל געווען זייערע פליגערס פון ארץ ישראל און צו ארץ ישראל וועגן די זיכערהייט סיטואציע וואס האט געהערשט אין ארץ ישראל (די מלחמה אין עזה, און די נייע מלחמה וואס האט זיך אנגעהויבן אין לבנון און די סטראשונגען פון איראן).

בכלל - ס'האט נישט אויסגעזען מעגליך צו שאפן א קארטע פאר א אנדערע פלייט וואס זאל אונז ברענגען צו עפעס א פלאץ אין אייראפע און פון דארט וועט מען ממשיך זיין קיין אומאן אוקריינע.

אלע האבן געטון יעדע מעגליכע זאך, אריינגערעכנט רופן צום טרעוול אגענט און זען פון אינטער דער ערד עפעס א וועג. ס'איז אויך געווען אזעלכע וואס זענען געגאנגען צו די אפיסעס פון די ארץ ישראל'דיגע און נישט ארץ ישראל'דיגע עירליינס וואס געפונען זיך אין עירפארט, כדי צו קויפן פון זיי א קארטע.

אבער אומזיסט, נישטא קארטעס, אלע פלייט'ס וואס זענען נישט בטל געווארן זענען געווען פיל, און נייע פלייט'ס איז נישטא, מ'האט געהאלטן אין איין קוקן אויב מען קען קויפן קארטעס אויף די וועבסייט'ס וואס פארקויפן טיקעט'ס.

ס'איז געווען מינוטן וואס ס'האט זיך געדאכט פאר איינעם אז ער האט מצליח געווען צו טרעפן עפעס און ער האט זיך געאיילט עס צו דערציילן פאר אלעמען כדי זיי אויך צו פארשרייבן, מיט גרויס פרייד האט יעדער איינער ארויסגענומען די קרעדיט קארט כדי צו געבן זיינע איינצעלהייטן צו קענען באצאלן פאר די קארטע, און געוויסע האבן טאקע באקומען א מעלדונג אז די טיקעט איז פארשריבן געווארן אויף זייער נאמען. אבער ליידער נאך א קורצע צייט האבן זיי באקומען א מעלדונג אז ס'איז א טעות, פשוט ס'איז נישטא טיקעטס צו קויפן...

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן פאר א וועג צום רבי'ן, איך האב פארשטאנען אז ס'איז נישטא קיין אנדערע עצה, אמת אז מען דארף מאכן עפעס א השתדלות, וועגן דעם האב איך נישט אפגעזאגט קיין שום אפציע.

אן אינטערעסאנטע קרישקעלע איז פארגעקומען דארט בשעת'ן ווארטן, וואס דאס האט אויך צו געגעבן צום מצב; א איד איז געזעצן נעבן מיר מיט א הייסע גלאז קאווע, און די קאווע איז געווען אזוי הייס אז ער האט עס נישט געקענט טרינקען, און אויך איז אים שוין נישט אזוי אנגעגאנגען פון די קאווע ווייל ער איז געווען פארנומען צו טרעפן א טיקעט. האט ער געלייגט די קאווע אויפן ערד און געווארט ס'זאל זיך אויסקילן. פלוצלונג איז דארט אריבער איינער, און אזוי נישט באמערקענדיג די גלאז האט ער געגעבן א שטופ די קאווע מיט זיין פוס און די הייסע קאווע האט זיך אויסגעגאסן אויף מיין פוס, און מיר אפגעבריט. איך האב עס אנגענומען פאר כפרת עוונות און דאס זאל זיין נאך עפעס וואס וועט מיר העלפן צו אנקומען צו הייליגן רבי'ן.

און אזוי איז אריבער די צייט, די ווייזער'ס אויפן זייגער האבן זיך גערירט, מיין ווייב האט שוין געקלינגען אפאר מאל זיך אינטערעסירן וואס גייט פאר, איך האב איר מיטגעטיילט די מצב, זי איז געווארן אנגעצויגן און דערשראקן אז כ'וועל חלילה נישט זיין ראש השנה אין אומאן, און זי האט גלייך תורם געווען 180 שקל צו דריקן אשר בנחל. אויך האט זי געצינדן א ליכט לזכות הרה"ק ר' מנחם מענדל מרימינוב אז זיין זכות זאל מיר העלפן, זי האט אויך מעורר געווען די קינדער צו בעטן דעם אייבערשטן און זאגט תהילים פאר מיר.

אינמיטן איז צוגעקומען צו מיר איינער מיט א געדאנק צו פארן דורך טערקיי, כאטש ס'איז א מוסלאמענישע לאנד און ס'איז א גרויסע סכנה וכו', אבער אזוי ווי כ'האב זיך אונטערגענומען נישט צו אפזאגן קיין שום פארשלאג - האב איך מסכים געווען, אבער למעשה האט זיך עס נישט אויסגעארבעט, און ס'איז נישט געבליבן קיין טיקעט'ס פאר די פלייט.

אינמיטן האט איינער פארגעשלאגן די געדאנק פון דינגען א פריוואטע פליגער, כאטש ס'קאסט אסאך געלט (12000 שקל פאר יעדן איינעם) אבער איך האב פארשטאנען אז כדי צו אנקומען צום רבי'ן דאס יאר וועט מען נאך דארפן צאלן אסאך געלט, אבער מיר זענען פון דער בעל תפילה'ס מענטשן און ער האט געזאגט (סיפורי מעשיות מעשה י"ב): "פון געלט זאלט איר צו מיר נישט רעדן".

מען האט זיך אנגעהויבן צאמנעמען צו דינגען א פריוואטע פליגער, איך בין שוין געווען גרייט צו נעמען א הלוואה צו קענען צאלן די סכום, מ'האט געדארפט טרעפן 16 מענטשן. דער טרעוול אגענט האט אונז מסביר געווען אז אויף די מינוט איז נישטא קיין פריוואטע פליגער'ס אין לאנד, אבער ער וועט ערלעדיגן אז אזא פליגער זאל קומען פון אייראפע, אבער - האט ער צוגעלייגט -

ס'קען זיך פארציען ווייל ער דארף באקומען ספעציעלע ערלויבענישן פאר דעם. איך האב געזאגט אז פון מיין זייט בין איך גרייט צו דעם, און ביזדערווייל האב איך ממשיך געווען צו בעטן דעם אייבערשטן. ס'איז שוין געווען פיר אזייגער מיטאג, די צייט איז אריבער אן אונז פרעגן.

אינצווישנם איז שוין געווען אזעלכע וואס זענען געקומען מיט אונז, געווארט, פראבירט, אבער צום סוף זענען זיי אהיימגעפארן. איך האב געזאגט פארן אייבערשטן: "איך גיי נישט, איך ווייס טאקע נישט פון וואו איך וועל שאפן א קארטע, אבער איך וועל זיצן דא אויפן בענקל, לערנען און דאווענען און דו וועסט מיר מסדר זיין וואס איך דארף".

ס'איז אויך געווען מינוטן וואס מיר האבן געזען מענטשן וואס האבן מצליח געווען זיך צו מסדר זיין. ווער ס'האט געהאט פראטעקציע האט זיך געטראפן אנדערע פלייט'ס. איינער איז אריבער נעבן מיר און געזאגט מיט ווייטאג: "די וועלט איז געבויעט אויף פראטעקציע'ס..."

איך האב געמאכט פון זיינע ווערטער תפילה: "הייליגער באשעפער! איך קען נישט קיינער וואס קען מיר העלפן, אבער דיר האב איך! דו העלף מיר! ביי דיר האב איך פראטעקציע!"

פלוצלונג קלונגט מיר מיין ווייב און זי זאגט מיר אז ס'איז דא איינער וואס האט געקויפט קארטע'ס פאר אים און פאר זיין זון און פלומעניק, און וועגן פריוואטע סיבות קען זיין פלומעניק נישט פארן, איך קען עס קויפן. ס'האט זיך גערעדט פון א פלייט וואס דארף ארויספארן ניין אזייגער צו לאראנקא אין לאנד קפריסין, און פון דארט צו וויען עסטרייך, דערנאך קיין יאסי אין ראמעניע, פון דארט דארף מען דינגען א טעקסי און פארן דורך מאלדאווע ביז אומאן.

ס'האט זיך געהערט ווי א לאנגע אויסגעמאטערטע וועג, אבער דאס איז געווען די איינציגסטע אפציע און איך האב מסכים געווען מיט פרייד.

בשעת'ן רעדן צו איר איז געלעגן א פלאש וואסער אויף א טיש נעבן וואו איך בין געשטאנען, און וואונדער איבער וואונדער, דער זעלבער מענטש וואס האט בטעות אויסגעגאסן די הייסע קאווע אויף מיין פיס איז נאכאמאל אריבער דארט, און ער האט בטעות איבערגעקערט די פלאש פון טיש אויף מיין פיס... ער האט זיך אנטשולדיגט און ערקלערט אז ס'איז אים נישט איינגענעם, און דאס איז שוין די צווייטע מאל וכו', איך האב עס מקבל געווען באהבה, איך האב פארשטאנען אז דאס איז א חלק פון די וועג וואס ווארט נאך אויף מיר.

גלייך האב איך אריבערגעשיקט א בילד פון די פאספארט און אלעס וואס מען דארף. דער טרעוועל אגענט האט מיר געזאגט אז איך וועל דארפן צאלן ארום צוויי טויזענט דאלער פאר די פלייט'ס (און דאס איז שוין נאכדעם וואס איך האב געצאלט עלף דאלער פאר מיין טיקעט וואס איז בטל געווארן).

אבער דא האט ער מיר מסביר אז ס'איז דא איין גרויסע פראבלעם - די נאמען וואס ס'שטייט אויף טיקעט איז פון יענעם וואס קומט נישט למעשה, און אזוי ווי די פליגער דארף שוין נאך אביסל ארויספארן, קען מען שוין נישט טוישן און מאכן אז מיין נאמען זאל שטיין אויף די קארטע (מען רעדט פון פיר שעה פאר די פלייט), און דאס איז גאר א גרויסע פראבלעם. בפרט אז נאך די פלייט איז נאך דא צוויי פלייטס קיין וויען און יאסי, און אויך אויף יענע קארטע'ס שטייט די נאמען פון דער וואס קומט נישט.

וועגן דעם - האט דער טרעוול אגענט מיר פארגעשלאגן צו פארן מיט אן אנדערע פלייט וואס פארט דורך יון, אבער דאס מיינט אז איך וועל דארפן פארן אליין אן דעם וואס האט געקויפט די אנדערע קארטעס (דער טאטע מיט זיין זון ווי אויבן דערמאנט) איך האב בעסער געוואלט יענע פלייט צו מקיים זיין "טובים השניים מהאחד".

צום סוף האט ער מיר געזאגט אז ס'איז דא נאר איין וועג, ווען מען וועט עפענען די טישל פון די פלייט, זאל איך גיי צו די טשעק אין און בעטן זיי זאלן טוישן די נאמען. נאר זיי קענען טוישן א נאמען, אבער זיי גלייכן עס נישט צו טון... "אין בעסטן פאל וועלן זיי דיר בעטן הונדערט דאלער קנס".

אינמיטן וואס ער איז מיר עס מסביר האב איך געשעפשעט: " הייליגער באשעפער! געב מיר א גוטע עצה, וואס זאל איך טון - זאל איך גיין מיט די אנדערע פלייט דורך יָוָן, אדער זאל איך נעמען די ריזיקע אז אפשר וועט מען קענען טוישן די נאמען און אפשר נישט?"

אזוי בעטענדיג איז מיר אריין געקומען א שטארקע מחשבה אז עס לוינט מער צו נעמען די ריזיקע, און איך האב געזאגט פארן אגענט אז איך וויל בעסער בלייבן אויף די פלייט צו קפריסין און דער אייבערשטער וועט העלפן. ער האט מיר געווארנט אז ס'האט נאר א קליינע טשאנס אז מען וועט טוישן די נאמען, אבער איך האב געזאגט

**איך האב געזאגט פארן אגענט אז איך וויל בעסער בלייבן אויף די פלייט צו קפריסין און דער אייבערשטער וועט העלפן. ער האט מיר געווארנט אז ס'האט נאר א קליינע טשאנס אז מען וועט טוישן די נאמען, אבער איך האב געזאגט אז איך וויל נעמען די ריזיקע און דער אייבערשטער וועט העלפן.**

# זייבן וואסערן



אז איך וויל נעמען די ריזיקע און דער אייבערשטער וועט העלפן.

ס'איז אריבער א שטיק צייט און די טשעק אין צו די פלייט האט זיך געעפנט, איך האב זיך דערנענטערט צום טישל צוזאמען מיט דער טאטע און זון, פלוצלונג האב איך באמערקט אז ביי די זייט איז דא א טישל פאר דיסעיבעלט מענטשן (מענטשן וואס קענען נישט אליין גיין). דער אייבערשטער האט מיר אריינגעשיינט צו גיין דארט.

פאר מיר איז געשטאנען איינער ער האט גערעדט מיט דער באאמטער און ער האט אים מסביר געווען אז ער האט א קארטע מיט א אנדערנס נאמען און ער וויל עס טוישן צו זיין נאמען. דאס איז געווען די זעלבע פראבלעם וואס איך האב געהאט. דער מענטש וואס איז געווען מיט מיר האט מיר געזאגט שטילערהייט: "לויט וואס זי זאגט אים, ווערסטו וויסן וואס וועט זיין מיט דיר". האב איך געענטפערט: "דער אייבערשטער וועט העלפן! מיר זענען נאר אין דעם אייבערשטנ'ס הענט".

דער באאמטער האט בשום אופן אים נישט געוואלט העלפן, זי האט אים מסביר געווען אז ס'איז נישטא אזא זאך טוישן די נאמען פון די קארטע. וויפל ער האט פראבירט איר צו איבעררעדן און זיך איינבעטן - האט אים עס נישט געהאלפן, און ער האט געדארפט אוועקגיין פון דארט פארשעמטערהייט.

די גאנצע צייט וואס ער האט גערעדט מיטן באאמטער האב איך שטילערהייט געבעטן דעם אייבערשטן אז ביי מיר זאל זיין אנדערש.

דערנאך איז אנגעקומען מיין רייע, איך האב זיך געווענדעט צו איר און געזאגט: "א גוטן, איך דארף אייער הילף". זי האט מיר געפרעגט מיט וואס זי קען מיר העלפן, האב איך איר געזאגט אז איינער האט געקויפט א קארטע און צו סוף פארט ער נישט, האב איך אפגעקויפט זיין קארטע, אבער אזוי ווי ס'שטייט זיין נאמען דארף איך זאלסט מיר העלפן און עס טוישן אויף מיין נאמען".

זי האט געענטפערט: "נישט קיין פראבלעם, איך וועל עס איבערקוקן מיט מיין אויבערהאר". דאס איז שוין געווען א גרויסע הילף פאר מיר.

דער אויבערהאר איז געקומען און געפרעגט פון וואס עס רעדט זיך, איך האב אים מסביר געווען די מעשה, האט ער געזאגט ס'איז נישטא קיין שום פראבלעם זי קען מיר העלפן מיט דעם, אבער עס וועט מיר קאסטן דריי הונדערט דאלער. איך האב מסכים געווען.

איך האב באצאלט, און ברוך השם זי האט ערלעדיגט אז אויף אלע קארטעס זאל שטיין מיין נאמען.

[ס'איז וויכטיג צו באמערקן אז דער וואס איז געווען מיט זיין זון און געקויפט די קארטעס, אויך זיין פלייט איז קודם בטל געווארן אזוי ווי מיינע. אבער ער האט זיך שפעטער פארבינדן מיט זיין ברודער און ער האט אים געגעבן די טעלעפאן נומער פון א טרעוול אגענט וואס ער האט געהאלטן אז ער קען טרעפן א פלייט, ער האט זיך פארבינדן צום טרעוול אגענט ער האט אים געזאגט אז ער קען אים נישט העלפן, אבער ער קען א צווייטן וואס קען איך אפשר יא העלפן. און דער צווייטער האט טאקע מצליח געווען צו טרעפן די קארטעס. פלאי פלאות]

פון דארט בין איך געגאנגען צו די חב"ד

# זייבן וואסערן

שול דאווענען מעריב, נאכדעם בין איך געגאנגען צו די דעסק פון די טעלעפאן פירמע צו קויפן א אינטערנעשל קאלינג פעקידזש צו קענען רעדן מיט מיין פאמיליע. דאס קאסט טייער, און איך האב זיי געבעטן זיי זאלן אלעס מסדר זיין ביי מיין טעלעפאן און און קוועטשן אלע קנעפלעך ווייל איך פארשטיי נישט צו דעם. זיי האבן מיר ב"ה אלעס ערלעדיגט.

נאכדעם בין איך געגאנגען עסן עפעס, נאך אגאנצן טאג גארנישט עסן. איך בין אנגעקומען אין לופטפעלד אינדערפרי און ביז יעצט בין איך געווען פארנומען צו טרעפן א וועג.

איך בין אנגעקומען צו די טיר פון וואס מען גייט פון דארט ארויף אויפן עראפלאן, און דארט האט מען אונז געמאלדן אז ס'וועט זיין א דילעי, איך האב עס אנגענומען מיט ליבשאפט און תפילה.

אינצווישן האבן זיך געזעצט נעבן מיר צוויי תלמידים פון הרב... און זיי האבן זיך אנגעהויבן אינטערעסירן אויף מיר. זיי האבן געפרעגט שאלות, און איך האב זיי געענטפערט. זיי זענען איבערגענומען געווארן פון וואס איך האב דערציילט אויף די קהילה אין יבניאל און ווי אזוי מוהרא"ש ז"ל האט עס אויפגעשטעלט און אוועקגעשטעלט וכו' וכו'. כמעט א האלבע שעה זענען מיר געזעצן און גערעדט נאר אויף דעם.

נאך צוויי שעה זענען מיר ב"ה ארויף אויפן פליגער און די עראפלאן איז ארויסגעפארן. שכח הייליגער באשעפער.

ביי די פלעצער נעבן מיר זענען געזען דריי פריינדליכע מענטשן. איך האב זיי נישט געקענט פון פארדעם אבער במשך דעם וועג האבן מיר זיך באקענט וכו' און זיי האבן געזאגט אז זיי פארן אויך קיין אומאן אבער גלייך נאכן לאנדן אין קפריסין פארן זיי צו בודאפעסט אין אונגארן און פון דארט זענען זיי ממשיך.

איך האב זיי דערציילט אז איך האב זיך דערוואוסט אז נאכן לאנדן אין קפריסין (וואס וועט זיין ארום איין אזייגער ביינאכט) וועל איך דארפן טרעפן א פלאץ צו אריבערפירן די נאכט און די מארגנדיגע טאג, ווייל די פלייט צו ווין וועט זיין הערשט זיבן אזייגער פארנאכט'ס (און דאס מיינט אז פיר אזייגער נאכמיטאג וועל איך שוין דארפן זיין אין לופטפעלד, אבער פון לאנדן איינס אזייגער ביינאכט ביז פיר נאכמיטאג, האב איך נישט וואו צו זיין אבער דער אייבערשטער וועט העלפן)

נאכן לאנדן האבן מיר זיך געזעגנט. זיי האבן זיך צוגעגרייט צו זייער פלייט, און צוזאמען מיט דער מענטש און זיין זון וואס איז געווען מיט מיר האבן אונז אנגעהויבן טראכטן וואו צו גיין. קודם האבן מיר געטראכט פון א האטעל, אבער נאכדעם האבן מיר זיך דערמאנט אז ס'איז דא דא א בית חב"ד.

נאך פארן ארויסגיין פון עירפארט האב איך געקלונגען מיין ווייב, אבער די טעלעפאן האט נישט געארבעט און איך האב זיך דערוואוסט אז די קאלינג פעקעדזש וואס איך האב געקויפט ארבעט נישט באמת...

איך בין צוגעגאנגען צו א געשעפט וואס איז געווען דארט און געקויפט א לאקאלע סים פאר 25 דאלער, א כפרה די געלט.

מיר זענען ארויסגעגאנגען זוכן א טעקסי, ווען מיר האבן זיך אריינגעזעצט האבן מיר באמערקט אז די רעדל איז אויף די






## ער האט זיך געוואונדערט און געפרעגט: "וואס איז דאס א מזוזה?" איך האב אים מסביר געווען אז ביים הויפט אריינגאנג איז דא א מזוזה. ער האט נישט פארשטאנען וואס איך רעד. איך האב אים געוויזן די מזוזה און ס'האט אויסגעזען אז ס'איז די ערשטע מאל וואס ער באמערקט דאס.

רעכטע זייט, ס'איז געווען אינטערעסאנט.

מיר זענען אנגעקומען אין בית חב"ד מיט אונזערע רענצלעך, אפגעמאטערט. מיר ווילן אריינגיין און גיין שלאפן אבער די טיר איז פארשפארט...

אלעס איז געווען טונקל, ס'איז נישט געווען מיט וועמען צו רעדן. פלוצלונג זעען אונז אז ס'איז א קליינע שטיבל מיט א וועכטער, מיר האבן געקלאפט אויפן טיר און דער גוי'שער וועכטער האט זיך אויפגעפירט שיין, ער האט אונז מסביר געווען אז ער פריידט זיך אונז צו העלפן אבער ער קען נישט, ער איז נאר א וועכטער, ס'איז נישטא ווער ס'זאל אונז אויפנעמען יעצט, ס'איז נישטא מיט וועמען צו רעדן.

ב"ה אויך דאס האב איך מקבל געווען באהבה און איך האב געבעטן דעם אייבערשטן ער זאל מיר ווייזן וואס מיר דארפן דא טון.

דער בנין איז געווען פון עטליכע שטאק, און פון אינדרויסן האבן מיר געזען אז ביי די אויבערשטע שטאק איז דא מענטשן. מיר האבן זיי פראבירט צו רופן (מיר האבן נישט געוואלט שרייען, נישט צו אויפוועקן די שכנים). צום סוף האט איינער געעפנט די פענסטער און אונז געזאגט אז ער קען אונז נישט העלפן, ער איז נאר א גאסט דא.

שפעטער האבן מיר פארשטאנען אז ביי די בית חב"ד איז דא א מעגליכקייט צו דינגען צימערן פאר געלט אזוי ווי ביי א האטעל. אבער מיר האבן נאר געוואלט אריינגיין, אפילו אין שול, און טרעפן עפעס א ווינקעלע צו זיין איבער נאכט, דער עיקר נישט צו בלייבן אויפן גאס. אבער אזוי ווי געזאגט - קיינער האט אונז נישט געקענט העלפן.

נישט האבנדיג א קיין ברירה האבן מיר מחליט געווען אז מיר וועלן גיין זוכן א האטעל און די אנדערע וועלן בלייבן היטן די רענצלעך. מיר האבן געפרעגט דעם וועכטער וואו ס'איז דא א האטעל און ער האט אונז געוויזן.

איך בין געגאנגען צופיס צו די האטעל, און אינטערעסאנט איז געווען אז ביי די הויפט אריינגאנג האב איך געזען א מזוזה, איך האב זיך זייער געפריידט, איך בין צוגעגאנגען צום דעסק און געפרעגט דעם באאמטער (וואס איז געווען א גוי און מען האט געניצט דעם וועכטער פון בית חב"ד צו איבערטייטשן אין ענגליש) אויב מען קען דינגען א צימער, און ער האט געענטפערט אז אלעס איז פארנומען.

נאך א קורצע שמועס האב איך אים געפרעגט אויב ס'איז א האטעל פון אידן, און ער האט געענפערט אז ניין. האב איך אים געפרעגט: "פארוואס איז דא א מזוזה?"

ער האט זיך געוואונדערט און געפרעגט: "וואס איז דאס א מזוזה?" איך האב אים מסביר געווען אז ביים הויפט אריינגאנג איז דא א מזוזה. ער האט נישט פארשטאנען וואס איך רעד. איך האב אים געוויזן די מזוזה און ס'האט אויסגעזען אז ס'איז די ערשטע מאל וואס ער באמערקט דאס.

ער האט מיר געפרעגט פארוואס דאס איז, און איך האב אים שיין מסביר געווען וואס דאס איז א מזוזה, ער האט זיך זייער געוואונדערט און געשמייכלט. "ספרו בגוים כבודו".

איך האב אים געפרעגט אויב ס'איז דא נאך א האטעל אין געגנט, ער האט מיר צוגעוויזן. איך בין געגאנגען אהין אבער אויך דארט איז נישט געווען קיין ליידיגע צימערן. בין איך צוריקגעגאנגען צום בית חב"ד.

נאכן זיך איינבעטן ביים וועכטער האט ער מסכים געווען איך זאל אריינגיין מיט דעם מענטש וואס איז געווען מיט מיר צו קוקן אויב ס'איז דא עפעס א ווינקעלע וואו מיר קענען זיין איבער נאכט. אבער זיין זון און נאך עטליכע מענטשן וואס זענען אינצווישן אנגעקומען - זאלן ווארטן אינדרויסן.

ער האט געעפנט די טיר, מיר זענען אריינגעגאנגען, אלעס איז געווען טונקל, דורך די פענסטער'ס האבן מיר געזען אז אויף די ערשטע שטאק איז דא א שול, אבער ס'איז טונקל און קיינער איז נישטא דארט, און די טיר איז פארשלאסן. איך האב געבעטן דעם אייבערשטן זאל אונז העלפן.

פלוצלונג איז איינער אנגעקומען, ער האט אנגעצונדן די לעקטער און זיך געמאכט א קאווע ביי די קאווע שטיבל וואס איז דארט געווען...

מיר האבן געקלאפט אויפן פענסטער און ער האט אונז באמערקט. ער האט געעפנט די טיר און אנגעהויבן שמועסן מיט אונז. מיר זענען אריינגעגאנגען אינעווייניג און געזען אפאר מענטשן שלאפן אויף די בענק, האבן מיר גערעדט שטיל.

ער האט אונז ערקלערט אז ער מיט זיין חבר פארן קיין ארץ ישראל אויף ראש השנה, ביזדערווייל האבן זיי דא געדינגען א צימער און נאך אפאר שעה דארפן זיי פארן צום עירפארט און פון דארט קיין ארץ ישראל.

מיר זענען צוריקגעגאנגען צום טיר און געזאגט פארן וועכטער אז מיר האבן וואו צו שלאפן. אלע מענטשן וואס זענען געווען מיט אונז זענען אריין אין שול, איך האב אויסגעלייגט פיר האלצערנע בענקלעך איינס נעבן צווייטן און ענדליך ענדליך האב איך געקענט אראפלייגן מיין גוף, נאך אזא לאנגע פארמאטערטע רייזע וואס איז דורך אויף אונז ביז יעצט. די זייגער האט געוויזן אויף צוויי דרייסיג ביינאכט.

ס'איז געווען שווער צו שלאפן גוט, ס'איז געווען האלצערנע בענקלעך און ס'האט זייער וויי געטון צו ליגן אויף דעם, אבער איך האב זיך געפריידט אז שכח אייבערשטער כאטש דאס האב איך.

זעקס אזייגער זענען געקומען די אינדיאנישע ארבעטער און אונז אויפגעוועקט, זיי ארבעטן אין בית חב"ד און זיי דארפן צוגרייטן די פלאץ זאל זיין גרייט צו דאווענען, און נאכדעם דארפן זיי אהערשטעלן פרישטאג.

איך האב זיי געפרעגט וואו די מקוה איז, איך בין געגאנגען זיך טובל'ן. פאר די פרייז פון זיבן יורא האב איך זוכה געווען צו א ווארעמע שויער און א טבילה פארן דאווענען. נאכן דאווענען האבן מיר זיך צוגעזעצט צום נאהאפטיגן פרישטאג.

במשך דעם טאג (און אויך בשעת'ן דאווענען) האבן מיר געטראפן אסאך וואוילע אידן וואס זענען געקומען צום בית חב"ד. א טייל האבן געדינגען צימערן, א טייל זענען געקומען בשעת מיר האבן זיך דארט אויפגעהאלטן, און א טייל ארטיגע אידן וואס וואוינען דערנעבן. ס'איז געווען זייער א געשמאקע אטמאספער אז אידן פון אנדערע פלעצער טרעפן זיך און אינטערעסירן זיך איינער ביים צווייטן.

במשך דעם טאג האב איך זוכה געווען צו לערנען אסאך, ווייל ס'איז געווען צייט. אנהייב וועג האב איך זיך מיטגענומען א נייע חלק פון 'אשר בנחל' עס צו ענדיגן בשעת'ן וועג, און יעצט האב איך געהאט צייט זיך צו פאראויסן רוקן.

מיין ווייב איז געווען זייער נערוועז אז איך וועל חלילה נישט אנקומען קיין אומאן און איך וועל דארפן פראווענען דעם יום טוב ערגעץ אין חוץ לארץ. דאס איז אויך געווען אין די טעג וואס די מצב איז לאנד איז געווען זייער אנגעצויגן און קיינער האט נישט געוואוסט וואס גייט זיין, און מיין ווייב איז געבליבן אליין מיט מסירות נפש אין שטוב מיט די קינדער, און זי האט מתפלל געווען און מיר מחזק געווען אז איך וועל זוכה זיין צו אנקומען אין אומאן. אבער מיט דעם - האט זי געצווייפלט אז אפשר חלילה וועל איך נישט מצליח זיין צו אנקומען.

זי האט מיר מחזק געווען אז איך זאל זיך אינגאנצן איבערגעבן צום אייבערשטן און ווי אזוי דער אייבערשטער וויל - אזוי וועט זיין, און איך בין עס מקבל באהבה. און אפילו אויב איך וועל צום סוף נישט מצליח אנצוקומען קיין אומאן, זאל איך כאטש וויסן אז איך האב געוואלט און זיך אנגעשטרעגט, און איך בין נישט בעסער פון מוהרא"ש ז"ל וואס איין יאר האט ער זיך מוסר נפש געווען צו אנקומען (נאך אין די צייטן פון די קאמוניסטישע הערשאפט) און ער האט מצליח געווען צו אנקומען ערב ראש השנה, אבער גלייך האבן אים די פאליציי פארטריבן פון דארט און ראש השנה איז ער געווען אין קיעוו נישט אין אומאן (אשר בנחל יום ששי לסדר ויחי, י"א טבת ה'משמ"ה): "כי בערב ראש השנה הייתי בציון רבנו ז"ל, ובראש השנה הייתי בקייב, כי היתה לי תכנית להישאר בגנבה בראש השנה באומן, אך לבסוף תספו אותי, והחזירו אותי בערב ראש השנה אל קייב, שום התפללתי"). אבער ער האט זיך מחזק געווען און זיך נישט מייאש געווען נאר זיך פארלאזט אויפן אייבערשטן און עס אנגענומען באהבה.

אינצווישן האבן אנגעהויבן קומען שמועות אז מען האלט אויף ביי די גרעניצן, בפרט ביים גרעניץ פון רומעניע צו מאלדאווע, וואס דארט האבן אונז געדארפט אנקומען. מענטשן האבן דערציילט אז זיי זענען שוין געשטראנדעט אכצן שעה ביים גרעניץ, דאס מיינט אז לויטן חשבון איז נישט מעגליך מיר זאלן אנקומען קיין אומאן פארן זמן פון יום טוב.

אזוי ווי איך האב מיטגענומען א מסכת תענית - בבלי, ירושלמי און תוספתא, צו מאכן א סיום ביים רבינ'ס ציון (איך האב עס אנגעהויבן לערנען ראש חודש אלול) האב איך געבעטן: "הייליגער באשעפער! איך האב געברענגט די ספר כדי צו ברענגען א מתנה פארן רבי'ן ז"ל א סיום אויף בבלי, ירושלמי, תוספתא אויף מסכת תענית אבער נישט צו כדי מאכן די סיום אין קפריסין, איך בעט דיר אייבערשטער - העלף איך זאל אנקומען צום רבי'ן ז"ל.

אביסל פאר מיר האבן געדארפט פארן צום עירפארט צו פארזעצן מיט די נסיעה, זענען פלוצלונג אנגעקומען דריי מענטשן צום בית חב"ד, איינער פון זיי האט מיר אנגעקוקט אזוי ווי איינער פראבירט זיך צו

**פרעג נישט וועלכע מניעות מיר האבן געהאט, מיר זענען שוין ארויף אויפן פליגער קיין אונגארן, אבער נאך צען מינוט פליען האט מען געלאנדעט צוליב א פראבלעם מיט די פליגער... און ווייל מיר זענען צוריק אנגעקומען צו קפריסין האבן מיר מחליט געווען צו זוכן א לאקאלע בית חב"ד ווייל מיר האבן נישט וואו צו גיין.**

# זייבן וואסערן



דערמאנענ פון וואו ער קען מיר, צום סוף האט ער זיך דערמאנט: "דו ביסט געזעצן נעבן אונז ביי די נעכטיגע פלייט!"

דאס זענען געווען די דריי מענטשן וואס זענען געפלויגן מיט אונז און זיי האבן מיר דערציילט אז זיי דארפן ממשיך זיין צו בודאפעסט אין אונגארן, דערפאר האב איך נישט געקענט פארשטיין וואס זיי זוכן דא ביי די בית חב"ד אין קפריסין.

אבער דער וואס האט מיר דערקענט האט זיך געיאגט מיר צו דערציילן: "פרעג נישט וועלכע מניעות מיר האבן געהאט, מיר זענען שוין ארויף אויפן פליגער קיין אונגארן, אבער נאך צען מינוט פליען האט מען געלאנדעט צוליב א פראבלעם מיט די פליגער... און ווייל מיר זענען צוריק אנגעקומען צו קפריסין האבן מיר מחליט געווען צו זוכן א לאקאלע בית חב"ד ווייל מיר האבן נישט וואו צו ממשיך זיין..."

זיי האבן דערציילט אז מען קען שוין נישט שאפן קיין שום קארטע צו קיין שום פלאץ אין אייראפע, און ווי ס'זעט אויס וועלן זיי ארפן פראווען דעם ראש השנה אין בית חב"ד.

איך האב זיי געוואונטשן זיי זאלן האבן א נס און א גרויסע ישועה און זיי זאלן מצליח זיין צו טרעפן עפעס. איך האב אנגעהויבן צו פארשטיין אז אפילו איך האב א קארטע מיינט עס נאכנישט אז איך וועל קענען פארן, איך האב ווייטער מתפלל געווען אז איך זאל אנקומען צום רבי'ן ז"ל.

[נעבן דעם בית חב"ד איז דא א מוזעאום פון די תקופה ווען אסאך אידן זענען ארויף נאך די מלחמה צו ארץ ישראל מיט שיפן און מען האט זיי פארטריבן קיין קפריסין, און מען האט זיי געהאלטן אין ספעציעלע לאגערן. אין די מוזעאום איז געווען א בלאק וואס דארט האט מען געהאלטן די פליטים און אסאך בילדער פון די תקופה וואס האבן פארגעשטעלט וואס איז דארט געווען] שפעטער בין איך מיט דער טאטע און זון געפארן צום לופטפעלד.

ווען מיר זענען אנגעקומען צום עירפארט האב איך געזוכט א פלאץ צו זיצן ביז ס'עפנט זיך די טשעק אין פון אונזער פלייט, איך האב באמערקט א גוי וואס איז געזעצן און נעבן אים איז געווען א ליידיגע פלאץ, ער האט געשמייכלט צו מיר און מיר געוויזן צו זיצן נעבן אים. איך האב זיך אוועקגעזעצט.

מיר האבן אנגעהויבן רעדן אויף ענגליש און איך האב גערעדט מיט אים פון אמונה צו מקיים זיין "ספרו בגוים כבודו", ער האט דערציילט אז ער איז אויפן וועג צו קאנאדע. אינמיטן רעדן האט ער מיר געפרעגט אויב איך בין פון ארץ ישראל איך האב געענטפערט יא, האט ער אראפגעקוקט און געזאגט: "איך בין פון לבנון..."

דאס איז געווען דינסטאג כ"ג אלול תשפ"ד, אין די תאריך איז געווארן זייער אנגעווארעמט די זיכערהייט מצב אין ארץ ישראל צוליב די אקטיוויטעטן פון די טעראריסטן אין לבנון, די גאנצע געגנט איז געווען זייער אנגעצויגן, און ס'איז שוין געווען א מיליטערישע באוועגונג אין לבנון, און אויך שיסערייען פון לבנון אויף ארץ ישראל, און פלוצלונג דערציילט מיר דער גוי אז ער איז פון לבנון...

אבער זייער שנעל האט ער ממשיך געווען צו דערציילן אז זיין ווייב געפינט זיך שוין אין קאנאדע און זי שטופט אים צו קומען צו אים, אבער ער האט פשוט פראבירט צו פארקויפן זיין הויז, ער איז געווען זייער אויפגערעגט אויף וואס די טעראריסטן האבן געטון, ווייל צוליב זיי איז לבנון חרוב ונחרב, ער האט טאקע געקענט פארקויפן זיין הויז, אבער ווען ער האט געפלאנט צו פארן צו קאנאדע, האט ער זיך דערוואוסט אז די עירפארט אין ביירוט איז פארמאכט צוליב די באמבאדירונגען.

וועגן דעם האט ער זיך געווענדעט צום ים און מיט א קליין שיפל האט ער מצליח געווען צו אנקומען דא - אין עירפארט פון קפריסין, און פון דא דארף ער ממשיך זיין צו קאנאדע, נאך אפאר מינוט איז ער שוין געגאנגען.

ווען די טשעק אין האט זיך געעפנט האב איך זיי איבערגעגעבן מיין רענצל זיי זאלן עס לייגן אויפן פליגער, און זיי האבן מיר געזאגט אז איך דארף צאלן פאר דעם, איך האב זיך געוואונדערט, ווייל דער טרעוול אגענט וואס האט מיר ערלעדיגט די פלייט'ס האט מיר געפרעגט אויב איך האב רענצלעך און איך האב אים איבערגעגעבן אלעס מיינע איינצעלהייטן און ער האט גענומען באצאלט פאר די רענצל.

וויפל איך האב פראבירט צו טענה'ן אז איך האב שוין געצאלט האט עס נישט געהאלפן און איך האב געדארפט צאלן זעכציג יורא פאר די רענצל. אויך דאס האט איך אנגענומען באהבה, איך האב שוין אנגעהויבן צו פארשטיין אז ביי די נסיעה טאר מען נישט מאכן חשבונות פון געלט,

# זייבן וואסערן

ווי דער בעל תפילה האט געזאגט: "פון געלט זאלט איר צו מיר נישט רעדן".

די צייט פון די פלייט קיין וויען איז געווען אויף נאך דריי שעה, גלייך נאכן לאנדן וועלן מיר זיך דארפן יאגן צו די קאנעקטינג פלייט קיין יאסי אין רומעניע, ווייל ס'איז דא סך הכל א האלבע שעה פון לאנדן ביז די קומענדיגע פלייט הייבט זיך אויף.

אפאר מינוט פארן ארויפגיין אויפן פליגער, ווען מיר זענען אריבער די זיכערהייט קאנטראל, האט מען אונז דערציילט אויף די שווערע מצב אין לאנד - איראן גייט אטאקירן ארץ ישראל מיט אסאך מיסיל'ס, מיין ווייב תחי' האט מיר נאך אנגעיאגט צו אפדעיטן דורך טעלעפאן וועגן דעם און איך האב איר פראבירט צו בארואיגן: "ענק זענען אין יבניאל, אויך האבן ענק א קמיע, מיטן אייבערשטנ'ס הילף וועט ענק גארנישט געשען".

מיר זענען ארויף אויפן פליגער און זיך אוועקגעזעצט, צוליב עפעס א סיבה איז די פלייט ארויסגעפארן מיט כמעט א שעה שפעטער... פארשטייט זיך אז די קאנסקווענצן גייט אויף די קומענדיגע פלייט...

אפאר מינוט פארן זיך הייבן האט איינער וואס איז געזעצן נעבן מיר אנגעיאגט צו דערציילן אז די אטאקע פון איראן האט זיך שוין אנגעפאנגען, בשעת'ן פליען האב איך אסאך געבעטן פאר די ארץ ישראל איינוואוינער אז עס זאל זיי נישט געשען קיין שום שלעכט'ס, און דער אייבערשטער איז מיין עדות אז אויף מיין ווייב און קינדער איז מיר געווען קלאר אז עס וועט זיי גארנישט געשען, אבער איך האב אויך געבעטן אויף זיי, זיי זאלן נישט מורא האבן.

בערך א האלבע שעה פארן לאנדן איז א סטאורד צוגעקומען צו אונז און אונז געזאגט אז ווי ס'זעט אויס וועלן מיר האבן א פראבלעם מיט די קאנעקטיג פלייט, און ס'גלייבט זיך נישט אז ס'וועט זיין א אנדערע פליגער וואס וועט אונזווארטן, זי האט אונז געזאגט צו וועלכע טויער מיר דארפן גיין וואס פון דארט פארט ארויס די קאנעקטינג פלייט און זי האט געזאגט: "פראבירט צו לויפן, אפשר וועט עס ענק העלפן".

דער בחור וואס איז געזעצן נעבן מיר האט אויסגעזעצן מיואש, מיר זענען אריבער א שווערע נסיעה כדי צו אנקומען קיין וויען אויף ראש השנה...

איך האב אים געזאגט: "ישועת ה' כהרף עין! דער אייבערשטער קען אלעס, זארג נישט. ס'קען זיין אז פלוצלונג וועט נישט זיין קיין לופט אין די רעדל פון פליגער, און ביז מען וועט עס פארעכטן וועלן אונז אנקומען און ארויפגיין אויפן פליגער, דער אייבערשטער האט אסאך וועגן אונז צו ברענגען קיין אומאן, מיר זענען שוין אנגעקומען ביז דא..."

ווען די פליגער האט געלאנדעט האבן אונז געכאפט די קליינע רענצלעך און אנגעהויבן לויפן, מיר זענען ארויף טרעפ, אריבער קארידארן, מיר האבן זיך זייער געיאגט. בשעת'ן לויפן (וואס האט מיר גורם געווען צו פארכאפטע מוסקלען שפעטער) האב איך אנגעהויבן באמערקן לופט איינגעשטעלטע וואס יאגן אונז נאך און זיי זאגן אויף ענגליש: "שנעל! שנעל! די פליגערווארט!".



## די גוים וואס זענען געווען אין עירפארט און געווארט יעדער אויף זיין פלייט, האבן אונז אנגעקוקט ווען מיר זענען זיי אריבער מיט מאדנע בליקן פארוואס לויפן אונז אזוי שנעל און מאדנע אין טערמינאל, און מיר זענען נאך אידן אויך... איך האב געשפירט אז איך בין מקיים די ווערטער: "איך לויף גלייך צום רבי'ן ז"ל".

איך האב געשריגן פון טיפעניש פון מיין הארץ: "שכח אייבערשטער!" און ממשיך געווען צו לויפן, איך האב געשפירט אז איך בין מקיים די ווערטער: "איך לויף גלייך צום רבי'ן ז"ל". די גוים וואס זענען געווען אין עירפארט און געווארט יעדער אויף זיין פלייט, האבן אונז אנגעקוקט ווען מיר זענען זיי אריבער מיט מאדנע בליקן פארוואס לויפן אונז אזוי שנעל און מאדנע אין טערמינאל, און מיר זענען נאך אידן אויך...

מיר זענען אנגעקומען דארט וואו מען קוקט איבער די פעקלעך, און מען האט מיר געבעטן צו עפענען מיין קליינע רענצל, פלוצלונג האבן זיי דארט געטראפן א שעמפו, זיי האבן מיר געזאגט אז מען קען עס נישט ארויפנעמען אויפן פליגער, האב איך זיי געזאגט: "ווארפט עס אוועק! ס'שטערט מיר נישט".

נאך וואס זיי האבן עס אוועקגעווארפן האב איך געקענט ווייטער לויפן, ס'איז באמת געווען א לאנגע וועג וואס מיר זענען אריבער אין א קורצע צייט, מיר זענען אנגעקומען צו די באס וואס טראגט צו די פליגער...

מיר האבן זיך אוועקגעזעצט, ס'איז אריבער אפאר מינוט און די באס פארט נישט, פלוצלונג קומט אן א אנדערע באס און מען זאגט אונז מיר זאלן אריבער גיין צו דעם, און מיר זענען אריבער. נאך א קורצע רייזע זענען אונז ב"ה אנגעקומען צום פליגער, ניסים ונפלאות.

איך האב זיך אוועקגעזעצט נעבן איינעם וועם איך קען נישט, די גאנצע פליגער איז געווען געפאקט מיט גוים, און שכח אייבערשטער אז דער מענטש נעבן ווען כ'בין געזעצן איז געווען א איד, ער איז אויך געפארן קיין אומאן.

ער פרעגט מיר: "וואס איז די מעשה מיט ענק?" זאג איך אים: "קיין שום מעשה, איך בין פשוט מתפלל איך זאל זוכה צו אנקומען צום רבי'ן ז"ל און איך זע ניסים ונפלאות אויפן וועג".

ער זאגט מיר: "ווי ס'זעט אויס האט ענק דער אייבערשטער זייער ליב, איך בין אנגעקומען צו די פלייט אין צייט, דאס איז א מסודר'דיגע פלייט, די פליגער האט זיך שוין געדארפט הייבן, אבער דאן האט מען געמאלדן אז ס'איז דא א דילעי פון צען מינוט, נאכדעם האט ער געזאגט אז ס'איז דא א דילעי פון נאך צען מינוט, און אזוי האט זיך עס איבערגע'חזר'ט ביז ס'איז אריבער פופציג מינוט! אינצווישן האט זיך קיין איינע פון די גוים נישט באקלאגט, אלע האבן געשוויגן און געווארט, די מענטשן האבן געצאלט פאר א קארטע און יעדער איינער האט א פלאן ווען ער דארף אנקומען, און מיט דעם אלעם האבן אלע געשוויגן, מען האט אונז אפילו נישט געזאגט פארוואס מען דארף ווארטן, ווי ס'זעט אויס האט דער אייבערשטער אלעס אפגעשטעלט וועגן ענק".

נאכדעם וואס ער האט מיר עס דערציילט האט ער געקלונגען פאר זיינע קינדער פון ארץ ישראל און זיי דערציילט ווי א פליגער פיל מיט גוים האלט זיך אפ וועגן א קליין גרופע אידן וואס דארפן אנקומען קיין אומאן...

ב"ה מיר האבן זיך געהויבן. איך האב ווייטער געבעטן דעם אייבערשטן מיר זאלן אנקומען קיין אומאן אויף ראש השנה.

נאכן לאנדן בין איך אנגעקומען צו די דעסק וואו מען נעמט די רענצלעך, אלע האבן געטראפן זייערע רענצלעך, חוץ איך.

מיין רענצל איז נישט אנגעקומען, אויך דאס האב איך מקבל געווען באהבה - "יא א רענצל, נישט א רענצל, דער עיקר איז צו זיין אין אומאן אויף ראש השנה".

נאך אפאר מינוט האב איך אנגעהויבן פארשטיין אז למעשה האב איך נישט קיין קליידער, קיין יום טוב'דיגע וועש, און א שטריימל, איך האב נישט גארנישט! אבער אלעס איז כדי אויב איך וועל שוין זוכה זיין אנצוקומען.

מיר זענען ארויס אינדרויסן און געטראפן א טעקסי, ס'איז געווען א באקוועמע טעקסי, איך האב זיך געפריידט אז לפחות ביי די לאנגע רייזע פון רומעניע צו אומאן וועלן אונז האבן א באקוועמע קאר.

דער דרייווער איז געפארן שנעל און ביז א קורצע צייט זענען מיר אנגעקומען צום גרעניץ צווישן רומעניע און מאלדאווע. שכח אייבערשטער אז אין א קורצע צייט זענען אונז אריבער דעם גרעניץ (ס'האט אויסגעפעלט צו צאלן געלט פאר דעם, און אויף געלט האבן מיר שוין לאנג אויפגעהערט צו טראכטן, מיר האבן געגעבן וואס מען האט אונז נאר געבעטן דער עיקר צו אנקומען קיין אומאן) יעדע אזא גרעניץ איז א דאפלטע גרעניץ - קודם זענען אונז אריבער די רומענישע זייט, און נאכדעם די זייט פון מאלדאווע.

שפעטער זענען מיר אריבער די גרעניץ צווישן מאלדאווע און אוקריינע, פון די זייט פון מאלדאווע און נאכדעם די אוקריינישע זייט.

מיר האבן געהאט גרויסע ניסים ביים גרעניץ, מען האט אונז כמעט נישט אויפגעהאלטן, אלע גרעניצן זענען געווען כמעט ליידיג, שפעט ביינאכט און פרי פארטאג'ס, ס'איז נישט געווען קיין טראק'ס און נישט אנגעלייגט. איך האב געדאנקט דעם אייבערשטן אז ער האט אונז פארשפארט די אויסהאלטן אכצן שעה ביים גרעניץ...

מיר האבן פארגעזעצט מיט די נסיעה כמעט אן זיך אפצושטעלן. מיר זענען אנגעקומען אין געגנט פון אומאן ארום צען דרייסיג אינדערפרי, נאך א וועג פון צען שעה, וואס דאס נעמט אריין אויך דאס אריבערגיין די גרעניצן.

ווען דער דרייווער האט געוואלט ארייינפארן אין די געגנט פון ציון, האב ער זיך אנגעטראפן מיט א פאליציי'שע טשעק פוינט וואס האבן אים געוויזן צו ארייינפארן פון א אנדערע זייט, אויך דארט איז געווען בלאק'ס, עווענטואל האבן אונז זיך געדרייט ארום אומאן בערך פאר א האלבע שעה.

נאך א האלבע שעה זענען מיר - שכח אייבערשטער - אנגעקומען קיין אומאן בשעה טובה ומצלחת. ס'איז געווען ווי אין א חלום! די זייגער האט געוויזן אויף עלף אזייגער אינדערפרי ערב ראש השנה, און נאך אפאר שעה קומט שוין דער יום טוב אריין.

מיר האבן אפגעלאדנט די רענצלעך פון קאר, געצאלט פארן דרייווער און יעדער האט זיך געווענדט צו זיין וועג.

איך בין אנגעקומען צום בנין. דער ראש ישיבה שליט"א איז פונקט געזעצן ביים ארייינגאנג און גערעדט מיט איינעם. גלייך ווען ער האט מיר געזען האט ער געזאגט מיט שמחה: "אליהו! ביזט אנגעקומען! איך בין פרייליך דיר צו זען!"

איך האב אים דערציילט אין קורצן אז איך האב געהאט אסאך ניסים, איך בין געבליבן אן מיין רענצל און וועש, אבער שכח אייבערשטער איך בין דא!

איך האב איבערגעלאזט מיין קליין רענצל וואס איז געווען מיט מיר אין צימער, און איך בין געגאנגען צום ציון.

אין די גאנצע צייט וואס איך בין געווען אין אומאן האב איך כמעט נישט געבעטן אז איך זאל מצליח זיין צו טרעפן מיין רענצל, נאך גלייך אין אנהייב. ווייל איך האב זיך דערמאנט אין א מעשה וואס האט פאסירט מיט מוהרא"ש ז"ל מיט אזא זאך, און דאס האט מיר בארואיגט (עיין 'אשר בנחל' מכתב תרע"ה, יום שני לסדר ראה ה'תשל"ב): "אין יאר תשכ"ו, האב איך זוכה געווען צו זיין די ערשטע מאל ביים הייליגן ציון אין אומאן, און אין יענע יאר איז אריבער אויף מיר אסאך צרות בבית ומבחוץ, זייער אסאך מניעות און קטרוגים, און בפרט בענין הדפסה, וואס איך האב געדרוקט דעמאלט אין אנדערט האלבן יאר 85000 ספרים פון ספרי רבינו ז"ל, און איך האב געדרייט חובות פון שווערע טויזטער וכו' וכו', דעמאלט בין איך געווען זייער צובראכן. און ווען איך בין אנגעקומען צום ציון פון רבי'ן ז"ל האב איך נישט געשפירט קיין שום התעוררות, און כ'האב געהאט אסאך צער פון דעם. כ'האב אנגעהאנגען די געפיל אין מיינע פילע טרדות און בלבולים וואס איז אריבער אויף מיר. גלייך ווען איך בין צוריק געקומען פון הייליגן ציון, בין איך געווארן זייער זייער פרייליך, און דער עיקר א וואונדערליכע ציאונג'ס קראפט צוריק צוגיין צום ציון, מיין הארץ האט געצויגן צוריקצוגיין, ס'איז געווען כמעט א מאגנעט, יעדן טאג און יעדע נאכט האב איך געהאט מורא'דיגע כיסופים צוריקצוגיין צום הייליגן ציון, און כ'האט כמעט נישט מסיח דעת געווען פון דעם, ביז כ'האב זוכה געווען אין יאר תשכ"ט צו זיין די צווייטע מאל.

און די צווייטע מאל האט פאסירט מיט מיר א וואונדערליכע מעשה, ווייל אויפן וועג האט זיך פארלוירן פאר מיר און פאר נאך אפאר פון אנשי שלומינו אלע זאכן, ווייל זיי זענען בטעות געבליבן אינמיטן וועג, און כ'האב געהאט גרויס ווייטאג פון דעם, ווייל איך בין געבליבן אן שבת'דיגע וועש און אלע אנדערע וויכטיגע זאכן וכו', כ'האב געהאט אסאך בילבולים פון דעם, אבער גלייך האב איך פארשטאנען אז דאס איז מעשה בעל דבר, וואס וויל מיר נאכאמאל מבלבל זיין ביים ציון פון רבי'ן, האב איך אפגעמאכט, אז גלייך ווען איך וועלן קומען צום ציון פון רבי'ן ז"ל, די ערשטע זאך וועל איך בעטן אז איך זאל טרעפן מיינע זאכן, און כ'וועל נאכדעם אינגאנצן מסיח דעת זיין פון דעם, כדי איך זאל קענען בעטן אויף רוחניות וכו'.

ווען איך בין אנגעקומען צום רבי'נס ציון, איז מיר ארויפגעקומען די פסוק (שמואל -א ט, כ): "ולאתנות האבדות לך היום... אל תשים את לבך להם כי נמצאו" - די אייזלעך וואס די האסט היינט פארלוירן... טראכט נישט פון דעם ווייל מ'האט עס שוין געטראפן. און ס'האט זיך איבערגע'חזר'ט אראפ מאל - "כי

**דער ראש ישיבה שליט"א איז פונקט געזעצן ביים ארייינגאנג. גלייך ווען ער האט מיר געזען האט ער געזאגט מיט שמחה: "אליהו! ביזט אנגעקומען! איך בין פרייליך דיר צו זען!"**

**איך האב אים דערציילט אין קורצן אז איך האב געהאט אסאך ניסים, איך בין געבליבן אן מיין רענצל און וועש, אבער שכח אייבערשטער איך בין דא!**

# זיבן וואסערן



נמצאו, כי נמצאו - ווייל מ'האט עס שוין געטראפן" וכו', כאילו איינער רעדט צו מיר, (און דאס איז געווען א גרויסע וואונדער, ווייל כ'האב שוין נישט געלערנט די פסוק אפאר יאר, און אינעווייניג אין פסוק שטייט: "גם שלושת הימים - אויך דריי טעג", און איך האב נישט געהערט נאר דאס: "האבדות לך היום... אל תשים את לבך להם כי נמצאו" - די אייזלעך וואס די האסט היינט פארלוירן... טראכט נישט פון דעם ווייל מ'האט עס שוין געטראפן, כנ"ל) און כ'האב גלייך אנגעהויבן זאגן די צען קאפיטלעך תהילים, כ'האב געענדיגט מיט די תפילה פון נאכדעם, און דעמאלט האב איך זיך אנגעהויבן מתבודד זיין, כ'האב געוואלט בעטן אויף די אבידה, אבער כ'האב זיך גלייך דערמאנט אין רבינ'ס ווערטער (ליקוטי מוהר"ן, חלק א' סימן קפח) שכל האבדות הם אצל הצדיק - אלע אבידות איז ביים צדיק. הינו מה שמאבד קדושתו על-ידי תאוותיו ומדותיו הרעות - דאס מיינט וואס ער פארלירט זיינע קדושות דורך זיינע תאוות און שלעכטע מידות (עין שם חלק ב', סימן פח), און מען דארף קומען צום צדיק צו בעטן די אבידות. און איך בין נתעורר געווארן צו וויינען פון גרויס בושה, ווי אזוי קום איך דא בעטן אויף גשמיות'דיגע אבידות, ס'איז בעסער צו בעטן אויף די רוחניות'דיגע אבידות וכו', און כ'האב געהאט א גרויסע התעוררות, און כ'האב זיך דארט מתבודד געווען 3 שעה רציפות ביז מיין האלז איז פארטריקנט געווארן, (ווייל איך בין געשטאנען אונטער די בראטנדיגע זון), און ווען נישט איינער ברענגט מיר וואס צו טרינקען, וואלט איך גע'חלש'ט דעמאלט וכו'. (נאך 2 חדשים האב איך באקומען א בריוו פון עירפארט, אז זיי האבן געטראפן אלע מיינע זאכן, כאטש א גאנצע צייט האט מען מיר אונטערגעיאגט צו קויפן א נייע שטריימל, ווייל מען האט מיר געזאגט אז ס'האט זיך אינגאנצן פארלוירן, אבער איך האב זיך מחזק געווען מיט בטחון אין די אויבנדערמאנטע פסוק, און באמת איז די גאנצע ענין א פלא גדול").

פלוצלונג האב איך געזען די ציון קעגן מיינע אויגן, כ'האב געכאפט א 'תיקון הכללי' און אנגעהויבן זאגן, און קיין שליטה האב איך אויסגעפלאצט אין א געוויין און די טרערן האבן מיר געשטיקט, ס'איז מיר געווען שווער ארויסצוזאגן די ווערטער פון מויל, כ'האב פשוט געפילט אז אט בין איך דא! כ'האב זוכה געווען אנצוקומען קעגן אלע מעגליכקייטן! איך האב נישט געהאט קיין שום פראטעקציע פון א מענטש, איך האב געהאט פראטעקציע ביים אייבערשטן - אמונה און תפילה.

נאכן תיקון הכללי און רעדן אפאר ווערטער צום אייבערשטן, בין איך געגאנגען אין שוק צו אניאגן צו קויפן אפאר זאכן פאר יום טוב: א ווייסע קיטל (אנשטאט די נייע רעקל וואס כ'האב געהאט אין רענצל) א ציצית (אנשטאט די נייע ציצית וואס כ'האב געהאט אין רענצל) אונטער וועש וכו' וכו'.

נאכדעם בין איך געגאנגען צום "קלויז מוהרא"ש" צו געבן א פדיון פאר הרב רבי יצחק שליט"א, איך בין שוין געשטאנען אין די רייע אבער דעמאלט האט מען מיר געזאגט אז ער איז ארויס פאר א הפסקה, כ'האב שוין נישט געקענט שטיין, מיינע פיס האבן מיר וויי געטון פון די לאנגע רייזע און פון די פארצויגענע זיצן אין קאר, און בפרט נאכן לויפן אין די עסטרייכישע עירפארט, האב איך מחליט געווען צו אכטונג געבן די געלט פון די פדיון אין א ענוועלאפ און עס געבן פארן צדיק ווען מען וועט זיין צוריק אין ארץ ישראל.

איך בין ארויף אויפן שאטל און צוריק געפארן צום בנין זיך אנגרייטן צום יום טוב.

כאטש וואס איך האב נישט געהאט א שטריימל נאר א ווייסע קאפל וואס כ'האט געקויפט אין אומאן, און א קיטל אנשטאט די רעקל וכו', איז די ראש השנה אריבער זייער געשמאק, קודם האב איך געטראכט צו דאווענען די תפילות שחרית און מוסף פון ראש השנה ביי די "קלויז מוהרא"ש", אבער נאך די נסיעה וואס איך בין אריבער, און די פיס ווייטאג, האב איך פארשטאנען אז ס'איז נישט שייך ווייל די בנין פון דער ראש ישיבה געפינט זיך א ווייטקייט פון בערך א האלבע שעה גיין צום געגנט פון ציון און די "קלויז מוהרא"ש", איך בין נישט געווען מסוגל צו גיין אזא וועג. האב איך מחליט געווען צו בלייבן אין בנין כאטש פאר די ערשטע טאג יום טוב.

נאכן דאווענען דעם ערשטן מעריב פון יאר און עסן די סעודה, בין איך ארויף אין

# זייבן וואסערן

צימער שלאפן אביסל. אינמיטן נאכט האב איך זיך אויפגעוועקט מיט שרעקליכע פיס ווייטאג, דאס איז געווען א ווייטאג פון פארכאפטע מוסלען, און אזוי אינמיטן וואס כ'האב פראבירט טרעפן א וועג ווי אזוי צו ליגן אז ס'זאל מיר נישט ווייטון, האב איך זיך דערמאנט אז אלעס איז כדי און דער עיקר "איך בין אין אומאן אויף ראש השנה!"

די ווייטאג האב איך נאך געשפירט א גאנץ ראש השנה, און אויך ביז אפאר טעג נאך וואס איך בין שוין געווען אין ארץ ישראל. אבער אלעס איז געווען כדאי!

די צווייטע נאכט ראש השנה האט איך מחליט געווען זיך צו אנשטרענגען צו אנקומען צום "קלויז מוהרא"ש" און דאווענען מיט הרב רבי יצחק שליט"א. איך בין אויפגעשטאנען פרי, זיך גע'טובל'ט אין מקווה, געלערנט, און ווען דער ראש ישיבה שליט"א איז ארויס מיט די תלמידים צום ציון זעקס דרייסיג אינדערפרי - האב איך זיך צוגעשטעלט צו זיי.

איך בין אנגעקומען צום ציון, ס'איז געווען פול עד אפס מקום. די ספרדישע אידן האבן שוין אנגעהויבן זייער מנין ביים נ"ץ, און כ'האב פארשטאנען אז ס'איז נישט מעגליך צו זיך דערנענטערן צום ציון. אזוי אויך האב איך קיינמאל נישט געשטופט קיין מענטשן - אזוי ווי מוהרא"ש ז"ל האט אונז אויסגעלערנט, און יעצט האט מיר מיין גאנצע גוף ווייגעטון אז ס'איז בכלל נישט געווען שייך זיך צו שטופן.

אלע יארן בין איך אלעמאל געגאנגען צום ציון מיט א הוט און רעקל אינדערוואכן, און א שטריימל שבת און יום טוב, אבער דאס מאל בין איך געקומען מיט א ווייסע קאפל און קיטל וואס כ'האב אנגעיאגט צו קויפן, כ'האב זיך געשעמט אזוי צו קומען צום רבי'ן. אבער פון צווייטן זייט האב איך נישט געהאט קיין ברירה, דאס האט מיר אויך אויסגעלערנט צו דן זיין לכף זכות ווען איך זע מענטשן ביים ציון אן א הוט און רעקל, ווער ווייסט... אפשר האבן זיי אויך פארלוירן זייער רענצל.

כ'האב געענפט דעם ספר פון מסכת תענית - ב'בלי י'רושלמי ת'וספתא, און כ'האב זוכה געווען צו מאכן א סיום אויף אלעס - א מתנה פארן רבי'ן ז"ל.

נאכדעם האב איך געזאגט תיקון הכללי. איך האב זיך געפריידט אז איך בין זוכה צו זאגן תיקון הכללי ביים רבי'נס ציון ראש השנה. איך בין נישט אין קפריסין, איך בין נישט אין וויען, נישט אין רומעניע, נישט אין מאלדאווע, און אויך נישט אין ארץ ישראל, איך געפין זיך ביים רבי'נס ציון! נאכן ענדיגן האב איך זיך אנגעהויבן אויסגיסן מיין הארץ פארן אייבערשטן, ב"ה דער וואס איז געשטאנען פאר מיר האט דעמאלט געענדיגט בעטן ביים ציון. אזוי האב איך געקענט גיין א טריט פאראויס און זיך געשטעלט אויף זיין פלאץ.

ס'איז אריבער אפאר מינוט און דער וואס איז יעצט געשטאנען פאר מיר, איז אויך ארויס. איך האב גענומען זיין פלאץ און ממשיך געווען צו דאווענען. צוביסלעך צוביסלעך האט נאך איינער לײדיג געמאכט זייער פלאץ און נאך איינער און נאך איינער, ביז כ'האב זיך געטראפן אז אינגאנצן צוויי מענטשן טיילן אפ צווישן מיר און די ציון, קיינער האט מיר נישט געשטופט איך האב געשפירט זייער ברייט, כ'האב ווייטער געדאווענט.

אין אפאר מינוט האב איך זיך געטראפן אראפלייגן מיין קאפ אויפן ציון און זיך מתבודד זיין, איך האב געזאגט: "רבי! שכח! האסט מיר געברענגט מיט א לאנגע שווערע וועג ביז דא!". דאס איז געווען מינוטן פון פרייד, ס'איז שווער צו אראפברענגען די געפילן אויפן פאפיר.

ווען כ'האב געענדיגט זיך מתבודד זיין בין איך ארויס און געגאנגען פון דארט צום קלויז. ס'איז שוין געווען אכט אזייגער, מען האט זיך אנגעהויבן גרייטן צום דאווענען. ברוך ה' כ'האב זוכה געווען צו דאווענען די גאנצע דאווענען - שחרית און מוסף אין קלויז, צו הערן די געוואלדיגע דיבורים פון הרב רבי יצחק שליט"א, וואס האט גערעדט פון זיין הארץ פאר די תקיעות און אזוי אויך די תקיעות וואס ער האט געבלאזן במסירות נפש.

נאכן דאווענען האב איך געדארפט צוריק גיין צום בנין פון דער ראש ישיבה צו עסן די יום טוב'דיגע סעודה, און דאס איז ווי געזאגט א לאנגע וועג. כ'האב געוואלט ארויסגיין אויפן וועג, אבער דעמאלט איז צוגעקומען צו מיר מיין שוואגער - מו"ה רפאל מימוני נ"י און מיר געפרעגט אויב איך בין אינטערעסירט אין א איינטריט קארטע צו די עס זאל פון "קלויז מוהרא"ש" ווייל אזוי ווי איינער פון זיינע זון וואס האבן געדארפט קומען - איז געבליבן אין ארץ ישראל ווייל מען האט מבטל געווען זיין פלייט, זאל כאטש איינער הנאה האבן פון זיין קארטע צום עס זאל, כ'האב מסכים געווען און זיך מצרף געווען צו די סעודה.

שבת אינדערפרי בין איך אויפגעשטאנען פרי און איך בין געגאנגען צו די עס זאל אין בנין פון דער ראש ישיבה שליט"א צו לערנען דארט. עס איז געווען דארט געשמאק און אנגענעם.

דער ראש ישיבה איז געזעצן דארט און געלערנט, מיר זענען אריין אין א געשמאקע שמועס. צום סוף האט ער מיר געפרעגט אויב איך האב הנאה דא, איך האב געענטפערט אז ס'איז דא זייער שיין און געשמאק. ער האט געזאגט: "קוק - אלע זענען דא מיט ספרים". ער האט מיר געוויזן ווי אלע אינגעלייט און בחורים וואס זענען דארט געווען, יעדער איינער אויף זיי לערנט זיינע שיעורים".

ס'איז געווען א וואונדערליכע שבת, א שבת אין אומאן! (נישט אין קפריסין, נישט אין וויען וכו' וכו')

במשך די גאנצע צייט - פון די רגע וואס איך בין אנגעקומען אין אומאן ביז מוצאי שבת, האב איך נישט געהאט קיין אנונג ווי אזוי איך דארף צוריק פארן, ווייל מיין פלייט פון אהין און צוריק איז דאך בטל געווארן, און איך האב געדארפט קויפן א אנדער קארטע. כ'האב פארשטאנען אז מסתמא איז אויך די פלייט אויף צוריק בטל געווארן. אבער דער מענטש וואס איז געפארן מיט מיר און

## פלוצלונג האט מיר מיין רענצל אויסגעזען אזוי נאנט אבער דאך אזוי ווייט, ווי אזוי דארף איך אנקומען צו די יאסי עירפארט? איך בין אויפן וועג צו די עירפארט אין באקו...

זיין זון האט מיר געזאגט אז ווי ס'זעט אויס האט מען מיט דעם אלעם מצליח געווען צו ערלעדיגן אז מיר זאלן אהיימפארן מיט די קאמפאני אפילו די פלייט אויף אהין איז בטל געווארן, אבער דאס איז נישט געווען קלאר, און דאס האט מען מיר געזאגט אביסל פארן זמן פון יום טוב.

יעצט מוצאי שבת בין איך געוואויר געווארן אז דאס איז טאקע אזוי, און איך דארף זיך יאגן, ווייל ארום עלף אזייגער ביינאכט דארף מען שוין ארויספארן פון אומאן צום עירפארט אין די שטאט באקו וואס איז אין רומעניע. דאס איז געווען האלב נאך ניין.

איך האב זיך שנעל צוגעגרייט, גענומען מיין קליין רענצל און איך האב געווארט אויף די שאטל וואס טראגט צום ציון. למעשה איז די שאטל נישט געקומען און ס'איז מיר נישט געבליבן קיין ברירה נאר צו אנהייבן גיין צופיס. נאך צען מינוט גיין איז די שאטל געקומען אויפן וועג צום בנין, איך האב אים אפגעשטעלט און ארויפגעגאנגען, ער איז צוריקגעפארן צום געגנט פון בנין, ארויפגענומען אסאך מענטשן און צוריק געפארן צום ריכטונג פון ציון, דארט בין איך אראפ.

דער אינגערמאן מיט זיין זון האבן ארגאניזירט א טעקסי ביזן עירפארט אין רומעניע, אויף געלט האבן מיר שוין פון לאנג נישט גערעדט, און די פרייזן האט אונז שוין בכלל נישט געשטערט. איך בין געווען גרייט צו צאלן יעדע פרייז, צו נעמען אן הלוואה דער עיקר צו אנקומען צום רבי'ן ז"ל. און יעצט איז געווען אויף די פארקערטע וועג - דער עיקר צוריק אנקומען אהיים, צו די משפחה.

ווען איך בין געקומען דארט, האט דער אינגערמאן אפגעשמועסט מיט מיר אז איך זאל ווארטן נעבן די געז סטאנציע און פון דארט וועט מיר דער טעקסי אפנעמען, איך האב געווארט דארט א האלבע שעה.

ווען זיי זענען אנגעקומען בין איך אריין אין טעקסי, און זיך געזעצט אויף די אונטערשטע זיץ, און דאס איז נישט געווען א טעקסי אזוי ווי די וואס האט אונז אהערגעברענגט, דאס איז געווען א קליינע, און איך האב געדארפט זיצן נעבן פענסטער ווען נעבן מיר זיצן אפאר מענטשן צאמגעדרוקט.

איך האב זיך געדארפט צוקוועטשן, איינבייגן מיינע פיס און עס אויסדרייען צו די זייט פון די פענסטער.

נאך א שעה פארן, האב איך געשפירט אז די ווייטאגן אין פיס שטארקן זיך ווייל איך בין געזעצן פארקרומט, אין ביי א געוויסע שטאפל האב איך אויפגעהערט צו שפירן מיינע פיס פלאכן, איך האב געווינקען פאר דער וואס איז געזעצן פארנט, וואס איז געווען א דארער מענטש, אז ער זאל זיך טוישן פלאץ, ער האט מסכים געווען.

מיר האבן זיך אפגעשטעלט ביי א געז סטעישן און געטוישט פלעצער, ב"ה ס'איז מיר גרינגער געווארן.

בשעת'ן פארן האט מען מיר געקלונגען פון די יאסי עירפארט אין רומעניע אז זיי האבן געטראפן מיין רענצל! איך האב זיך זייער געפריידט, און געדאנקט דעם אייבערשטן, איך האב זיי געגעבן מיין היים אדרעס אין ארץ ישראל. זיי האבן מיר מסביר געווען אז זיי קענען עס נישט שיקן קיין ארץ ישראל, אדער זאל איך עס אליין קומען נעמען אדער זאל איך שיקן איינעם.

פלוצלונג האט מיר מיין רענצל אויסגעזען אזוי נאנט אבער דאך אזוי ווייט, ווי אזוי דארף איך אנקומען צו די יאסי עירפארט? איך בין אויפן וועג צו די עירפארט אין באקו...

האב איך נאכאמאל געטון דאס וואס איך האב געטון במשך די לאנגע וועג - געבעטן דעם אייבערשטן.

איך האב געפרעגט פאר דער וואס איז געזעצן נעבן מיר אויב ער קען מסביר זיין די סיטואציע פארן דרייווער און אז ס'איז מיר זייער וויכטיג צו צוריקבאקומען מיין רענצל, וועגן דעם דארף מען פארדרייען די וועג צו יאסי און נאכדעם צו באקו.

דער דרייווער האט נישט פארשטאנען ענגליש און אויך נישט אוקריייניש, ער האט פארשטאנען נאר רומעניש. ס'איז געווען זייער שווער זיך צו פארבינדן מיט אים, צום סוף האבן אונז זיך פארבינדן צו זיין בעל הבית וואס האט אויך נישט געקענט קיין שום שפראך חוץ פון רומעניש, אבער שכח אייבערשטער אז פאר די פרייז פון פופציג דאלער האט ער מסכים געווען צו פארן דורך יאסי.

אבער דער אנדערע מענטש וואס איז געווען מיט אונז אין קאר, האט גע'טענה'ט א ריכטיגע טענה: "איך בין נישט ארויף אויף די טעקסי צו פארן דורך יאסי, מיין פלייט איז פינף שעה פאר אייערע און איך קען נישט פארלענגערן די וועג, איך קען דערלייגן מיין פליגער". גערעכט.

איך האב ווייטער געבעטן דעם אייבערשטן. נאכדעם האב איך אים געזאגט: "איך פארשטיי דיר זייער שטארק, איך געב פאר דיר צו מחליט זיין, אויב דו ווילסט מיר העלפן - וועל איך עס זייער שעצן און מיטן אייבערשטנ'ס הילף וועסטו אנגיאגן דיין פלייט. אויב דו וועסט מיר נישט קענען העלפן - האב איך נישט קיין שום טענה

אויף דיר, ס'איז פארשטענדליך. ער האט געטראכט אביסל און מחליט געווען מיר צו העלפן. מיר האבן געהייסן פאר דרייווער צו פארן דורך יאסי.

מיר זענען אנגעקומען צום גרעניץ, מ'האט אונז דארט אויפגעהאלטן אפאר שעה (בערך פיר שעה, און א חלק פון די צייט איז געווען אונטעררעגן און ווינטן) מיר האבן געדארפט ארויסנעמען אלע רענצלעך, עס עפענען (אין דעם האט איך געזען א חסד ה' - אז איך האב נישט געהאט א גרויסע רענצל צו עפענען, און דאס האט מיר פארגרינגערט). אויך א שמעק הונט האט געשמעקט אונז מיט די רענצלעך, צום סוף האבן מיר אנגעיאגט אריבערצוגיין אלע גרעניצן אין גאנץ א קורצע צייט, נאך אסאך פאר אלע קאר'ס וואס זענען געקומען נאך אונז און זענען דארט געבליבן שטעקן אסאך שעה.

מיר זענען אנגעקומען צו יאסי עירפארט, איך בין צוגעגאנגען צום דעסק און פון דארט האט מען מיר גענומען צו א זייטיגע צימער זיי האבן געעפנט די טיר און איך האב דארט געטראפן מיין רענצל! שכח אייבערשטער! איך האב עס גענומען און צוריקגעגאנגען צום קאר.

מיר האבן ממשיך געווען צו באקו און אנגעקומען ארום צוויי אזייגער מיטאג, דאס איז געווען א נסיעה פון פופצן שעה (בשעת'ן פארן און בייםווארטן ביי די גרעניצן האט איך פראבירט וואס מער צו רוקן מיינע פיס צו פארשטארקן די בלוט פלוס). מיר זענען אראפ פון די קאר און געזוכט די טערמינאל, אונזער פלייט האט געדארפט זיך הייבן עלף א זייגער ביינאכט, אזוי אז איך האב פארשטאנען אז מיר האבן נאך אביסל צייט...

אבער די פאליציי האבן זיך נישט געלאזט דערנענטערן צום טערמינאל, זיי האבן אונז געשיקט צו א גרויסע חצר מיט גראז און טענט'ס וואס זיי האבן אויפגעשטעלט, און דארט האבן אונז געטראפן הונדערטער און אפשר טויזנטער גוטע אידן וואס זענען דארט אנגעקומען פאר אונז און זיי האבן זיך פראבירט פרייליך מאכן מיט לידער און טאנצן.

ס'האט זיך ארויסגעשטעלט אז די טערמינאל איז געווען צו קליין צו קענען אקאמאדירן אלעמען, במילא האבן זיי אלעמען געפירט צו די חצר, עס ארומגענומען מיט א גדר, אויפגעשטעלט טענט'ס צו פארשטעלן פון די רעגן. ווייניגער ווי א האלבע שעה נאכדעם האט זיך אראפגעלאזט א שלאקס רעגן און איך בין אריין אין א טענט.

ס'איז געווען אריינגעשטופט דארט זייער אסאך מענטשן מיט קינדער, גרויסע רענצלעך, א טייל מענטשן האבן אנגעהויבן רייכערן און ס'איז דארט געווארן פארשטיקט, דאס האט דערמאנט בילדער פון ווייניגער אנגענעמע תקופות פון כלל ישראל.

פלוצלונג האבן אנגעהויבן קומען שמועות אז מען שטופט אפ פלייט'ס, מיר האבן זיך שוין צוגעוואוינט צו דעם. נאכאמאל און נאכאמאל האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז איך וויל שוין אהיימגיין, מיין גוף טוט מיר וויי, מיין פלייצע, מיינע פיס, אינדרויסן איז געווען קאלט, רעגנדיג, אינעווייניג איז געווען פארשטיקט.

נאכן זיין צוויי שעה אין די טענט האב איך געשפירט אז מען קען נישט ממשיך זיין אזוי, און איך האב זיך געזוכט א אנדער פלאץ. איך האט געוואנדערט אונטערן רעגן ביז איך האב געטראפן א פלאץ וואס אויך דארטן זענען געווען אסאך אידן וואס האבן געווארט אויף זייערע פלייט'ס. אויך די פלאץ איז געווען געפאקט מיט מענטשן, אבער כאטש זענען די באדינגונגען געווען בעסער, אויך האב איך דארט געטראפן אפאר מענטשן וואס איך קען פון יבניאל און מיר האבן אנגעהויבן צוזאמען שמועסן געשמאק. דארט האב איך ווייטער געקענט לערנען 'אשר בנחל' און זיך דערנעטערן צו מאכן א סיום (נאך וואס איך האב זוכה געווען צו לערנען אסאך פון דעם אין די טעג פון ראש השנה און שבת).

דא האט מען אונז אויך געמאלדן אז אונזער פלייט איז אפגעשטופט געווארן אויף פיר אזייגער אינדערפרי, אלעס איז צום גוטן. אין די סטארידש זענען מיר געווען נאך א צוויי דריי שעה.

ווען ס'איז שוין געווען טונקל האט מען אונז געמאלדן אז אונזער פלייט איז צוריק אויף די ארגינעלע שעה, און מיר דארפן זיך אונטערציאגן צו אנקומען צום טערמינאל.

מיר זענען ארויס אינדרויסן, צום ריכטונג פון די טויער, דארט זענען שוין געווען א גרויסע גרופע פון מענטשן און געווארט מען זאל עפענען די טויער צום טערמינאל, ס'האט גערעגנט און אזוי זענען מיר געשטאנען ווען מיר ווערן גוט נאס.

די מענטשן וואס זענען שוין דארט געשטאנען האבן אונז דערציילט אז זיי שטייען שוין דא פיר שעה און די פאליציי עפענען נישט די טויער, איינער האט זיי מסביר געווען אז מען האט אונז געמאלדן אז אונזער פלייט איז צוריק אויף די ארגינעלע שעה און מיר דארפן זיך יאגן, אבער זיי האבן געזאגט אז דאס איז נישט אמת, קיין איין פלייט וועט נישט פארן אין צייט, זאכן זענען ארויס פון קאנטראל און די פאליציי עפענען נישט די טויער, כדי ס'זאל נישט אריינגיין אזויפיל מענטשן אין טערמינעל וואס איז שוין אזוי אויך געשטאפט, און ס'איז נישטא וואו אונז אריינצולאזן. אזוי זענען אונז געשטאנען א לאנגע צייט.

די רעגן האט ממשיך געווען צו פאלן, די ווינטן האבן זיך געשטארקט, די זייגער האט זיך גערוקט. אינצווישן האבן אנגעהויבן קומען נאך מענטשן וואס האבן געטראכט אז זיי דארפן זיך יאגן צו זייער פלייט און ס'איז געווארן דארט א גרויסע אנלויפעניש, ס'איז געווען זייער צושטופט און בפרט אז יעדער איינער האט מיטגעברענגט זיין גרויסע און קליינע רענצל.

איך האב געשפירט ווי די הענטל פון מיין רענצל דרוקט אויף מיין ריקן ביין, און ס'איז אפילו נישט געווען מעגליך צו בעטן עס צו רוקן פון דארט, ס'איז נישט געווען קיין פלאץ זיך צו רוקן, מיר זענען געווען אריינגעקוועטש איינער אין צווייטן און אזא סארט פארמאכטע לאגער וואס איז געמאכט געווארן פארדעם, ס'האט מיר דערמאנט פון די לאגערן וואס איך האב געזען אין די בית חב"ד אין לאראנקא.

# זייבן וואסערן



די צייט האט זיך גערוקט, און אפילו איין טריט האבן אונז זיך נישט פאראויס גערוקט.

צוביסלעך צוביסלעך האבן זיך מענטשן אנגעהויבן שפירן נישט גוט, ס'איז אריבער צוויי שעה פון שטיין צוקוועטש. ס'איז געווען א עלטערע מענטש וואס האט פארלוירן די באוואוסטזיין, מענטשן האבן אנגעהויבן שרייען און רופן פאר הילף, אויף עפעס א וועג האט מען אים ארויסגענומען פון דארט און געפירט מיט א אמבולאנס צום שפיטאל, ער וועט שוין לכאורה נישט אנקומען אויף ארץ ישראל אין די נאנטע טעג...

ווען ס'איז אריבער נאך א שעה האב איך זיך אנגעהויבן שפירן נישט גוט, פון אלעמאל האב איך געליטן פון דעם אז אויב איך שטיי אסאך צייט ווער איך אפגעשוואכט, איך האב פארשטאנען אז איך קען יעצט נישט חלש'ן, איך האב נישט געוואלט אז מען זאל מיר טראגן אין שפיטאל און איך זאל פארלירן די מעגליכקייט פון פארן היינט נאכט, איך האב א משפחה וואס ווארט אויף מיר.

איך האב אנגעהויבן אטעמען שטאט, און געבעטן דעם אייבערשטן ער זאל מיר ראטעווען. ס'האט ווייטער גערעגנט, אויך די קאלטע ווינטן האבן געשמיסן אין פנים, איך האב נישט געהאט קיין מאנטל אדער א אנדערע ווארעמע קלייד.

מענטשן האבן אנגעהויבן פארלירן זייער געדולד, ס'איז געווען א גרופע וואס האבן געפאדערט אז מען זאל אנהייבן אוועקשטופן די פאליציי, א טייל האבן מסכים געווען א טייל נישט, זיי האבן גע'טענה'ט אז אויב מען וועט אנהייבן צו ווילדעווען קענען זיי נאך פארמאכן די עירפארט און מיר וועלן דא בלייבן שטעקן.

צום סוף איז געבליבן אז מען וועט אנהייבן שטופן, און אסאך מענטשן האבן אנגעהויבן צו שטופן די טויער, וואס האט גורם געווען אז די פאלציי האבן אנגעהויבן שרייען און צוריקשטופן, זיי האבן געשפריצט גז פלפל (Pepper spray) און ס'איז געווארן א מצב פון סכנות נפשות.

ווען ס'איז אריבער א האלבע שעה פון א "קליינע אויפשטאנד" האט מען מחליט געווען צו אפשטעלן די שטופערייען ווייל דאס שטעלט איין די לעבן פון די מענטשן וואס שטייען די ערשטע נעבן די פאליציי. אזוי האט מען ממשיך געווען צו שטיין און ווארטן. די גאנצע צייט זענען נישט צוגעקומען צו אונז איינגעשטעלטע פון די עירליינס, זיי האבן זיך נישט אינטערעסירט, נישט געברענגט וואסער, גארנישט.

נאך פיר שעה שטיין אזוי, האבן זיי ענדליך מחליט געווען צו אנהייבן אריינלאזן קליינע גרופעס צום טערמינעל, די פאליציי האבן געווארנט אז זיי גייען עפענען די טויערן אבער מען טאר נישט שטופן נאר אריינגיין איינער איינער, פארשטייט זיך אז ס'האט נישט געהאלפן, פון גרויס צושטופעניש זענען אסאך געשטופט געווארן צום ריכטונג פון טיר, און די פאליציי האבן נאכאמאל פארשפארט.

דאס האט זיך איבערגע'חזר'ט אפאר מאל, און יעדן מאל האבן א קליינע גרופע מענטשן מצליח געווען אריבערצוגיין די טויער מיט זייערע רענצלעך, ס'איז געווען זייער נישט מסודר.

איך האב געשפירט ווי מיינע כוחות ענדיגן זיך, ס'איז נישט געווען מעגליך צו זיצן, נאר שטיין. איך האב זיך אראפגעבויגן, איך האב זיך אפגעהאקט פון אלעס ארום מיר, און פון אלעס וואס איז אריבער אויף מיר און איך האב געבעטן דעם אייבערשטן: "העלף מיר, איך האב שוין נישט קיין כח, נעם מיר ארויס פון דא". איך האב אויך געבעטן אויף די אנדערע מענטשן וואס זענען דארט געווען - אז יעדער איינער זאל וואס

# זייבן וואסערן

שנעלער זוכה זיין צו אנקומען אהיים, אז די טויערן זאלן זיך עפענען פאר אלעמען.

נאך אפאר מינוט האב איך זיך מיט א נס געטראפן שטיין ביי די ערשטע שורה, נעבן טויער. די קומענדיגע מאל וואס מען האט געעפנט די טויער בין איך אריין ב"ה אין עירפארט. איך האב געטראכט אז דא וועט שוין זיין גוט, פון יעצט וועט שוין אלעס פארן געשמירט. אבער אומזיסט.

איך קום אן אינעווייניג, ס'איז מיר שווארץ געווארן פאר די אויגן, אן א שיעור מענטשן שטייען אין רייע צום טשעק אין, א שורה וואס זעט אויס אז ס'גייט זיך קיינמאל נישט ענדיגן.

ווייטער האב איך געדארפט שטיין אויף די פיס צוקוועטשטערהייט, אן קיין מעגליכקייט זיך צו רירן צווישן די מענטשן און רענצלעך, אבער אנשטאט די קעלט און רעגן, איז געווען פארשטיקט אן לופט. די טערמינאל איז געווען א פארמאכטע בנין אן קיין פענ'ס, און מיט אזויפיל מענטשן - איז כמעט נישט געווען קיין אקסידשען.

נאך דריי שעה פון שטיין האב איך פארשטאנען אז ס'איז נישטא קיין אויסוועג און איך גיי אט אט חלש'ן רח"ל. אונטער מיר איז געשטאנען א מענטש און געפרעגט מיט פאניק: "איך דארף ארויסגיין, איך האלט זיך שוין איין אפאר שעה וואס זאל איך טון? איך שפיר אז איך גיי חלש'ן".

גוטע מענטשן האבן אים געזאגט ער זאל ארויסגיין פון די שורה און ארויסגיין, ער האט מורא געהאט אז אויב ער וועט ארויסגיין וועט אים זיין שווער צוריקצוקומען, און וואס איז מיט זיינע רענצלעך? ווער וועט עס אכטונג געבן? מענטשן האבן אים בארואיגט און אים צוגעזאגט צו אכטונג געבן אויף דעם, און אים אונטערגעיאגט צו ארויסגיין.

איך האב זיך אויסגעדרייט צו דער וואס איז געשטאנען אונטער מיר און אים געזאגט: "אויב איך וועל חלש'ן - וועסטו אנהאלטן מיין קאפ איך זאל נישט כאפן א קלאפ".

ער האט שנעל אויסרופן הויך: "ווער האט וואסער?!" מען האט אריבערגעשיקט וואסער, און ער האט מיר געגעבן צו אפוואשן מיין פנים, און צו טרינקען, ס'האט מיר אביסל געהאלפן, און געגעבן כח.

דריי שעה זענען אונז דארט געשטאנען אן זיך צו רירן, מיר האבן געבעטן אז מען זאל עפענען די דערנעבנדיגע טיר ס'זאל אריינקומען לופט, אבער דער פאליציי מאן האט נישט געוואלט, ער האט געזאגט אז אויב ער וועט עפענען - וועלן אויך מענטשן אריינקומען נישט נאר לופט, און ס'איז שוין נישטא דא קיין פלאץ...

איך האב נאכאמאל געבעטן: "איך בעט דיר אייבערשטער, היט מיר. איך האב א ווייב, קינדער און עלטערן. איך וויל זיי זען, איך האב נאך אפאר זאכן צו טון אויף די וועלט, נאך אפאר לימודים צו לערנען, און נאך אפאר ספרים צו מחבר זיין". ס'איז געווען מינוטן וואס איך האב געשפירט אז עפעס נישט גוט גייט פאסירן מיט מיר.

שכח אייבערשטער נאך אפאר מינוט האב איך זיך געטראפן שטיין ביי די ערשטע שורה נעבן די פאליציי. אבער דאסמאל איז מיין גרויסע רענצל געווען אריינגעקוועטשט צווישן די מענטשן, און איך האב פארשטאנען אז ווען די טויער וועט זיך עפענען - וועל איך עס נישט קענען שלעפן, און אפשר וועט מען מיר אריבערכאפן.





## די קיטל און ווייסע קאפל וואס איך האב געקויפט אין אומאן האב איך אויך אנגעטון יום כיפור. איך האב געבעטן פונעם אייבערשטן ער זאל מיר געדענקען צום גוטן אין יום כיפור די אלע ניסים ונפלאות און די מסירות נפש וואס איך האב געהאט כדי צו אנגעקומען אין אומאן, וואס דארט האב איך אנגעטון די קיטל און ווייסע קאפל.

איך האב געקוקט אויף די פאליציי וואס זענען דארט געווען, ווער ס'איז דער מענטשליכסטער פון זיי (ווייל ס'איז געווען אזעלכע וואס האבן געשטופט און געשריגן וכו'), פלוצלונג איז געווען איינער וואס האט זיך ממש געבעטן צו באקומען וואסער, עפעס א פאליציי מאן איז ערגעץ געגאנגען און אים געברענגט א פלאש וואסער, איך האב פארשטאנען אז ער איז א מענטשליכער פאליציי מאן.

איך האב געווארט ער זאל אריבערגיין נעבן מיר און דעמאלט האב איך געזאגט אויף ענגליש אז איך פיל נישט גוט און ס'איז מיר שווער צו אטעמען, נאך אביסל וועט מען עפענען די טויער און איך קען נישט רוקן מיין רענצל, אפשר קענסטו מיר ביטע יעצט אריבערפירן?

גלייך האב ער געהייסן ארויסנעמען מיין רענצל און עס אריבערגעפירט צו די אנדערע זייט, נאך אפאר מינוט האט מען געעפנט די טויער, און איך האב מצליח געווען צו אריבערגיין, איך האב גענומען מיין רענצל און ממשיך געווען צו גיין צו די טשעק אין. ס'איז געווען פינעף מענטשן פאר מיר, יעדן איינעם האט גענומען בערך א פערטל שעה.

נאכדעם וואס מען האט גענומען מיין רענצל און מיר געגעבן די טיקעט (ס'איז געווען פינף אזייגער פארטאג'ס) האב איך ממשיך געווען צום פלאץ וואו מען קוקט איבער די רענצלעך און פון דארט בין איך אנגעקומען צו א ריזיגע צימער ווי מענטשן זענען געווען פארווארפן אויפן ערד, א חלק פארשלאפענע, א חלק אויפן ערד, נישט געשמאקע סצענע'ס.

אלע האבן געווארט אויף זייער פלייט אבער אלע זענען געווען צובראכן אויף שטיקלעך. איך האב געטראפן א בענקל און זיך אוועק געזעצט, סוף סוף.

נאך א פערטל שעה איז געקומען א נייע מעלדונג אז מיר דארפן ליידיג מאכן די זאל און אריבער גיין צו א דערנעבנדיגע זאל וואס דארטן איז נישט געווען קיין בענקלעך אדער בענק. רוב עולם האט אויסגעקליבן צו ליגן אויפן ערד, לייגן עפעס א פעקל אונטערן קאפ און שלאפן, א חלק האבן אויסגעקליבן צו בלייבן שטיין אדער זיצן אויפן ערד.

בערך נאך א שעה פון אריינגיין אין די זאל, איז געקומען די פרייליכע מינוט צו ארויפגיין אויפן פליגער, מיר זענען ארויס אינדרויסן אבער די עראפלאן איז נישט געווען דארט, מען האט אונז געהייסן גיין ביז מיר וועלן אנקומען צו דעם, ווייטער האט געגרעגנט אויף מיר און די ווינטן האבן געשמיסן, פונדערווייטנ'ס האב איך געזען די עראפלאן איך האב געטראכט אז איך חלום.

נאך אפאר מינוט פון שנעל גיין (כ'האב שוין נישט געהאט קיין כח צו לויפן), בין איך



ענדליך ארויף אויפן פליגער און נאך א שעה האבן מיר זיך געהויבן שכח אייבערשטער.

נאך צוויי און פערציג מינוט איז אנגעקומען די אויסגעווארטעטע מינוט - מיר האבן געלאנדעט אין ארץ ישראל, שכח הייליגער באשעפער.

מאנטאג איינס אזייגער מיטאג האב איך מיט גרויס חסדים פונעם אייבערשטן זוכה געווען צו קושן די מזוזה ביים שוועל פון מיין שטוב און צו טרעפן מיין משפחה. ווי געזאגט איז דאס געווען מאנטאג, מיט גרויסע חסדים פון אייבערשטן, ווייל ס'איז געווען אסאך מענטשן וואס זענען געבליבן שטעקן אין די עירפארט אין באקו פאר נאך אפאר טעג.

די קיטל און ווייסע קאפל וואס איך האב געקויפט אין אומאן האב איך אויך אנגעטון יום כיפור אפילו איך האב שוין געהאט די נייע וואס איך האב געקויפט לכבוד יום טוב (וואס איז געבליבן אין רענצל). איך האב געבעטן פונעם אייבערשטן ער זאל מיר געדענקען צום גוטן אין יום כיפור די אלע ניסים ונפלאות און די מסירות נפש וואס איך האב געהאט כדי צו אנגעקומען אין אומאן, וואס דארט האב איך אנגעטון די קיטל און ווייסע קאפל.

ברוך השם אז מ'קען דאס אלעס פארציילן אין פריידן, און איך בין זיכער אז איך און אלע אנשי שלומינו האבן גע'פועל'ט א גוט יאר, און באקומען די תיקונים וואס דער הייליגער רבי האט צוגעזאגט פאר די אלע וואס קומען צו אים אויף ראש השנה.

**אשרינו שזכינו!**

# וָואס אִיז תְּשׁוּבָה?



**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת נִצָּבִים-וַיֵּלֶךְ, י"ט אֱלוּל, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

תְּשׁוּבָה טוּן מֵיינְט נִישְׁט זַיין בְּעַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה, דָאס הָאט נִישְׁט צוּ טוּן מִיט לֵב נִשְׁבָּר. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן מא): "**לֵב נִשְׁבָּר וְעַצְבוּת - אֵינוֹ עִנְיָן אֶחָד כְּלָל. כִּי לֵב נִשְׁבָּר הוּא בַּלֵּב, אֲבָל עַצְבוּת הוּא בָּא מִן הַטְּחוֹל. וְעַצְבוּת שֶׁהוּא מֵהַטְּחוֹל, הִיא סִטְרָא אַחֲרָא וְהַקָּדוֹשׁ-בָּרוּךְ-הוּא שׂוֹנֵא אוֹתָהּ**", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט פַיינְט עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז בְּעַצְבוּת הָאט עֶר נִישְׁט צוּ טוּן מִיט קְדוּשָּׁה אוּן דָאס בְּרֶענְגְט אִים צוּ דִי עֶרְגְסְטֶע עֲבֵירוֹת.



מֶען הָאט אַמָאל גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן (שָׁם, סִימָן מב; רלא): "וָואס אִיז דֶער חִילוּק פוּן אַ צֶעבְּרָאכֶענֶע הַארְץ אוּן עַצְבוּת?" הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "וֶוען מֶען אִיז בְּעַצְבוּת אוּן בְּמָרָה שְׁחוֹרָה אִיז מֶען בְּרוֹגֶז אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען אִיז בְּרוֹגֶז אוֹיף אַלֶעמֶען, אָבֶער וֶוען מֶען אִיז צֶעבְּרָאכְן אִיז מֶען נִישְׁט בְּרוֹגֶז, נָאר מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר וְכוּ'", אוּן בִּשְׁעַת דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעזָאגְט הָאט זִיךְ דֶער רֶבִּי אַוֶועקְגֶעדְרֵייט פוּן דִי מֶענְטְשְׁן, עֶר הָאט אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן זַיינֶע הֶענְט אוּן זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ מִתְבּוֹדֵד זַיין: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר".

וָואס אִיז תְּשׁוּבָה? תְּשׁוּבָה אִיז וֶוען מֶען שְׁוַוייגְט אָפּ, מֶען נֶעמְט אָן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט; צִי אִיז עֶס אַ שָׁאדְן אָדֶער אַ בִּזָיוֹן, מֶען שְׁוַוייגְט אָפּ, אוּן זִיכֶער אַז דוּ בַּאקוּמְסְט אַ פְּסַק אִין שְׁטוּב זָאלְסְטוּ שְׁוַוייגְן אוּן נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ו) "**וְעִקַּר הַתְּשׁוּבָה כְּשֶׁיִּשְׁמַע בִּזְיוֹנוֹ, יִדֹּם וְיִשְׁתֹּק**", אַז מֶען הֶערְט וִוי מֶען פַארְשֶׁעמְט אוּן מֶען שְׁוַוייגְט אָפּ, דָאס אִיז דֶער עִיקָר וִוי אַזוֹי מֶען טוּט תְּשׁוּבָה; פְרֵיי דִיךְ אַז דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ גְרִינְגֶע וֶועג תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, מִיר דַארְפְן נִישְׁט פַאסְטְן אוֹיף אוּנְזֶערֶע מַעֲשִׂים, מִיר דַארְפְן נִישְׁט טוּן קַיין גְרוֹיסֶע עֲבוֹדוֹת וְכוּ' אוּן סִיגוּפִים וְכוּ'. דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז אַן אַנְדֶערֶע סָארְט תִּיקוּן, דֶער תִּיקוּן אִיז אַז מִיר זָאלְן נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן וֶוען מִיר הָאבְּן אַ בִּזָיוֹן.

לָאז זִיךְ נִישְׁט פַארְפִירְן פוּן דִי נֵייעֶס, דִי נֵייעֶס נֶעמְט אַוֶועק דִי אֱמוּנָה אוּן בִּטָּחוֹן; זֵיי גְרַאגֶערְן אִין קָאפּ כְּאִילוּ דֶער פִירְט דִי וֶועלְט, יֶענֶער פִירְט דִי וֶועלְט, מֶען פַארְגֶעסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְס - עֶר פִירְט אַלֶעס, עֶר מַאכְט אַלֶעס; קֵיינֶער קֶען נִישְׁט טוּן אוּן קֵיינֶער קֶען נִישְׁט מַאכְן.

אִיךְ בִּין הַיינְט פַארְטָאגְס גֶעוֶוען אִין אוֹהֶל, אִיךְ הָאבּ גֶעדַאוֶוענְט פַאר דִיר אוּן פַאר דַיין מִשְׁפָּחָה.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

*עצתו אמונה תש"פ*

# א ווארט צווייי

זאצן וואס
פארדינען
שטערכלעך

בערל שניצלער

## ארויסזאגן די ווייטאג

"מענטשן גייען אריבער היינט אזויפיל פעין, אזויפיל איבערגייאכטס, און יעדע איד האט אמונה, ער גלייבט אינעם אייבערשטן אז פון אויבן קומט נישט ארויס קיין שלעכטס, אבער די מתנה פון עס קענען ארויסזאגן, זיך אויסרעדן וואס טוט וויי, דאס איז א מתנה וואס מיר האבן באקומען ביים רבי'ן, א מתנה וואס מ'קען נישט באצאלן מיט געלט!..."

**(אברהם הערש וועבערמאן - ברסלב'ע ברודער)**

## אידן זענען הייליג און טייער

די לעצטע צוויי מעשיות וואס דער ראש ישיבה האט געשריבן פאר מעשה'לעך פאר קינדערלעך, די מעשה פון ווייטצענער רב מיט תקיעת שופר, און די מעשה פון בלוזשעווער רב מיט די מסירות נפש'דיגע מאמע, ביים געבן די דעסקריפציע פון די צווייטע מעשה האט דער ראש ישיבה געזאגט: "יעצט אין די טעג פון אלול דארף מען דערציילן מעשיות פון די טייערקייט פון אידישע קינדער, וואס אידן זענען, זייער מסירות נפש פארן אייבערשטן..."

דאס גייט אין ליניע מיט וואס דער ראש ישיבה האט געשריבן פאריאר און זיך זייער געפרייט ווען ער האט געזען דעם אויסצאג אויפגעהאנגען אין בית המדרש אין אומאן: בַּיי אַלֶע תְּפִילוֹת; אָנְגֶעהוֹיבְּן פוּן סְלִיחוֹת, רֹאשׁ הַשָּׁנָה, עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה, יוֹם הַקָּדוֹשׁ, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער - זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער: "אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען זֵייעֶר גוּט, אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען זֵייעֶר וואוִיל, קֵיינֶער וִויל נִישְׁט זַיין שְׁלֶעכְט, קֵיינֶער מֵיינְט נִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְטְס, אֲפִילוּ וֶוען מֶען פַאלְט אִין עֲבֵירוֹת אִיז דָאס נִישְׁט פוּן שְׁלֶעכְטִיקֵייט, עֶס אִיז פוּן דִי שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת", דִי וֶוערְטֶער וֶועלְן אִיבֶּערְדְרֵייעֶן אַלֶע וֶועלְטְן, עֶס וֶועט פַארְשְׁטָאפְּן אַלֶע מְקַטְרְגִים.

**(יואל שניצלער)**

## פאזיטיווע הפצה

"ווען איך האב ארומגעלייגט גליונות אין א שוהל און איך קום צוריק שפעטער און איך זעה נישט קיין איין גליון, קלערנדיג אז מ'האט עס מן הסתם ארויסגעווארפן, פלעג איך האבן חלישות הדעת, ביז איך האב אפגעמאכט אז ווען איך זעה אזא זאך וועל איך עס אנקוקן אז מן הסתם האבן עס אלע מענטשן צוכאפט און איינגעלייגט אין טאש כדי עס אהיימצונעמען און זיך מחיה זיין דערמיט! אזוי ווערט די הפצה גרינגער!..."

**(א מפיץ)**

## דער ראש ישיבה האט געזאגט

### סטווען סטעפ פערפל מעטאד

"מיר זענען געווען געוואוינט צו הערן אז תשובה איז זייער שווערע זאך ווייל עס האט 4 חלקים: עזיבת החטא, חרטה, וידוי, קבלה. ממילא איז עס נישט אזא פשוטע זאך. אבער באמת קען מען זאגן אז עסן פערפל איז אויך נישט קיין פשוטע זאך... עס האט 7 חלקים: נעמען א טאפ, ארייַנלייגן וואסער און פערפל, אנצינדן די פלאם, נעמען א גרויסע לעפל און מישן, נעמען א טעלער מיט א לעפל, ארייַנלייגן פערפל אין דעם, עפענען די מויל און עסן.... נאר וואס דען, מען זאגט פארן אייבערשטן איך האב געטון נישט גוט, איך גיי עס מער נישט טון, איך האב חרטה, איך גיי שוין זיין וואויל. דאס איז תשובה!..."

**(שמחת בית השואבה - סוכות תשפ"ה)**

# געדאנקען

## ווען'ס איז די אויסגעהוילטע מארך ביין?

מיר ווען בעזר השם שמועסן אביסל וועגן די זאך פון הפצה, און די זאך פון טון פאר'ן כלל. און בכלל די זאך פון זיין א טוער, נישט א קוועטשער, א געבער, נישט א נעמער, א נושא בעול, נישט א קאמפלעינער.

און דערנאך קומט דאך אריין די נושא פון שלום בית, שטייצעך, אז מען מעג אביסל טון פאר די ווייב אן רעכענען און מעסטן צו כ'האב שוין געטון "גענוג" "פאר איר". זיי מוחל און טו נישט "גענוג", און טו נישט "פאר איר". טו וויפל גאט הייסט, און טו עס פאר'ן אייבערשטן, און דו וועסט באקומען מתן שכרה בצדה אז דו וועסט ווערן א געזונטער פרייליכער צופרידענער מענטש וואס קיינער קומט אים גארנישט. און דו וועסט באקומען א ריינע הייליגע מח וואס טראכט נישט פון אנדערע רחמנא ליצלן.

אסאך מאל קוקט עס אויס ווי עס איז דא אין א קהילה צוויי סארט מענטשן, די וואס טוען פאר'ן ציבור, און די וואס פארלאנגען מען זאל טון פאר זיי. די סעלפיש און די סעלפלעס.

אז מען קוקט אין רבינ'ס ספרים זעט מען אז די וואס טוען פאר אנדערע ווען מער מרויח זיין פון דעם רבינ'ס עצות, ווי די וואס פארלאנגען און ברעטשענען אז מען וואלט געדארפט מאכן בעסער דאס מיט יענס און יענס מיט דאס.

עס גייט אויך אויף די זאך פון שלום בית, די וואס זאגן אויב מיין ווייב וואלט יא געמאכט נאכטמאל און יא געוואשן וועש און יא גערעדט שיין צו די קינדער וואלט איך געקענט בעסער מצליח זיין מיט מיין דאווענען / לערנען / חינוך / פרנסה / שלום בית, וכולי וכולי, דאס איז א וועג וואס פירט צו א מבוי סתום, א טונקעלע ווינקעלע, א פארקירעוועטע ארט, וואס מען קען נישט ארויס פון דארט, סיידן אז מען זאגט בשבילי נברא העולם, די גאנצע וועלט איז אנגעהאנגען אויף מיר, יחיד ששב מוחלין לכל העולם כולו, אז איך וועל לויפן צום באשעפער און רעדן צום באשעפער וועט די גאנצע וועלט ווערן א לעכטיגערע פלאץ פאר מיר און פאר אלע אירע אכט ביליאן איינוואוינער.

ר' מיכאל שניטצלער ע"ה זינגט דאך דעם לידל אזוי הארציג, "דו ביסט נישט אין די וועלט, די וועלט איז אין דיר".

פאל נישט אונטער די וועלט, שיין אריין אין די וועלט פון אויבן אראפ, אזוי ווי די זון שיינט אריין און די וועלט, די זון קוקט נישט אויב איינער בלאזט אויף איר אדער נישט, זי געבט לעכטיגקייט. מענטשן פארשטעלן די זון מיט זון-שירעמעס, מענטשן גייען מיט זון-גלעזער, מענטשטן לייגן פירהענג און לאדנס צו פארשטעלן די זון, מענטשן צינדן אן עיר קאנדישן'ס צו COUNTER'ן די ווארימע לופט וואס די זון פארשפרייט, אבער זי ווערט נישט באליידיגט ווען מען דרייט זיך מיט'ן רוקן צו איר, זי טוט וואס גאט האט איר באפוילן 5785 יאר צוריק, זי מאכט זיך נישט צו טון פון די זון-שירעמעס און זון-גלעזער מענטשן וואס אנטליפן פון איר ווי מען אנטלויפט פון א אנשיקעניש.

די ערד קוקט נישט אויב מען טרעט אויף איר, אויב מען שפייט אויף איר, אויב מען גיסט סוער וואסער אויף איר, זי געבט לעבן, זי געבט ברויט, פרוכט, פלייש, מילך, אלעס קומט פון די גראז וואס קומט פון די ערד.

ווי גרויס דעם רבינ'ס עצות זענען, ווערט עס נאך סאך שטערקער און גרעסער ווען א מענטש נעמט די זאך פון זיין א געבער אנשטאט א נעמער. די זאך פון זיין א משפיע אנשטאט א מקבל איז א BOOSTER וואס וועט ברענגען דיין משניות / התבודדות / שלום בית צו די נעקסט לעוועל.

עס איז געווען איין שבת דעם זומער, איך געדענק נישט זיכער וועלכע שבת, האט דער ראש ישיבה גערעדט ביי סיפורי מעשיות, דארט וואו דער רבי זאגט, אין מעשה י"א, מעשה מבן מלך ובן שפחה, וועגן די כלי, וואס אז מען לייגט דאס אויף סיי וועלכע בהמה, הייבט עס אן צו זינגען.

דאס הייסט אפילו א מענטש וואס האט נישט קיין טראפ שכל, כמעט ווי א בהמה, אויב וועט ער נעמען די עצות פון רבי'ן, רעדן צום אייבערשטן, זאגן משניות, זאגן א גוט ווארט פאר די ווייב, וועט ער ווערן אויס בהמה, ער וועט ווערן א פרייליכער מענטש, ער וועט אנהייבן זינגען אנשטאט וויינען.

נאכדעם האט דער ראש ישיבה באריהרט די וויכטיגע נקודה פון העלפן אנדערע.

# איבערלעבענישן, אנאליזן און געדאנקען

**משה אריה שניצלער**

דער אמת'ער בן מלך וואס האט געהאט די כלי וואס אז מען לייגט עס אויף א בהמה זינגט עס, האט אוועקגעגעבן די וואונדערליכע כלי! פארוואס? אז ער זאל באקומען א זאך וואס איז מער ווערט פון דעם! וואס איז די זאך וואס איז מער פון דעם? צו זיין א מבין דבר מתוך דבר!

וואס מיינט דאס צו זיין א מבין דבר מתוך דבר? פשוט, זאגט דער ראש ישיבה, קוק וואס שטייט דארט ווייטער, אז זיין נייע זאך פון זיין א מבין דבר מתוך דבר האט אים געמאכט פארשטיין אז ער קען יא צוריק ברענגען די גאנצע וועלט צום אייבערשטן. ער קען יא צוריק ברענגען די ערשטע נאמען, די נארישע לאנד און די קלוגע מלכות. (אז א מענטש איז א נאר, אויב ער טראכט נישט פון דעם אייבערשטן איז ער א גרויסער שוטה, און נאר אז ער איז ממליך דעם אייבערשטן אויף זיך ווערט ער עטוואס קלוג).

קומט אויס לויט די דאזיגע ווערטער פון דער ראש ישיבה, אז א מענטש קען זיין א פיקס-פארטיגער ברסלב'ער מיט אלע פיטשעוווקעס, ח"י פרקים, א שעה התבודדות, רעדן שיין מיט דרך ארץ אין שטוב, ביסט אנגעקומען אז דו האסט שוין די כלי וואס אז מען לייגט עס אויף א בהמה זינגט עס. אבער דער רבי דערציילט אונז אז דער אמת'ער בן מלך האט אלעס אין די זייט געלייגט, אוועק געגעבן די וואונדערליכע כלי, אז ער זאל זיין א מבין דבר מתוך דבר, אז ער זאל קענען אלץ געדענקען אז מען מוז טראכטן אפשר קען איך מקרב זיין איין איד צום אייבערשטן, אפשר נאך איין איד וועט האבן א שיינע זיסע לעבן. קומט אויס לכאורה פון דא, אז די זאך פון העלפן אנדערע איז די CHERRY אויפ'ן TOP פון די אייסקרים, אויב איז משניות און התבודדות דיין קרוין, איז די זאך פון העלפן אנדערע, די דיימאנד אויפ'ן שפיץ פון דעם קרוין.

און אין מעשה י"ג איז דא ענליכע ווערטער, בערך.

דער רבי זאגט דארט, היינט אז איר לעבט א חיים טובים, העלפט'זשע דער מדינה, און איך זאג אייך, זאגט דער רבי, אויב איר וועט זיי נישט העלפן וועט עס אייך אויך שאטן.

אין אמעריקע איז דא א ווארט וואס מען נוצט אין עולם ה'ביזנעס:

A BUSINESS THAT DOESN'T GO UP, GOES DOWN

א ביזנעס וואס עס העכערט נישט כסדר די פראפיט, וועט צום סוף גיין אויף אראפ'צו.

מען מוז זיך כסדר קאכן און יאוועז וואס קען מען מאכן בעסער, און קאכן און פלאמען ווערט גרינגער ווען מען טראכט פון העלפן אנדערע ווי ווען מען טראכט ווי סאך משניות קען איך אליין אנקומען.

די זאך פון העלפן אנדערע איז א זאך וואס גייט בלי גבול, דיין אייגענע משניות האט א גבול.

אין די אייגענע משניות, וויפל קענסטו פלאמען און קאכן? ווערסט זאגן פופציג פרקים א טאג? הונדערט פרקים א טאג? אבער דיין פלאם איז נאך אלץ באגרעניצט. אבער צו העלפן אנדערע קען מען קאכן און פלאמען אן א סוף, געב א קוק וויפל מענטשן האבן זיך היינט גע'טובל'ט אין מקוה דורך מוהרא"ש, דאס גייט אן א שיעור. וויפיל מענטשן האבן לעצטע וואך מעביר סדרה געווען פון א דרשה פון דער ראש ישיבה? די פייער קאכט און פלאמט און נעמט צושטייטעלער איין גאר די וועלט.

לויט דעם קומט אויס אז מען מוז ערנסט טראכטן, וואס קען איך טון צו מקרב זיין נאך א איד צו די עצות פון רבי'ן. אז נישט קען נאך חלילה געשען וואס שטייט אין סיפורי מעשיות, "עס וועט אייך אויך שאטין".

מיר גייען זיך פארנעמען צום נייעם יאר תשפ"ו צו ווערן א מבין דבר מתוך דבר, מיר גייען אריינגעמען אין קעפעלע אז איך קען ווערן א געבער אנשטאט א נעמער

מיר גייען זיך ארומדרייען אין שטוב מיט א קרוין וואס שטייט אויסגעקריצט "פלוני בן פלוני האט גראדואירט פון די מבין דבר מתוך דבר אקאדעמיע".

ווען מיר טראגן ארויס די מיסט זעקל וועלן מיר נישט טראכטן אז יעצט וועט מיין ווייב מיך לאזן מנוחה פאר א טאג צוויי. ווען מיר וועלן אויפהייבן די שמוציגע זאקן פון דער ערד וועלן מיר נישט טראכטן איך האב מוותר געווען פאר מיין ווייב.

וואו קומט אהער די ווייב?!

און אז איינער האט נעבעך נישט קיין ווייב דארף ער נישט ארויסטראגן די מיסט?! דארף ער לאזן אלע שמוציגע זאקן אויף דער ערד?

פארוואס טראכטסטו אז דאס זעקל מיסט איז דיין ווייב'ס נכסים?!

דארט ליגט נישט דיין טשיקן פליגל וואס דו האסט אויסגעלעקט?! דארט ליגט נישט דיין ריב איי סטעיק וואס דו האסט אויסגענאגט?! דארט ליגט נישט דיין אויסגעהוילטע מארך ביין?!

הער שוין אויף צו קוקן אויף די קאלקעלעיטער ווען דו האסט שוין געטון פאר דיין ווייב מער ווי זי טוט פאר דיר! לעב נישט די נארישע לעבן! מעגסט שוין ווערן צופרידן און זאט און געזונט. אז דו ווערסט ארומלייגן הפצה קארטלעך וועסטו מער און מער באקומען די זאטע צופרידענע FEELING. דו ווערסט פילן ווי דו ביסט א צינור וואס בעט נאר פון באשעפער און איז משפיע מיט א ברייטע האנט פאר די ווייב און קינדער תשומת לב און שפע און א שמייכל.



# א מעשה פון א צדיק

אהרן קליטניק

## דֶער רַייכֶער פֶּעטֶער

אֵיינְמָאל אִיז רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה גֶעוֶוען זֵייעֶר עֶנְג אִין פַּרְנָסָה עֶר הָאט מַמָּשׁ גָארְנִישְׁט גֶעהַאט וָואס צוּ אַרָאפְּלֵייגְן אוֹיפְן טִישׁ בַּיי זִיךְ אִינְדֶערְהֵיים. הָאט עֶר אָפְּגֶעמַאכְט צוּ זִיךְ: "אִיךְ הָאבּ אַ רַייכֶע פֶּעטֶער וָואס וואוֹינְט אִין שְׁטָאט אָדֶעס, עֶר אִיז אַ גוּט הַארְצִיגֶע מֶענְטְשׁ, נוּ לָאמִיר פָּארְן צוּ אִים, עֶר וֶועט מִיר אַוודַאי הֶעלְפְן בְּחֵפֶץ לֵב וּבְרוּחַ נְדִיבָה."

רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי אָרִים אַז עֶר הָאט אֲפִילוּ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין גֶעלְט פַאר אַ פֶערְד אוּן וָואגְן, נוּ וָואס טוּט מֶען, עֶס אִיז דָא אַ וַוייטֶע וֶועג? אָבֶער צוּ גֵיין צוּ אַזַא גוּט הַארְצִיגֶע פֶּעטֶער לוֹינְט זִיךְ אַלֶעס אִין דִי וֶועלְט צוּ טוּן וַוייל עֶר וֶועט מִיר זִיכֶער הֶעלְפְן. נוּ! אִיז גֵייט מֶען גֵיין צוּ פִּיס

עֶר לָאזְט זִיךְ אַרוֹיס אַ גָאר וַוייטֶע וֶועג צוּ אָדֶעס מִיט אַ שְׁטַארְקֶע בִּטָחוֹן אוּן פַארְזִיכֶערְקֵייט אַז דֶער פֶּעטֶער וֶועט אִים הֶעלְפְן.

נָאכְן זִיךְ וַואלְגֶערְן אוֹיף דִי וֶועגְן קוּמְט עֶר עֶנְדְלִיךְ אָן קַיין אָדֶעס, עֶר זוּכְט זַיין פֶּעטֶערְס הוֹיז עֶר גֵייט צוּ צוּם פְּרֶעכְטִיגְן הוֹיז, אוּן מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע פְרֵיילִיכְקֵייט קְלַאפְּט עֶר אַרַיין מָלֵא שִׂמְחָה, אָהּ! עֶר גֵייט זִיךְ טְרֶעפְן מִיטְן פֶּעטֶער.

דֶער פֶּעטֶער עֶפֶענְט אוֹיף דִי טִיר אוּן זֶעט רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער שְׁטֵיין דָארְט, עֶר הָאט דֶערְשְׁמֶעקְט פַארְוָואס עֶר אִיז גֶעקוּמֶען. עֶר גֶעבְּט אִים שָׁלוֹם מִיט אַפָּאר אוֹיסְגֶעקַארְגְטֶע פִינְגֶערְס אוּן רוּפְט זִיךְ אָן: "אִיךְ קֶען יֶעצְט נִישְׁט רֶעדְן" אוּן עֶר הָאט פַארְמַאכְט דִי טִיר אוֹיף אִים.

רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער אִיז גֶעוָוארְן אַזוֹי וֵויי גֶעטוּן פוּן דֶעם, עֶר הָאט גֶעהַאט אַזַא חֲלִישׁוּת הַדַעַת אַז עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן וֵויינֶען צוּם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם וואוּ אִיז מַיין דַעַת? וואוּ אִיז מַיין שֵׂכֶל? וואוּ אִיז מַיין חָכְמָה? אִיךְ בִּין זִיךְ גֶעקוּמֶען שְׁלֶעפְּן בִּיז דָא קַיין אָדֶעס אוּן גֶעהַאט בִּטָחוֹן אִין אַ בָּשָׂר וָדָם אַז אַ מֶענְטְשׁ וֶועט מִיר הֶעלְפְן וָואס הַיינְט אִיז עֶר דָא אוּן מָארְגְן אִיז עֶר אִין קֵבֶר"

מִיט אַ צֶעבְּרָאכְן הַארְץ אִיז עֶר אַרוֹיסְגֶעלָאפְן פוּן שְׁטָאט פוּל מִיט צַעַר אוּן עַגְמַת נֶפֶשׁ אַז עֶר הָאט אַזַא פֶּעטֶער וָואס אִיז נִישְׁט קַיין מַכְנִיס אוֹרַח, זָארְגְט זִיךְ נִישְׁט פַאר אַ צְוֵוייטְן אִיד אוּן אֲפִילוּ אַבִּיסְל וַואסֶער קֶען עֶר נִישְׁט גֶעבְּן.

עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען מִנְחָה צַייט צוּ אַ קְלֵיין דֶערְפְל, עֶר הָאט אַפִּירְגֶעזוּכְט אַ בֵּית הַמֶדְרָשׁ, עֶר הָאט זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט בַּיי אַ ווִינְקֶל אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן דַאוֶוענֶען מִנְחָה מִיט שְׁטַארְקֶע בְּכִיּוֹת מִיט אַ צֶעבְּרָאכְן הַארְץ, אוּן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען דָארְט אַ לֶענְגֶערֶע צַייט זָאגֶענְדִיג: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם וִוי קֶען דָאס זַיין אִיךְ הָאבּ מִיר פַארְלָאזְט אִין אַ בָּשָׂר וָדָם". דֶער גַבְּאַי פוּן דֶעם שׁוּל הָאט גֶעזֶען אַז אַ מֶענְטְשׁ שְׁטֵייט אוּן דַאוֶוענְט אַזַא לַאנְגֶע צַייט, הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ מִן הַסְתָּם אִיז עֶר אַ בַּאהַאלְטֶענֶע צַדִיק. אִיז דֶער גַבְּאַי אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען שַׁאפְן גֶעלְט פַאר דֶעם בַּאהַאלְטֶענֶעם צַדִיק.

וֶוען רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער הָאט שׁוֹין גֶעוָואלְט פַארְלָאזְן דִי דֶערְפְל אִיז דֶער גַבְּאַי צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ אִים אוּן אִים אַהִינְגֶעגֶעבְּן אַ שֵׁיינֶע סְכוּם גֶעלְט. עֶר הָאט זִיךְ שֵׁיין בַּאדַאנְקְט פַאר אִים פַארְן אַרוֹיסְהֶעלְפְן אִין צַייט פוּן נוֹיט.

אוֹיפְן וֶועג אַהֵיים הָאט רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער אָפְּגֶעמַאכְט צוּ זִיךְ אַז פַאר עֶר פָארְט אַהֵיים וִויל עֶר אַרַיינְגֵיין צוּ זַיין רֶבִּי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. אָנְקוּמֶענְדִיג צוּ רֶבִּי נָתָן, נָאךְ פַאר וָואס וֶוען הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן אִים מַקְדִים גֶעוֶוען אוּן גֶעזָאגְט: "אַז דוּ הָאסְט גֶעדַארְפְט אַ יְשׁוּעָה, הָאסְטוּ גֶעדַארְפְט פָארְן צוּ אוּמַאן צוּם צִיוּן פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן זי"ע, אוּן וִויבַּאלְד דוּ הָאסְט זִיךְ פַארְלָאזְט אִין אַ בָּשָׂר וָדָם אִיז דָאס גֶעשֶׁען אַז דַיין פֶּעטֶער הָאט דִיר פַארְטְרִיבְּן, כְּדֵי דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אַזַא צֶעבְּרָאכְן הַארְץ אוּן דוּ זָאלְסְט זִיךְ אַזוֹי מִתְוַודֶה זַיין, וַוייל אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט וואוּ צוּ לוֹיפְן נָאר צוּם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער.



(אשר בנחל חלק כ' בריוו ג' אלפים כג 3023)



# דעם הייליגן רבינ'ס לעבנסגעשיכטע

## קל"ג

## פָארְזֶעצוּנְג פוּן פְרִיעֶר:

פַאר שָׁבוּעוֹת, אִיז הָרַב הַקָדוֹשׁ מִחְמֶעלְנִיק זי"ע אַרִיבֶּערְגֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן פַאר אַ בַּאזוּךְ, עֶר אִיז גֶעוֶוען דֶעם רֶבִּינְ'ס מְחוּתָן, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן צוּגְרֵייטְן אַ גְרוֹיסֶע סְעוּדָה פַאר אִים, אוּן דֶערְוַוייל הָאט דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט גָאר אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע מַעֲשֶׂה.

מִיטְוָואךְ, ו' סִיוָן, יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, זֶענֶען זִיךְ צוּזַאמְגֶעקוּמֶען בַּיים רֶבִּי'ן אַ גְרוֹיסֶער קִיבּוּץ פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ.

מִיטְל נַאכְט הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט תּוֹרָה אוֹיפְ'ן פָּסוּק (חֲבַקוּק ג', א') "תְּפִלָּה לַחֲבַקּוּק הַנָּבִיא עַל שִׁגְיֹנוֹת", וָואס אִיז גֶעדְרוּקְט אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן י"ט.

אַ וָואךְ נָאךְ יוֹם טוֹב, אִיז רֶבִּי נָתָן מִיט ר' נַפְתָּלִי אָנְגֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן. דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן, "אִיךְ הָאבּ דִיר אַהֶערְגֶעבְּרֶענְגְט, וַוייל אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעוָואלְט זָאגְן אַ נֵייעֶ זַאךְ וָואס צוּ טוּן, אַז דוּ זָאלְסְט אָנְהוֹיבְּן לֶערְנֶען קַבָּלָה".

דָאס הֵייסְט אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט אַז רֶבִּי נָתָן זָאל קוּמֶען צוּ אִים, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַזוֹי צוּגֶעפִירְט אַז רֶבִּי נָתָן זָאל בַּאקוּמֶען אַ חֵשֶׁק צוּ פָארְן צוּם רֶבִּי'ן.

דֶעמָאלְט אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן בַּיים רֶבִּי'ן דִי פִינְפְטֶע טָאכְטֶער, עֶר הָאט אִיר אַ נָאמֶען גֶעגֶעבְּן "פֵיגָא", נָאךְ זַיין מַאמֶע דִי צַדֶיקֶת.

צוּלִיבּ דִי שְׁוַואכְקֵייט פוּן רֶבִּיצִין, הָאט מֶען אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן דָאס קִינְד פַאר אַ זֵייגֶערִין אִין דֶעם דֶערְנֶעבְּנְדִיגְן שְׁטָאט לַאדִיזִין.

שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, כ"ח תַּמוּז, הָאט מֶען גֶעפְרֶעגְט אַ קַשְׁיָא אוֹיבְן אִין הִימְל, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף דֶעם אַ תֵּירוּץ. דִי קַשְׁיָא אִיז גֶעוֶוען אַז עֶס אִיז דָא מַקִיפִין אוֹיפְ'ן שֵׂכֶל, זַאכְן וָואס נֶעמֶען אַרוּם דֶעם שֵׂכֶל, אוּן סְ'אִיז דָא מַקִיפִין אוֹיף דִי תּוֹרָה, זַאכְן וָואס נֶעמֶען אַרוּם דִי תּוֹרָה; וִוי אַזוֹי קֶען מֶען מַאכְן אַז דִי זַאכְן וָואס זֶענֶען אַרוּם אוּן אַרוּם זָאלְן אַרַיינְגֵיין אִינֶעוֵוייניג, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַ תֵּירוּץ אוֹיף דֶעם, וָואס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן כ"א, (זֶע וַוייטֶער).

זוּנְטָאג, עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אָב, פַארְנַאכְטְס, וֶוען מֶען הֶערְט אוֹיף צוּ עֶסְן פְלֵיישׁ, אִיז דֶער רֶבִּי דֶעמָאלְט גֶעוֶוען זֵייעֶר עֶרְנְסְט, עֶר אִיז גֶעלִיגְן אִין בֶּעט אוּן גֶעשְׁוִויגְן, עֶר אִיז גֶעוֶוען פַארְזִינְקֶען אִין זַיינֶע מַחְשָׁבוֹת פַאר גָאר אַ לַאנְגֶע צַייט.

רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעשְׁטַאנֶען בַּיים רֶבִּי'ן, דֶערְשְׁרָאקְן אוּן פַארְוואוּנְדֶערְט פַאר אַסַאךְ שָׁעוֹת. דֶער רֶבִּי הָאט אִים דֶערְצֵיילְט אַסַאךְ זַאכְן, אוּן אִינְמִיטְן דִי שְׁמוּעֶס הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זִיךְ אָנְגֶערוּפְן, "דֶעם שַׁבָּת הָאבּ אִיךְ זֵייעֶר גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פַארְוָואס יֶעדֶע זַאךְ וָואס אִיךְ וִויל טוּן, מוּז אִיךְ עֶס טוּן מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ?", דָאס מֵיינְט אַז יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר וִויל טוּן אִין עֲבוֹדַת ה', אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער פַאר אִים, אוּן עֶר קֶען עֶס נִישְׁט אוֹיסְפִירְן נָאר מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ מַמָשׁ.

דֶער רֶבִּי הָאט אִים דֶערְצֵיילְט אַז יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי וֶוען עֶר שְׁטֵייט אוֹיף אוּן וִויל דַאוֶונֶען, קֶען עֶר בִּכְלַל נִישְׁט עֶפֶענֶען דָאס מוֹיל, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט מִיט וָואס זִיךְ מְחַיֶ' צוּ זַיין, וִויל עֶר פְּרוּבִּירְן כָאטְשׁ זִיךְ צוּ דֶערְמַאנֶען עֶפֶּעס אַ נִיגוּן, זִיךְ צוּ קֶענֶען אוֹיפְלֶעבְּן אַבִּיסְל מִיט אַ נִיגוּן, אָבֶּער דָאס קֶען עֶר אוֹיךְ נִישְׁט, עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט דֶערְמַאנֶען קַיין שוּם נִיגוּן, בִּיז עֶר וֵוייסְט שׁוֹין בִּכְלַל נִישְׁט וִוי אַזוֹי זִיךְ שְׁטֶעלְן דַאוֶונֶען, אוּן פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן שְׁטֶעלְט עֶר זִיךְ דַאוֶונֶען. דֶערְנָאךְ, וֶוען עֶר הַאלְט שׁוֹין אִינְמִיטְן דַאוֶונֶען, דֶעמָאלְט דֶערְמַאנְט עֶר זִיךְ עֶרְשְׁט אַ נִיגוּן וָואס קוּמְט אִים אַרוֹיף אִין גֶעדַאנְק. אוּן אַזוֹי גֵייט עֶס אִים בַּיי יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר וִויל טוּן, עֶס אִיז אִים זֵייעֶר שְׁוֶוער, אוּן אַלֶעס דַארְף עֶר טוּן מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ.

וָואס הָאט וַוייטֶער פַּאסִירְט?
לֵיינְט קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי"ה



אליעזר זוסיא ווערטהיימער



# אייזיק ראטה

**א) וויפיל יאר פארסטו שוין קיין אומאן אויף ראש השנה?**

פערצן יאר צום גוטן. דאס ערשטע מאל בין איך געפארן אויף ראש השנה תשע"ב. וואס איז אגב געווען דאס ערשטע יאר וואס דער ראש ישיבה שליט"א האט געדאווענט פארן עמוד ביי מוהרא"ש זי"ע אין מעגאמעטער.

**ב) ווילאנג פאר ראש השנה מאכסטו שוין דיין טיקעט?**

אין פרידנס צייטן פלעג איך מאכן סוף ווינטער, יעצט נאך תקופת קאראנע, און בשעת מלחמת רוסלאנד-אוקריינע ווארט איך אביסל ביז דער ראש ישיבה זאגט מען זאל שוין מאכן טיקעטס, ווי מיר אלע האפן אז עס וועט זיך בארואיגן די מצב און מען וועט קענען פארן דורך קיעוו.

**ג) ווען איז ביי דיר די איינס אדער צוויי הויכפונקטן פון די גאנצע נסיעה/יו"ט?**

עס איז זייער שווער, ווייל יעדע יאר איז דא אנדערע הויכפונקטן, אז איך מיש צוריק די זכרונות פון פארגאנגענע יאר שווימען ארויף די פאלגענדע אנעקדאטן.

קודם ווען מ'קומט אן, די ברוכים הבאים אין בנין, עס איז זייער געשמאק זיך צו טרעפן מיט אלע אנשי שלומינו די בכל אתר ואתר.

די ערשטע סעודה ליל ראש השנה די קידוש פונעם ראש ישיבה, ס'ווארעמט די ביינער, ס'שפירט זיך א העכערקייט אין די לופט. ווי אויך דאס זינגען ביי די סעודות. ובפרט די לעצטע סעודה ווען די טאלאנטפולע חזנים לייגן אראפ שיינע שטיקלעך פון ימים נוראים.

ערב יום טוב ביים ציון, מ'שפירט שוין אין די לופט די קדושת החג, די התעוררות ביים ציון צונעמט מיר יעדעס יאר פון פריש. ווי אויך דאס השתפכות ביים ציון יום טוב צופרי פארן דאווענען.

די תקיעות שופר דרשה. ווי אויך די דאווענען בכלל און ביי חזרת הש"ץ בפרט, אוי ס'בענקט א גאנץ יאר ווי דער ראש ישיבה הייבט אן 'אתה בחרתנו' מיט די שיינע זיסע נוסח, עס צונעמט מיר די ביינער יעדע תפילה עקסטער. די קינדער כאָר וואס באגלייטן דאס דאווענען וואס ווערט ווי א יאר שענער און שענער.

**ד) ווען גייסטו צום רבינ'ס ציון דורכאויס די גאנצע צייט, און ווען איז די רואיגסטע צייט ביי דיר צו גיין צום רבינ'ס ציון?**

ווי פריער אין טאג איז די רעש און האָ האַ שטילער. ווען איך קום אן אין אומאן, גיי איך זיך אויסרוען די שרייעדיגע מידע ביינער, דערנאך גיי איך גראד צופרי צום ציון שוין מיט אביסל אן אויסגעריטע קאפ מיט אביסל ישוב הדעת. איך מאך מיר אפ אז מ'רעדט נישט מיט קיינעם ביז איך בין געווען ביים ציון, ווייל די צייט פליט אסאך שנעלער אין אומאן, מ'געבט זיך נאר איין דריי און ס'פאריבער אפאר שעה.... יעצט אז איך ברענג שוין א קינד, רעכן איך אויס צו גיין צום ציון אין די צייט ווען ס'איז דא חדר פאר זיי.

ווי אויך ערב ראש השנה, איך פרוביר צו גיין פרי צו קענען האבן א פלאץ צו זיצן ביי תיקון הכללי עולמי, די קבלת עול מלכות שמים פון

# געלויבט

דעם אייבערשטן אז מיר זענען אין אזא לעכטיגע הייליגע חבורה וואו מען טוט דעם רבינ'ס רצון וואס ער האט געבעטן מען זאל קומען צום אים אויף ראש השנה. מיר קומען יעדעס יאר צו פארן, כאטש עס איז נישט גרינג, יעדעס יאר איז דא אנדערע שוועריקייטן, גוטע תירוצים פארוואס נישט צו קומען, אבער מיר קוקן נישט אויף קיין שום זאך, מען מאכט צו די אויגן און מען לאזט זיך ארויס אויפן לאנגן שווערן וועג קיין אומאן צום הייליגן רבי'ן צו באקומען אונזער אייביגע תיקון

יעדער איינער האט זיך זיין מעשה וויאזוי ער קומט אן קיין אומאן, און וויאזוי עס שטעלט זיך אויס ביי אים די נסיעה. כאטש אלע פארן טאקע צוזאמען, מ'איז צוזאמען אין אומאן אויפן זעלבן פלאץ, דאך איז ביי יעדן פערזענליך א סיפור פאר זיך

לכבוד יום טוב האבן מיר אויסגעפרעגט אפאר אינגעלייט פון אנשי שלומינו זיי זאלן אונז פארציילן איבער זייער נסיעה, סיי וויאזוי זיי שטעלן אויס זייער נסיעה אויף א געשמאקע אופן, אזוי אויך פרעגט מען זיי פון ווען זיי פארן שוין אויף אומאן, און נאך אינטערעסאנטע שאלות וואס קען צוניץ קומען פאר אלע חשובע ליינערס

מיר האבן דאס צוטיילט אין ניין באזונדערע שאלות, און ווי אינטערעסאנט עס שטעלט זיך ארויס איז אז יעדער פאר זיך האט זיין מהלך וויאזוי עס האט זיך ביי אים אויסגעשטעלט דאס פארן צום רבי'ן ביז היינט

מיר האפן אז איר וועט הנאה האבן און ארויסנעמען דערפון התחזקות אויף ווייטער

**דערנאך גיי איך גראד צופרי צום ציון שוין מיט אביסל אן אויסגעריטע קאפ מיט אביסל ישוב הדעת. איך מאך מיר אפ אז מ'רעדט נישט מיט קיינעם ביז איך בין געווען ביים ציון, ווייל די צייט פליט אסאך שנעלער אין אומאן, מ'געבט זיך נאר איין דריי און ס'פאריבער אפאר שעה...**

צענדליגע טויזענטער אידן איז נישט עפעס וואס מיר האבן יעדן טאג.

ראש השנה פארטאגס וואס איז לכאורה די רואיגסטע אין געשמאקסטע צייט, מ'קען שפירן דעם רבי'ן ממש פנים בפנים. ס'איז שטיל, קיינער זעצט נישט, מ'שרייט נישט, מ'יובל'ט נישט. יעדער זיצט זיך אויף זיין פלאץ ווייס אנגעטון, מיט פרישע פיאות, איינער מיט א תהילים, איינער מיט א ליקוטי תפילות וכו' עס הערשט א ווארעמע הארמאני ווייב (vibe) מ'קען זיך רואיג אויסבעטן א גוט יאר.

**ה) וועלכע געדאנק וואלסטו געטראכט קען ארויסהעלפן פאר אנדערע, עפעס וואס מען זאל מיטברענגען, עס זאל פארגרינגערן די נסיעה?**

ס'איז דא צוויי חלקים, וויאזוי צו איינפאקן, און וואס צו פאקן.

אויב מעגליך צוטיילן די וועש לויט די טעג. העמעדער, אינטערוועש, זאקן, אריין און א סטארידש אדער שאפינג בעג, מ'קניפט עס צו, מ'מאכט א קליינע לאך די אנדערע זייט און מ'קוועטשט ארויס די לופט פון יענע לאך, ס'ווערט אביסל וועקיום פעקד, אזוי נעמט עס נישט אויף קיין סאך פלאץ אין רענצל, און ווען מ'דארף פרישע וועש האט מען עס שוין אלעס צוגעגרייט.

אלע רינעדיגע זאכן ווי למשל זייף און שעמפא, לייגט מען אין א בעג, אזוי גיסט זיך נישט די השפעות אויף די ארומיגע חפצים.

מ'קען לייגן די זאכן אינעם שטריימל באקס, סיי אז אזוי האסטו מער פלאץ אין רענצל, און סיי די שטריימל שווימט נישט ארום אין באקס.

אריין לייגן די שווערע זאכן ווי למשל טלית ותפילין ספרים וכו' אינעם רוק-זאק, אדער אן אנדערע קליינע זעקל ווייל דאס וועגן זיי נישט אפ, די האנט באגאזש רענצל מעג נאר וועגן בערך 18 פונט.

זאכן וואס קומען צוניץ אויפן פליגער אדער לאנגע וועגן אין שטעגן.

א קעמל זיך צו קען געבן א פריש אויף די פיאות פון צייט צו צייט, טיילענאל פי עם, אדער אנדערע שלאף פילן, (כדאי צו נעמען גראד פארן ארויף גיין אויפן פליגער). אפאר שאפינג בעגס קען אלץ צוניץ קומען. ווי אויך איינס צוויי שטארקע גרעסערע בעגס (למשל דאס וואס שאפרייט פארקויפט פאר $1).

א האלטער פאר די פאספארט וואס מ'טוט אן אויף זיך ווי א קייטל, אדער ווי א פאסיק - במשך די נסיעה קען עס זיין אונטערן העמד אדער ציצית, מ'קען קויפן א ווייסע אזוי שטארט עס נישט ארויס. אזוי דארף מען נישט זוכן די פאספארט און באורדינג פעס אין אלע טאשן, דו האסט עס ביי די האנט, און ס'איז אויף דיר א גאנצע צייט, ס'פליט נישט אין ערגעץ.

בדרך כלל פאַרן פאָרן קען מען נישט עסן, די הונגער וועקט זיך אויף ביים געיט אדער אויפן פליגער, מ'קען מיטנעמען טשיקן קאטלעטס, אדער א קאָלד-קאָט סענדוויטש, אויפן פליגער ווען מ'הונגערט איז עס קאלטערהייט גוט...

א סעט פרישע וועש מיט זיך אויבן אויפן פליגער, אז עפעס פאסירט מיטן רענצל איז מען נישט קליידערלאז.

צוויי דריי פעקלעך רעפס (ווייכע מצות...) עס נעמט נישט אויף קיין פלאץ און עס מאכט זאט. מיני ראלס, קאלד-קאטס, עס האלט זיך זייער לאנג אן א פרידשידער אויב ס'איז נאך פארמאכט, מ'קען גרינג מאכן א שטיקל סענדוויטש פאר זיך און די קינדער. (בפרט אויפן וועג צוריק ווען אויפן פליגער איז דער עולם טויט הונגעריג און מ'האט נאר צוקוועטשטע קיכעלעך, דער וואס איז זוכה האט א נאדל סופ...).

טונא-קען, די חברה קענען עס אוועק נעמען ביי סעקיוריטי ווייל ס'איז מער ווי 3 אונסעס. ס'איז דא טונא וואס קומט אין א קליינע בעג, עס נעמט נישט אויף קיין פלאץ, עס איז גרינג צו עפענען, און וועגט נישט אזוי סאך ווי א קען. מאיאנעז איז דא אזא squeeze פלעשל וואס איז מער פראקטיש ווי א געווענליכע באטל.

סנעקערס - אן די באקס צו שפארן פלאץ, לאקשן זופ (געדענקען אריינלייגן אפאר אינעם גרויסן רענצל פאר די וועג צוריק). קוקיס אדער קופעלעך עקסטער געפאקט וכו' ס'קומט אין א באקס בערך 10 שטיק, א שאד די פלאץ פאר די באקס, לייג עס אריין און א בעג און שפאר דיר איין די חרוסת מיקס וואס טוט זיך אינעם רענצל ווען דו קוקיס מיט די שעמפא מאכן א יד אחת...

די געפאקטע פלייש וואס דארף נישט קיין פריזער. די חברה קענען עס אוועק נעמען

ביי סעקיורעטי אבער ס'איז ווערט די ריזקע בפרט אויפן וועג אהיים, אדער אויב מ'בלייבט שטעקן לענגער ווי געפלאנט בארץ לא זרועה. טשיקן זיפ, קעיפאן האב איך געפונען די מערסטע עסבאר. עס איז ארום געוומען צוויי מאל, מ'קען בעטן די באאמטע אויפן פליגער עס צו אנווארעמען פאר 12 מינוט און ס'איז פיין הייס.

ווי אויך קען מען קויפן ערב יום טוב אין אומאן פרישע פיטאס און וואוועק לייגן פאר די וועג אהיים.

וואס צו נעמען אינעם גרויסן רענצל:

א סידור וואס האט שבת'דיגע דאווענען. נאך אן עקסטערע האנטיך, די האנטיכער ווערן שווער טריקן אין אומאן אפילו מ'שפרייט עס אויס אויפן בעט. לאנדרי זאק, אדער אפאר ליידיגע גארביטש בעגס.

**ו) וועלכע ספרים ברענגסטו מיט אויפן עראפלאן?**

סליחות, חומש, תהילים, משניות, בית נצחי, תיקוני זוהר, ספר פון רבי'ן, און ספר אוצר ראש השנה.

**ז) האסטו שוין זוכה געווען צו ברענגען נאך א איד ער זאל קומען קיין אומאן אויף ראש השנה?**

יא. ברוך השם איך האב מקרב געווען מיינע צוויי ברידער, חוץ מזה וואס ביידע זענען עוסק אין הפצה, איינער מיטן מאכן די ניגונים סידי'ס, און איינער מיטן פאנדרעיזן שווערע געלטער פארן קרן הדפסה.

**ח) ווער איז געווען דער גוטע שליח דיר צו ברענגען קיין אומאן אויף ראש השנה?**

דער ראש ישיבה שליט"א.

**ט) שרייב איבער אן אייגנארטיגע ספעציעלע התעוררות, אדער עפעס אן אינטערעסאנטע מעשה, א ישועה, וואס דו האסט געהאט דורכאויס די יארן פון קומען קיין אומאן אויף ראש השנה**

ווי געשריבן אויבן איז די התעוררות ערב ראש השנה ביים ציון עפעס נישט מזה העולם, עס איז א שטיקל בחינה וואס מ'קען ערווארטן ווען משיח גייט קומען און אלע אידן וועלן ארויף גיין עולה רגל זיין צוזאמען, אויף איין באנק זיצן אלע סארט אידן פון אלע עקן וועלט פון אלע שיכטן און קרייזן. אלע זענען דא מיט איין ציל צו פארברענגען א יום טוב ביים צדיק, די התעוררות און קול בכיות וואס הערט זיך אזוי פון צוויישן די מענטשן איז עפעס וואס קען צונעמען אפילו א פארשטיינערטע הארץ.

וועגן ישועות, איך זעץ מיר אראפ מיט מיין ווייב פאר איך פאר און מיר שרייבן אפ א צעטל מיט אלע אונזערע בקשות פון קליין ביז גרויס, יעדן דעטאל. יעדעס מאל איך גיי צום ציון, נעם איך דאס מיט, און איך ליין עס פאר פארן רבי'ן. קומענדיגע יאר פאר ראש השנה נעמט מען ארויס דאס צעטל, און ב"ה רוב זאכן פעלט נישט אויס איבער צו שרייבן ווייל ס'איז געווארן מסודר דורכן יאר, ב"ה איך זע ישועות יעדעס יאר. מ'דארף נאר געדענקען עס צו צוזאם שטעלן. (פארשטייט זיך אז ס'דא כלליות'דיגע זאכן וואס מ'דארף האלטן אין איין מתפלל זיין)

# יצחק פאפנהיים

**וויפיל יאר פארסטו שוין קיין אומאן אויף ראש השנה?**

פערצן יאר צום גוטן ב"ה.

**ווילאנג פאר ראש השנה מאכסטו שוין דיין טיקעט?**

געווענליך גלייך נאך יו"ט שבועות.

**ווען איז ביי דיר די איינס אדער צוויי הויכפונקטן פון די גאנצע נסיעה/יו"ט?**

ביים הייליגן רבינ'ס ציון.

דאס זענען מינוטן וואס במשך דעם גאנצן יאר קוק איך ארויס אויף זיי, מיין גאנצע טרייסט איז דער רבי, ער איז דער איינציגסטער וואס האט פאר מיר חיזוק אויף יעדן מצב, ער איז דער איינציגסטער וואס פארשטייט מיר און ווייסט וואס איך גיי אריבער צום גוטנס און צו בעסערס, מיין הארץ בענקט א גאנץ יאר צו זיין ביים רבי'ן, איך חלש ממש צו קומען צו אים און שמועסן מיט אים.

עס קומט מיר נישט אויס צו זיין אין אומאן במשך'ן גאנצן יאר אויסער ראש השנה, און ווען ס'קומט שוין די מינוטן וואס איך בין זוכה צו קומען צום ציון, פארליר איך זיך ממש, איך קען שטיין, שמועסן, וויינען און בענקען במשך

**דא קומט אריין צו באדאנקען די טייערע מלמדים וואס פירן דעם חדר אין אומאן מיט געטריישאפט אוועק געבנדיג זייערע טייערע צייט אין אומאן - עס האט מיר אמאל געזאגט א מלמד אין אומאן ראש השנה פארטאגס אז יעצט איז זיין ערשטע מאל וואס ער גייט צום ציון זייט ער איז אנגעקומען..**

א שעה צוויי און אפילו מער. ווען איך דארף שוין גיין דארף איך ממש פארקלאפן מיינע געפילן און זיך אוועקרייסן פון ציון. דאס איז איינע פון די זאכן וואס איך געב אוועק פאר מיינע קינדער, ווייל קומענדיג צום רבי'ן מיט קינדער האב איך וויניגער צייט צו זיצן ביים ציון. אבער עס לוינט זיך נאך אלץ צו ברענגען די קינדער אפילו פאר דעם פרייז, ווייל וואס איז דער תכלית פון קומען צום רבי'ן אויב איך קען נישט ברענגען אויך מיינע קינדער צום רבי'ן.

די מינוטן פון תקיעת שופר און די מינוטן נאך תקיעת שופר ווען מען זינגט אשרי העם יודעי תרועה - דאס זענען מינוטן וואס רייסן אויף מיין הארץ צום אייבערשטן, די תקיעות וואס גייען ארויס פון שופר מיט א צובראכענע קול, די ניגון פון אשרי מיטן הארץ רייסנדע שטימע פונעם ראש ישיבה שליט"א - עס עפענט אויף די הארץ.

בנוסף איז שווער צו באשרייבן ווי געשמאק און זיס איז צו זיין ביים רבי'ן מיטן ראש ישיבה שליט"א, דער ראש ישיבה שליט"א מאכט אונז געשמאק דעם יום טוב, די תפילות, שיעורים און סעודות זענען ממש א פארגעניגן.

**ווען גייסטו צום רבינ'ס ציון דורכאויס די גאנצע צייט און ווען איז די רואיגסטע צייט ביי דיר צו גיין צום רבינ'ס ציון?**

אנקומענדיג קיין אומאן איז יעדע יאר אנדערש, צומאל גיי איך זיך קודם אראפלייגן און נאר נאכדעם גיי איך צום ציון, צומאל פיל איך יא ווי איך האב די כוחות צו גיין גלייך צום ציון.

במשך די וואכנדיגע טעג גיי איך אריבער בערך צוויי מאל א טאג - עס ווענדט זיך אויף אין מיינע קינדער, איך קען נישט נעמען מיינע קינדער צום ציון ווען זיי זענען מיד און אפגעשוואכט און איך קען נישט גיין אליין צום ציון ווען איך ווייס נישט ווער עס בלייבט מיט מיינע קינדער און געבט אכטונג אויף זיי (דא קומט אריין צו באדאנקען די טייערע מלמדים וואס פירן דעם חדר אין אומאן מיט געטריישאפט אוועק געבנדיג זייערע טייערע צייט אין אומאן - עס האט מיר אמאל געזאגט א מלמד אין אומאן ראש השנה פארטאגס אז יעצט איז זיין ערשטע מאל וואס ער גייט צום ציון זייט ער איז אנגעקומען) ממילא לאז איך זיך פירן פונעם אייבערשטן און ווען איך זע אז איך האב א געלעגנהייט און איך פיל זיך אין די כוחות, גיי איך אריבער צום ציון, און אויב נישט בין איך זיך מתבודד וואו אימער איך שטיי.

בנוסף גיי איך ארויף ראש השנה פארטאגס מיטן ראש ישיבה שליט"א צוזאמען מיט מיינע קינדער. אגב: עס איז אביסל שווער ארויפצוגיין פארטאגס מיט די קינדער, זיי זענען מיד און קאלט, אבער וויסנדיג אז איך טו זיי יעצט א גרויסע נצחיות'דיגע טובה האב איך אזוי רחמנות אויף זיי און איך וועק זיי אויף, חוץ פון דעם ענדיגן זיי נישט רעדן א גאנץ יאר ווי געשמאק עס איז צו גיין פארטאגס אין די גאסן פון אומאן...

**וועלכע געדאנק וואלסטו געטראכט קען ארויסהעלפן פאר אנדערע, עפעס וואס מען זאל מיטברענגען, עס זאל פארגרינגערן די נסיעה?**

די ערשטע זאך וואס איך קען זיך זאגן פאר מיר אליין צו מיטברענגען איז שיחה ב' אין שיחות הר"ן: טוב מאד להשליך עצמו על השם יתברך ולסמוך עליו. וכן כשמגיע שבת או יום טוב, אזי אני מוסר כל ההתנהגות וכל העניינים והתנועות של אותו השבת או היום טוב להשם יתברך, שיהיה הכל כרצונו יתברך. ואזי איך שמתנהג באותו השבת ויום טוב שוב אינו חושב וחושש כלל שמא לא יצא ידי חובה בהנהגת קדושת אותו היום, מאחר שכבר מסר הכל להשם יתברך וסמך עליו יתברך לבד. זיך פשוט איבערגעבן צום אייבערשטן, זיך לאזן פירן, נישט וועלן אויספירן, בפרט אין די לעצטע יארן וואס די טלטולי הדרכים זענען גרויס און מען קען קיינמאל נישט וויסן וואס נאך עס קומט אונטער און מען קען ממש ווערן איבערגעשטרענגט און ארויסגיין פון די כלים, איז נישטא קיין אנדערע עצה חוץ פון זיך איבערגעבן צום אייבערשטן און זיך לאזן פירן, און פארשטייט זיך אסאך אסאך תפילה.

איינע פון די זאכן וואס איך נעם מיט און דאס איז מיר גאר וויכטיג איז הענגערס (ראק) וואס מ'הענגט אויף אויף די בעטן, פאר האנטוכער און אנדערע זאכן וואס איז נישט באקוועם אריין צו הענגען אין שאנק יעדע מאל עקסטער, בפרט ווען מען קומט מיט קינדער, אנשטאט עס זאלן זיך וואלגערן זאכן אויף דער ערד אין די שטוב, איז כדאי צו מיטברענגען הענגערס וואס טוט זיך אן אויף די האלץ פון בעט אן צו מאכן שאדן פאר די בעט.

נאך א זאך וואס האט מיר זייער געהאלפן - עס קען העלפן יעדער וואס ברענגט מיט קינדער. מיטברענגען די וועש פון די קינדער אין זעקלעך, פאר יעדן טאג א זעקל מיט די וועש פון דעם טאג (א קליין דורכזיכטיגע זעקל) אויף די זעקל פון אינדרויסן קלעב איך ארויף א שטיקל קלעב פאפיר און איך שרייב אויף פאר וועלכע טאג די זעקל איז געאייגנט, דאס פארשפארט אסאך קאפ ווייטאג מיטן ארומזוכן יעדן טאג די וועש פאר די קינדער.

**וועלכע ספרים ברענגסטו מיט אויפן ערעפלאן?**

חומש, משניות און תיקוני זהר.

אויף די באסעס נעם איך מיט אויך לימודים יומיים ווי ליקוטי מוהר"ן, גמרא, און נאך. איך האב געזען ביי מיר אז תפסת מרובה לא תפסת, אויב איך ברענג מיט מיין גאנצע שאנק, לערן איך גארנישט, און אויב ברענג איך מיט אביסל ספרים לערן איך מער.

**האסטו שוין זוכה געווען צו ברענגען נאך א איד ער זאל קומען קיין אומאן אויף ראש השנה?**

איין יאר האב איך געהערט אויף איינע פון די חברים אז ער פלאנט נישט צו פארן אין אומאן האב איך אים אנגערופן און גערעדט מיט אים און אים מחזק געווען. צום סוף איז ער ב"ה געקומען. מער פון דעם ווייס איך נישט - קען זיין אז מיט הפצה האב איך שוין גורם געווען נאך מענטשן צו קומען אבער נישט וואס איך ווייס.

**ווער איז געווען די גוטע שליח דיר צו ברענגען קיין אומאן אויף ראש השנה?**

זייענדיג אלט בערך פופצן יאר איז מיין טאטע מקורב געווארן צו ברסלב און ער איז געפארן קיין אומאן, מיין ברודער האט מיר געשאפן געלט פאר א טיקעט און מיר געשלעפט צום רבי'ן, איך בין דעמאלט נישט געווען מקורב איך בין געזעצן דעם גאנצן ראש השנה און ליידער גערייכערט ציגארעטלעך, איך האב נישט געוואוסט גארנישט פון ברסלב נאר אז ס'איז נישט גוט, איך ווייס ניטאמאל אויב איך בין דעמאלט אריין צום ציון זאגן תיקון הכללי - קיינער האט מיר אפילו נישט מסביר געווען די גרויסקייט פון דעם - דאס איז געווען מיין ערשטע יאר אין אומאן, זייט דעמאלט פאר איך יעדע יאר (אויסער די ערשטער יאר נאך מיין חתונה וואס איז געווען א בחינה פון חלל עליו שבת אחת כדי שישמור שבתות הרבה און אויך די יאר פון קאוויד - קאראנע).

שכח אייבערשטער אז מיט די צייט האט מיר דער רבי פארכאפט אין זיין זאק און איך בין מקורב געווארן צו אים אין איינע פון די כיתות אין ברסלב און דערנאך איז מיר געשען

די גרויסע נס ווען איך בין מקורב געווארן צום ראש ישיבה שליט״א.

**שרייב איבער אן אייגנארטיגע ספעציעלע התעוררות, אדער עפעס אן אינטערסאנטע מעשה, א ישועה, וואס דו האסט געהאט דורכאויס די יארן פון קומען קיין אומאן אויף ראש השנה**

איך האב נישט קיין מעשה צו פארציילן, איך פאר ראש השנה אין אומאן ווייל דער הייליגער רבי האט געהייסן, איך ווייס נישט וואס גייט פאר אויבן אין הימל אבער איך גלייב אז ווען איך קום צום רבי׳ן טוט זיך גרויסע זאכן מיט מיין נשמה און מיט מיין רוחניות, איך קען נישט און איך וויל זיך נישט פארשטעלן ווי איך וואלט אויסגעקוקט אן דעם רבי׳ן, דער רבי ברענגט אריין אין מיר א האפענונג, א תקווה און א גוטער ווילן, און דאס וואס א איד דארף כדי צו מצליח זיין אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט – און דערפאר בין איך ביים הייליגן רבינ׳ס חדר, און אויב דער רבי הייסט קומען ראש השנה צו אומאן קום איך אן קיין חכמות

# שמוליק בלעדי

**א) וויפיל יאר פארסטו שוין קיין אומאן אויף ראש השנה?**

בסייעתא דשמיא די יאר גייט זיין די עלעפטע יאר זייט מיין ערשטע נסיעה צום הייליגן רבי׳ן אין יאר תשע״ה.

אבער פיר מאל האב איך נישט זוכה געווען צו פארן. דריי מאל וועגן די אימיגראציע פראצעדור וואס איך גיי אדורך, און איין יאר פון קאראנע וואס איך בין שוין געשטאנען ביים געיט ארויף צו גיין אויפן פלעין און דער ראש ישיבה האט געזאגט אז מ׳זאל אהיימגיין.

אן אינטערעסאנטע נקודה, אז דארט ביים געיט זענען געווען נאך אנדערע חסידישע אינגעלייט און זיי האבן געכאפט א שאק ווען זיי האבן געזען א גאנצע גרופע מענטשן נעמען זייערע פעקלעך און גייען ארויס פונעם עירפארט ווייל זיי האבן באקומען א טעקסט פון זייער ראש ישיבה.

**ב) ווילאנג פאר ראש השנה מאכסטו שוין דיין טיקעט?**

געוויינטליך בין איך א לעצט מינוטיגער מענטש ווען ס׳קומט צו טרעוולען, אבער די לעצטע פאר יאר הייב איך אן קויפן טיקעטס ארום א חודש פאר ר״ה.

**ג) ווען איז ביי דיר די איינס אדער צוויי הויכפונקטן פון די גאנצע נסיעה/יו״ט?**

דאס איז זייער א שווערע שאלה ווייל די גאנצע נסיעה איז איין שטיק דערהויבנקייט! קודם ביים זיך צוגרייטן, דאווענען און בענקען צום רבינ׳ס ראש השנה. נאכדעם ביים פארן אליין וואס מ׳טרעפט זיך מיט נאך אנשי שלומינו וואס בענקען און געמאכט אזוי פיל תפילות צו פארן צום רבי׳ן.

ווען מ׳קומט שוין אן צום ציון ווי די הארץ גייט אויס ביים רבי׳ן, איך זאג דאס מיט טרערן אין די אויגן ווייל איך בענק שוין אזוי שטארק צום רבי׳ן. נאכדעם ביי סליחות, ביים דאווענען, די סעודות, גיין צום ציון פארטאגס, די שיעורים און תקיעות, בקיצור מ׳קען נישט עכט זאגן אויף עפעס אז דאס איז די נקודה, איך מיין אז ביי מיר איז זייער שטארק די דאווענען ביים ראש ישיבה שליט״א ווי ער לייגט אראפ אזא שיינע הארציגע דאווענען אז די הארץ גייט אויס און אלע חושים עפענען זיך און מ׳וויל ממש אויסגיין פארן באשעפער אז עס איז ממש ביטול הבחירה. אויך ווען איך זיץ ביים ציון און איך בין זיך מתבודד צווישן אזוי פיל מענטשן, קולות פון ניגונים, לערנען דאווענען, איך פיל ווי איך בין אין א וועלט וואס נאר איך מיט דער רבי און דער אייבערשטער געפינען זיך, ס׳איז ממש צייטן וואס איך וויל נישט ס׳זאל זיך ענדיגן.

**ד) ווען גייסטו צום רבינ׳ס ציון דורכאויס די גאנצע צייט און ווען איז די רואיגסטע צייט ביי דיר צו גיין צום רבינ׳ס ציון?**

די ערשטע מאל וואס איך גיי איז גלייך ווען איך קום אן קיין אומאן געב איך א לויף צום ציון איך קען שוין קוים ווארטן אנקומען צום רבי׳ן און זאגן דארט תיקון הכללי מיט די תפילות וואס איז דא צום סוף און אריין לייגן אסאך אייגענע תפילות מיט התבודדות און זיך מתוודה זיין א ווידוי דברים. אסאך מאל עפענט זיך אזא הארץ, אוי ס׳איז אזא פארגעניגען זיך נאכאמאל צו טרעפן מיט דעם אור עולם דער הייליגער רבי וואס איך האב זיך אזוי געבענקט און אריבער אזוי פיל פארשידענע מניעות און זוכה געווען זיי אריבער צו גיין, איך פיל ממש ווי איך קען נישט אוועקגיין פון דעם הייליגן ארט.

אגב, וואס מער און שווערער די מניעות זענען געווען, אלץ נאנטער פילט מען, אזוי ווי דער הייליגער רבי זאגט אין זיינע הייליגע ספרים.

ביי מיר איז דא צוויי חלקים אין גיין צום הייליגן רבינ׳ס ציון:

1. אריינגיין זאגן תיקון הכללי ביים ציון און פרובירן צו געבן א קוש דעם שטיין און אביסל התבודדות.

2. אריינגיין צום ציון זאגן דעם תיקון הכללי, זיך אוועק זעצן אינמיטן פון די בענק ווי איך טרעף נאר א פלאץ, בעסער אינמיטן פון די באנק אזוי זאל איך זיין פארשפארט מיט די מענטשן פון מיינע צוויי זייטן און דארט לערנען דעם הייליגער רבינ׳ס ספרים און זיך אליין טרעפן ביים ספר און מאכן התבודדות אויף דעם און דאס קען נעמען אפאר שעה.

נאכדעם ביז יום טוב וועל איך זען וואס מער צו גיין ווען איך האב צייט, אדער אויב איך וועל גיין ערלעדיגן עפעס אין געגנט וועל איך אלץ אריינגיין, יעדע מאל וועל איך כאטשיק זאגן דעם תיקון הכללי און זיך אביסל מתבודד זיין.

אויך וועל איך זען צו כאפן די צייט ערב יו״ט וואס מ׳לאזט דעמאלט יעדעם אריבער גיין ביים ציון. יום טוב וועל איך גיין נאך די ערשטע סעודה ביינאכט אהין און צוריק נאר פאר תיקון הכללי מיט א קליינע תפילה. און צופרי ביים עלות וועל איך צוריק קומען און פראבירן צו ענדיגן ספר תהילים און אוודאי תיקון הכללי און התבודדות.

נאך די סעודה וועל איך נאכאמאל גיין, און דאס קען שוין נעמען א לענגערע צייט.

די לעצטע צוויי יאר וואס מ׳האט פארשפארט דעם אריינגאנג און ארויס פון ציון ביי חצות, איז ביי די צווייטע נאכט בין איך שוין געבליבן ביים ציון ביז שחרית.

ביינאכט פון חצות ביזן עלות איז די ליידיגסטע שעות ביים ציון.

למעשה גיי איך כאטש פופצן מאל צום ציון.

**ה) וועלכע געדאנק וואלסטו געטראכט קען ארויסהעלפן פאר**

**איך ווייס נישט וואס גייט פאר אויבן אין הימל אבער איך גלייב אז ווען איך קום צום רביין טוט זיך גרויסע זאכן מיט מיין נשמה און מיט מיין רוחניות, איך קען נישט און איך וויל זיך נישט פארשטעלן ווי איך וואלט אויסגעקוקט אן דעם רביין, דער רבי ברענגט אריין אין מיר א האפענונג, א תקווה און א גוטער ווילן...**

**אנדערע, עפעס וואס מען זאל מיטברענגען, עס זאל פארגרינגערן די נסיעה**

פאר אלעמען דארף מען אסאך תפילות, מיט גאר א שטארקע גוטע אויג צו זען נאר גוטס אין יעדע זאך און אין יעדער מענטש, דאס וועט זיכער גרינגער מאכן די נסיעה.

איך פאק צאם די וועש פאר יעדן טאג באזונדער אין א זיפלאק בעג, אזוי איז עס זייער מסודר און מ'דארף נישט איבערדרייען די גאנצע רענצל.

**ו) וועלכע ספרים ברענגסטו מיט אויפן עראפלאן?**

סידור, תהילים, מחזור, ליקוטי מוהר"ן, שיחות הר"ן, ספר המידות, חיי מוהר"ן, סיפורי מעשיות, בבלי ירושלמי תוספתא אויף מסכת ראש השנה, תיקוני זוהר, זוהר, משניות, גמרא, בבלי ווי איך האלט, קונטרס פון ליקוטי תפילות און ליקוטי הלכות אויף ראש השנה.

**ז) האסטו שוין זוכה געווען צו ברענגען נאך א איד ער זאל קומען קיין אומאן אויף ראש השנה?**

ברוך השם איך האב זוכה געווען צו ברענגען עטליכע טייערע אידן צום הייליגן רבי"ן. אויך האב איך געהאלפן פערזענליך מענטשן וואס זענען שוין געפארן אפאר יאר וואס ס'האט נישט אויסגעזען אז זיי וועלן קומען נאכאמאל און זיי זענען צום סוף יא געקומען. בסייעתא דשמיא דאס יאר וועל איך זוכה זיין צו ברענגען מיין טאטע שליט"א און מיין ברודער צום ערשטע מאל ראש השנה (מיין טאטע שליט"א האט מיר געברענגט צום רבי"ן תשנ"ח פאר די זיבן יאר, שבועות צייט, און איך וועל אים אייביג מכיר טובה זיין פאר דעם).

**ח) ווער איז געווען דער גוטער שליח דיר צו ברענגען קיין אומאן אויף ראש השנה?**

כ'וועל זאגן דעם אמת איך האב אלע יאר געבענקט און געוואלט פארן קיין אומאן אויף ראש השנה אפילו איך האב גארנישט געוואוסט צו זאגן פון ברסלב. אבער אזוי ווי איך קום פון לעלוב און דארט איז דער מנהג אז מ'פארט קיין ירושלים אויף ראש השנה אזוי ווי דער דריטער רבי אין לעלובער שושלת רבי אלעזר מנחם מענדיל זצוק"ל האט געזאגט אז "כל הכתוב לחיים בירושלים" איז דאס געווען זייער א שטארקע זאך. ממילא, ביז מיין חתונה האב איך געוואלט מכבד זיין מיין טאטע און זיין מיט אים ראש השנה אין ירושלים.

אבער אזוי ווי נאך מיין חתונה האב איך נישט געוואוינט אין ירושלים, האב איך נישט געהאט ווי צו זיין אין ירושלים, צו דינגען א דירה קאסט א הון תועפות ווייל אסאך חסידות'ן קומען צו זייער רבי, בין איך געווען ביי מיין ברודער אין א אנדערע שטאט. האב איך דעמאלט מחליט געווען אז די קומענדיגע יאר וועל איך פארן קיין אומאן און זייט דעמאלט פאר איך.

די צווייטע יאר וואס איך בין געפארן האב איך געטראפן אין לופטפעלד א אינגערמאן פון א ברסלב'ער משפחה וואס פארט שוין זייט ער איז א אינגל, מיר זענען אריין אין א שמועס און מ'האט זיך געכאפט אז אונז ביידע וואוינען אין די זעלבע שטאט, מ'האט זיך קובע געווען א חברותא צו לערנען דעם הייליגער רבינ'ס ספרים אז איך זאל וויסן צו וועם איך פאר. יענע יאר שכח אייבערשטער האב איך זוכה געווען צו מקורב ווערן צום ראש ישיבה שליט"א.

**ט) שרייב איבער אן אייגנארטיגע ספעציעלע התעוררות, אדער עפעס אן אינטערסאנטע מעשה, א ישועה, וואס דו האסט געהאט דורכאויס די יארן פון קומען קיין אומאן אויף ראש השנה**

וואס זאל איך דיר זאגן, די ישועות וואס איך האב געזען ביים הייליגן רבי"ן איז אזוי פיל, וויפיל מ'וועט שרייבן איז נישט דא גענוג פאפירן און טינט דאס אראפ צו שרייבן.

איין נקודה וועל איך יא זאגן.

אזוי ווי איך האב שוין דערציילט, די צווייטע יאר וואס איך בין געפארן האב איך קובע געווען א חברותא צו לערנען דעם רבינ'ס ספרים, האב איך שוין אנגעהויבן צו לערנען גלייך ווען איך בין אנגעקומען צום ציון. איך האב געהאט יענע יאר זייער א שטארקע התעוררות און בענקעניש און ליבשאפט צום הייליגן רבי"ן, איך האב דארט געבעטן אז איך זאל קענען מפרסם זיין דער רבי אויף די גאנצע וועלט. אזוי איז טאקע געשען. נאכדעם וואס איך בין צוריק געקומען קיין ארץ ישראל פון אומאן און מ'האט אנגעהויבן אונזער חברותא, איז געווארן פון דעם א חברותא פון פיר אידן, איינער פון זיי איז מו"ה נחמן פילמער הי"ו וואס איז מתרגם די חיזוק יומי אויף לשון קודש, מיר האבן געלערנט שיחות הר"ן. פון די חברותא איז געווארן א גאנצע שיעור אין שיחות הר"ן וואס איך האב פארגעלערנט. אינמיטן פון דעם יאר בין איך מקורב געווארן צום ראש ישיבה דורך די חיזוק יומי וואס מו"ה

אברהם משה שטראססער שליט״א שיקט ארויס, וואס איציק מענדעלאוויטש נ״י האט מיר אויפגעסיינט, און ביים שיעור האב איך כסדר געדעדט פונעם ראש ישיבה און איך האב יעדעם אויפגעסיינט צו באקומען די חיזוק יומי.

דעמאלט האט נחמן פילמער אנגעהויבן מיט מתרגם זיין דעם חיזוק יומי פון דער ראש ישיבה און איך האב דאס ארויס געשיקט, אזוי בין איך זוכה צו פארשפרייטן דעם הייליגן רבינ׳ס דיבורים און עצות אין די גאנצע וועלט נאך ביז היינט. שכח אייבערשטער.

נ. ב. איך וויל צולייגן זייער א וויכטיגע נקודה. נישט אייביג עפנט זיך די הארץ, אמאל קען מען קומען צום רבי׳ן און גארנישט פילן. מ׳פילט אז די הארץ איז פארשפארט, עס ממש נישט דא קיין געפילן, איך קען אפילו נישט ארויסברענגען די ווייטאג פון דעם אליין. פון דעסטוועגן דארף מען זיך מחזק זיין אז מ׳איז נישט דא פאר געפילן, נאר דאס איז א באנוס, מ׳איז דא פארן תיקון וואס דער רבי האט אונז צוגעזאגט און מ׳דארף זיך פרייען אז מ׳האט זוכה געווען צו פאלגן און קומען קיין אומאן צום הייליגן רבי׳ן. ומי שהיה אצלי על ראש השנה צריך לשמוח מאוד.

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן אלע זוכה זיין צו א גוט געבענטשט יאר און מיר זאלן אויס׳פועל׳ן אלעס גוטס. א פרייליכן יום טוב.

# נפתלי זאבעל

**א) וויפיל יאר פארסטו שוין קיין אומאן אויף ראש השנה?**

יעדעס יאר איז מיין ״ערשטע יאר״ וואס איך פאר קיין אומאן... נאר וואס דען? עס האט זיך אנגעהויבן 15 יאר צוריק, ראש השנה תשע״ב. ב״ה יעדעס יאר זייט דעמאלטס בין איך געפארן, אויסער אין תש״פ, ביי קאוויד, ווען אלעס איז געווען געשפארט, בין איך ווי פארשטענדליך נישט געפארן.

**ב) ווילאנג פאר ראש השנה מאכסטו שוין דיין טיקעט?**

זייט קאוויד און די מלחמה, מאך איך מיין טיקעט געווענטליך ערגעץ צווישן 1 - 2 חדשים בעפאר ראש השנה, אין פאל עס טוישט זיך דער מצב, און אויך צוליב וואס מיין בעסטע אפציע איז צו פארן מיטן טשארטער, אבער אין גוטע צייטן האב איך פרובירט זיך משתדל זיין עס צו מאכן א 3-4 חדשים פריער.

**ג) ווען איז ביי דיר די איינס אדער צוויי הויכפונקטן פון די גאנצע נסיעה/יו״ט?**

די ערשטע הויכפונקט איז, ווען איך קום אן צום ציון צום ערשטן מאל, ווען די געגועים און בענקשאפט צום רבי׳ן - וועלכער האט אונז אויסגעלערנט אזא זיסע וועג פון לעבן מיטן אייבערשטן - האבן זיך אנגעזאמלט דורכאויס דעם גאנצן יאר און גיסן זיך דעמאלטס איבער... איך פרוביר צו גיין [לויפן...] צום ציון די ערשטע געלעגנהייט וואס מעגליך, אפגעזען ווילאנג מען איז געפארן, אדער וועלכע צייט פון טאג, (פארשטייט זיך אויסער אין די נאכט קורפיו שעות ביי די מלחמה).

די אנדערע הויכפונקטן זענען די הערליכע יום טוב תפילות, די התעוררות ביים שופר בלאזן, און די ערנסטע אבער געשמאקע און גאר פרייליכע שבת און יום טוב סעודות, אזוי אויך די סליחות און פדיון נפש מיטן ראש ישיבה, און באזונדער פרוביר איך צו זיין אנוועזנד ביי די הערליכע דף שיעורים, די געשמאקע זיסע שמועסן מתוקים מדבש פונעם ראש ישיבה נאכן דף שיעור, עס איז ממש מחי׳ נפשות!

**ד) ווען גייסטו צום רבינ׳ס ציון דורכאויס די גאנצע צייט און ווען איז די רואיגסטע צייט ביי דיר צו גיין צום רבינ׳ס ציון?**

איך פרוביר צו גיין צום ציון הקדוש כאטש איין מאל יעדן טאג ווילאנג איך געפון זיך אין אומאן, עס קען זיין סיי ווען אין טאג, צומאל קען מיר כאפן א התעוררות צו גיין נאכאמאל, מען כאפט דעם נעקסטן שאטל און מען לויפט ווידער צום רבי׳ן. יום טוב גיי איך אפט צוויי מאל, צוערשט פארטאגס בעפארן דאווענען, און אויב די צייט ערלויבט גיי איך ווידער נאך די סעודה.

אויף די שאלה ווען איז די רואיגסטע צייט, דאס איז [פלעגט זיין...] יום טוב

> ביי מיר איז זייער שטארק די דאווענען ביים ראש ישיבה שליט״א ווי ער לייגט אראפ אזא שיינע הארציגע דאווענען אז די הארץ גייט אויס און אלע חושים עפענען זיך און מ׳וויל ממש אויסגיין פארן באשעפער אז עס איז ממש ביטול הבחירה..

שפעטער ביינאכט נאך האלבע נאכט... ווען עס איז היפש ליידיגער און מיט ווייניג גערודער, מען קען זיך דעמאלטס בעסער מתבודד זיין דארט ביים רבי'ן... היינט קען מען דאס נישט טון צוליב די קורפיו. עס איז נישטא קיין ווערטער צו ערקלערן די בענקשאפט וואס איך האב דעמאלטס געשפירט ווען מען איז זיך אביסל מתבודד, טאקע דארט ביים ציון הקדוש במחיצת דעם רבי'ן!

### ה) וועלכע געדאנק וואלסטו געטראכט קען ארויסהעלפן פאר אנדערע, עפעס וואס מען זאל מיטברענגען, עס זאל פארגרינגערן די נסיעה?

יעדער האט זיך זיינע אייגענע געברויכן, במילא קען איך נישט זאגן בפרטיות וואס יא און וואס נישט מיטצוברענגען. וואס ביי איינעם קען זיין גאר וויכטיג, קען ביי א צווייטן זיין גענצליך איבריג. אבער איין גוטע געדאנק וואס איך קען יא זאגן בכלליות איז, אז מען זאל זיך מאכן א ליסטע פון יעדע זאך וואס מען דארף ברענגען, סיי פאר זיך און סיי פאר די קינדער, און מען זאל נישט אוועקווארפן די ליסטע, נאר מען זאל אוועקלייגן די ליסטע פארן קומענדיגן יאר, ווייל א יאר צייט איז שוין גענוג צייט מען זאל פארגעסן זאכן, מען זאל זיך דארט פארצייכענען דארט אין קורצן סיי אלעס וואס מען האט געברענגט יענעם יאר, און וואס עס האט למעשה נישט אויסגעפעלט, און פארקערט וואס מען האט נישט געברענגט און מען זאל עס קומענדיגע יאר נישט פארגעסן עס יא צו מיטברענגען, און נישט מאכן דעם זעלבן טעות... און אויב מעגליך זאל מען פארצייכענען די סיבה פארוואס יא אדער נישט, ווייל צומאל קען עפעס זיין נישט גילטיג איין יאר אבער אין א צווייטע יאר קען עס יא צינוץ קומען...

איך האב א דאנק דעם ליסטע גאר זעלטן פארגעסן זאכן ב"ה. - אגב, ביטע נישט בעטן פון מיר מיין ליסטע, יעדער איינער קען זיך עס אליין מאכן...

### ו) וועלכע ספרים ברענגסטו מיט אויפן עראפלאן?

וואס א ברסלב'ער איד ברענגט... א חומש, משניות, גמרא, שו"ע, תהילים, בית נצחי, ליקוטי מוהר"ן, שיחות מוהר"ן אדער ספר המידות, א באנד אשר בנחל / עצתו אמונה, געוואנדן ווי א יאר.

### ז) האסטו שוין זוכה געווען צו ברענגען נאך א איד ער זאל קומען קיין אומאן אויף ראש השנה?

דורך געלט נישט דייקא, ווייל איך האב נישט קיין איבריגס... אבער כ'האב ב"ה יא געהאט די געלעגנהייט צו העלפן אנדערע אויף פארשידנארטיגע אופנים. דאס קען איך ב"ה יא זאגן, אז עס זענען פאראן עטליכע טייערע אידן וועלכע פארן היינט יעדעס יאר, שוין פאר עטליכע יאר, נאכן ווערן מקורב, אומדירעקט, דורך מיר ב"ה.

### ח) ווער איז געווען די גוטע שליח דיר צו ברענגען קיין אומאן אויף ראש השנה?

מוהרא"ש זי"ע.

אבער נישט דירעקט פערזענליך פון מוהרא"ש צו מיר... נאר ווי געשריבן שפעטער...

עס איז אזוי: מיין התקרבות צום רבי'ן האט זיך אנגעהויבן היפש פאוואליא... עס איז אביסל א לאנגע געשיכטע, ווען באזונדערע פארשידנארטיגע אורזאכן פון גאנץ אנדערע ריכטונגען זענען זיך במשך די יארן צוזאמענגעקומען צוביסלעך, מיט יעדעס גורם קומענדיג פון גאר א צווייטע ווינקל צו מיר... בקיצור, איך האב מיר שוין טאקע געהאט "געדרייט" אין היכל הקודש פאר א שיינע עטליכע יאר, זייט ווינטער תשס"ז, ווען אין אנהויב פלעג איך קומען אין היכל הקודש בלויז צום דאווענען אין די שבתים און ימים טובים - זייענדיג א גאר נאנטער שכן וואוינענדיג "נעקסט דאור" מיט הרב ר' אברהם חיים פארקאש שליט"א - און זיין ביהמ"ד היכל הקודש אויף 8 העיס, מיטהאלטענדיג א צאל מאורעות און אויפטוען וואס מען זעט נאר אין היכל הקודש, האט עס מיר צוביסלעך געברענגט נענטער צו ברסלב.

איין שטארקע חלק פון מיין התקרבות איז געווען, וואס זייענדיג פערזענליך נאנט באקאנט - זיך קענענדיג מיט אים נאך פון מיינע בחור'ישע ישיבה יארן - מיט א טייערן משפיע וועלכער איז געווען פון די דעמאלטסדיגע מתפללים דאהי, יענער איז היינט צוטאגס א גרויסער אקטיווער משפיע, וועלכער איז מחזק און מחי' טויזנטער אידן, צעירי הצאן און בחורים, ער האט איינס פון די מערסט אויסגעהערטע חיזוק האטליינס היינט צוטאגס, וואס טויזנטער אידן זענען זיך מחי' פון זיינע ריינע לויטערע אמונה שיעורים! יענער משפיע פלעגט דעמאלטס פארלערנען סיפורי מעשיות אזוי שיין צוזאם געפלאכטן מיט אזויפיל אמונה, אלעס געשעפט פונעם קוואל דער נחל נובע מקור חכמה, מוהרא"ש און פונעם רבי'ן, ממש זיך צום דערקוויקן!

אז מען רעדט שוין איבער מיין התקרבות... האב איך זייער אסאך צו פארדאנקען מיין התקרבות די צוויי חשוב'ע גבאי קודש, מיין ידיד הרב ר' יואל פארקאש שליט"א גבאי ביהמ"ד היכל הקודש 8 העיס, און מיין ידיד הרב יואל טייטלבוים שליט"א גבאי ביהמ"ד היכל הקודש 8 פרעמישלאן, וואס אדאנק זיי האב איך צום ערשטן מאל אריבערגעטראטן די שוועל פון א "היכל הקודש" בית המדרש, איך האב פאר זיי ביידן זייער א שטארקע הכרת הטוב! עס זענען נישט בנמצא קיין סאך אזעלכע צדיקים ווי די צוויי טייערע אינגעלייט!

על כל פנים, כאטש איך בין שוין געווען גאנץ היימיש דאהי... אבער דאך האב איך נאך נישט אזוי שנעל געקענט פועל'ן ביי מיר "ארויפצוקלעבן" די ווארט "ברסלב" אויף מיר, און זיכער נישט "גיין אזוי ווייט" צו טוהן אזא "ווילדע זאך" ווי פארן קיין אומאן... ווייל איך בין אויפגעוואקסן אלע מיינע יארן מיט די סארט לאזונגען איבער ברסלב, ווי: "לאז דיך אפ פון זיי"... "שטיי ווייט פון די ברסלב'ע משוגעים"... "וועסט ווערן פארכאפט אהין"... "ס'נישט געמאכט פאר דיר"... וכו'.

אבער די לעצטע שטופ איך זאל מיר למעשה ברעכן צו פועל'ן ביי מיר און מחליט זיין יא צו פארן קיין אומאן - שכח אייבערשטער פאר דעם - איז געווען אין אלול תשע"א, ארום צוויי וואכן בעפאר ראש השנה תשע"ב ווען עס איז אנגעקומען צו מיר א דעמאלטס פרישע רעקארדינג ווי מוהרא"ש בעט, פאדערט און רעדט דארט אזוי הארציג און מיט אזויפיל ריינקייט און אמתדיג'קייט איבער די סיבות פארוואס מען דארף פארן צום הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה! און ווי מען זאגט, איז "די רעסט היסטארי"... זייט דעמאלטס פאר איך ברוך השם יעדעס יאר.

בילד פון יענעם שיעור פון מוהרא"ש זי"ע, דאס איז וואס עס האט מיר באוואויגן צו מאכן מיין ענדגילטיגן באשלוס צו פארן אויף אומאן!

### ט) שרייב איבער אן אייגנארטיגע ספעציעלע התעוררות, אדער עפעס אן אינטערעסאנטע מעשה, א ישועה, וואס דו האסט געהאט דורכאויס די יארן פון קומען קיין אומאן אויף ראש השנה

די התעוררות און געגועים קען מען נישט מיט קיין ווערטער אראפלייגן! אדרבה, ווער עס איז נאך נישט דארט געווען זאל אליין קומען

איינמאל און זיך עס איבערצייגן! עס איז ממש א שטיק הייליגקייט! אזא דערהויבענער מקום וואו אזויפיל טויזענטער פארבלאנדזשעטע פארוויסטאגטע צובראכענע אידישע נשמות ווערן דא אויסגעוואשן, און ווערן ערוועקט צו תשובה! אזאנס איז נישטא אין די גאנצע וועלט! טייכן טרערן ווערן דא פארגאסן, און אזויפיל ישועות און רפואות ווערן דא גע'פועל'ט!

אבער איין יאר איז געווען, ווען האב איך גראדע געהאט א פארקערטע עפיזאד. יענעם יאר, דאכט זיך מיר אז עס איז געווען תשע"ד, ווען כאטש פאר לאנגע וואכן, און אפילו ווייטער במשך די נסיעה, האב איך געהאט ווי אלע יארן די גאר שטארקע געגועים וואס איך האב געוועגליך, דאס אז מען פארט שוין ווידער קיין אומאן צום הייליגן רבי'ן. האט פאסירט פאר סיי וועלכע סיבה... אז יענעם יאר פונקט א קורצע צייט פאר איך בין אריין צום ציון אום יום טוב, האבן מיטאמאל מיינע הרגשים און געפילן זיך געגעבן א לאז ארויס פון מיר... עפעס א סארט קאלטקייט און פארגליווערטקייט האט מיר ארום גענומען, איך האב פשוט נישט געוואוסט וואס איך זאל דא טון... איך האב מיר מורא'דיג געשעמט פאר מיר אליין... וואס האט דא פאסירט מיט מיר?! איך גרייט מיר שוין א גאנץ יאר צו קומען אהער! אויסגעגעבן אזויפיל צייט, געלט און מיה, און דא שטיי איך יעצט ביים הייליגן רבינ'ס ציון, און איך שפיר זיך ממש ווי א פרעמדער אין אזא הייליג מקום... יעדער ארום דא איז פול מיט אזויפיל התרגשות און געגועים יעדער אויף זיין וועג, אבער נאר איך נישט? פארוואס?! וויפיל איך האב פרובירט צוריק אריין צו ברענגען די געפילן און אויפוועקן מיינע געגועים האט נישט געהאלפן, נאר פארקערט... איך האב ווי אויפגעגעבן, און געגעבן א זאג אפ די תיקון הכללי, און אוועקגעגאנגען פון ציון גאר צובראכן און פארשעמט, געפלאמט פאר בושה פאר מיר אליין... איך האב ביי מיר נישט געקענט פארשטיין וויאזוי עס קען אזא זאך פאסירן!... וויאזוי גיי איך דא אזוי אהיים פון אומאן?!...

אזוי איז דורך דער יום טוב, שבת נאך ראש השנה בין איך ווידער ארויף צום ציון, אבער מיין פארלאשנקייט האט זיך נישט געוואלט אראפשאקלען פון מיר... נו, אז מען איז שוין ביים ציון, זאל שוין זיין... וועל איך כאטש ווידער אפזאגן די תיקון הכללי..., ארויסגייענדיג פון ציון בין איך ביי מיר געווען טאטאל צומאלן און צושאסן... איך טראכט ביי מיר, זיכער איז דער רבי און דער באשעפער ברוגז אויף מיר ח"ו, והא ראי' אז גאנץ יום טוב בין איך דאך געווען אזוי קאלט... מען דארף נישט מיינע תפילות ח"ו... וכו'...

איך האב זיך אביסל אויסגערעדט פאר מיין חבר אז איך ווייס נישט וואס איז געשעהן מיט מיר היי יאר, איך שפיר גארנישט אז איך בין בכלל אין אומאן, פארוואס בין איך בכלל געקומען קיין אומאן?... איך ווייס נישט וואס צו טון! וואזוי קען מען אזוי אהיים גיין פון אומאן?... ער האט מיר פארשטאנען, אבער האט נישט געקענט טרעפן די ריכטיגע ווערטער מיר צו בארואיגן, איך שלעפ מיר שפעטער אראפ אונטן צום "מעגאמעטער", וואס שטייט אונטן הארט צופיסנס פון ציון וואו מוהרא"ש האט געדאוונט זיינע לעצטע יארן אין אומאן, ווי באקאנט פלעגט מוהרא"ש האלטן דארט א דרשה בעפאר מוצאי שבת, אינמיטן די דרשה רוימט מיר מיין חבר אריין: האסט געהערט וואס מוהרא"ש האט יעצט געזאגט? - עס איז געווען גענוי די ווערטער וואס איך האב פונקט דעמאלטס געדארפט הערן!... די גענויע רעצעפט פאר מיינע ציפעדיגע וואונדן!

מוהרא"ש האט דעמאלטס געזאגט ביי די דרשה: "מען דארף וויסן, אז ווער עס קומט קיין אומאן צום רבי'ן אויף ראש השנה, דארף ער זיך שוין בלויז פאר דעם אליין זיך פרייען א גאנץ יאר! נישט קיין חילוק צו מען קומט מיט געפילן אדער נישט! דער הייליגער רבי זאגט: יא געגעסן, נישט געגעסן, יא געשלאפן, נישט געשלאפן, יא געפילן נישט געפילן, דאס אליין אז דו ביסט געקומען צו מיר אויף ראש השנה דארפסטו שוין זיין זייער פריילעך א גאנץ יאר!"

מער האב איך שוין נישט געדארפט!... איך בין געווען זיכער אז מוהרא"ש האט געשפירט מיינע מחשבות, און האט מיר געמיינט דא!... איך בין אהיים גענצליך א נייער מענטש! איך האב מיר דעמאלטס געלערנט, אז ווען מען גייט צום רבי'ן, גייט מען נישט "צוליב" די געגועים, ניין, מען גייט בלויז ווייל דער רבי האט געהייסן צו קומען צו אים אויף ראש השנה! און מען קוקט נישט אויף קיין שום אנדערע זאך, זאל עס זיין סיי וועלכע סארט עיכובים און מניעות עס קומען נאר אונטער!... מען פאלגט, און מען פארט דארט צו זיין! און זאגן דארט די תיקון הכללי! די אנדערע זאכן, די געגועים און בענקענישן זענען שוין א באנוס!... אשרינו מה טוב חלקינו! אז מיר האבן אזא רבי'ן, מוהרא"ש און דעם ראש ישיבה!

# יואל נחמן גלויבער

**א) וויפיל יאר פארסטו שוין קיין אומאן אויף ראש השנה?**

בעזרת השם וועט תשפ"ו זיין מיין פערטע יאר.

**ב) ווילאנג פאר ראש השנה מאכסטו שוין דיין טיקעט?**

מיין ערשטע יאר א וואך פאר אומאן, זייט דעמאלטס אין די ערשטע געלעגנהייט וואס די טראוועל אגענטן שטעלן ארויס די אפציעס.

**ג) ווען איז ביי דיר די איינס אדער צוויי הויכפונקטן פון די גאנצע נסיעה/יו"ט?**

איך פאר אן קיין הכנות פאר הרגשים און הויכפונקטן נאר ווייל דער רבי האט געהייסן קומען און איך גלייב אז עס געשעט גוטע זאכן און שיינע הויכפונקטן פאר מיין נשמה.

**ד) ווען גייסטו צום רבינ'ס ציון דורכאויס די גאנצע צייט און ווען איז די רואיגסטע צייט ביי דיר צו גיין צום רבינ'ס ציון?**

זייט פאראיאר וואס איך האב די ערשטע מאל זוכה געווען איינצושטיין מיט תלמידי היכל הקודש איז עס פארן דאווענען און נאך די סעודה אויב איך האב נאך כח אראפ צו וואקן.

**ה) וועלכע געדאנק וואלסטו געטראכט קען ארויסהעלפן פאר אנדערע, עפעס וואס מען זאל מיטברענגען, עס זאל פארגרינגערן די נסיעה?**

קאווע בונדלעך און אויך קען מען קויפן מילך שטויב וואס מ'קען מיטנעמען אויף די לאנגע נסיעות.

**ו) וועלכע ספרים ברענגסטו מיט אויפן עראפלאן?**

מיין זעקל וואס איך פרוביר מיטצונעמען ווי איך גיי, דארט ליגט א חומש, משניות, גמרא, זוהר, שיחות הר"ן, ספר המידות, שמות הצדיקים, אפשר איין טאג וועל איך לערנען נאך...

**ז) האסטו שוין זוכה געווען צו ברענגען נאך א איד ער זאל קומען**

**און זיבער נישט גיין אזוי ווייט צו טון אזא ווילדע זאך ווי פארן קיין אומאן... ווייל איך בין אויפגעוואקסן אלע מיינע יארן מיט די סארט לאזונגען איבער ברסלב, ווי: "לאז דיך אפ פון זיי"... "שטיי ווייט פון די ברסלב'ע משוגעים"... "וועסט ווערן פארכאפט אהין"... "ס'נישט געמאכט פאר דיך"... וכו'.**

**קיין אומאן אויף ראש השנה?**

יא אין תשפ"ד בין איך געקומען מיט א קרוב משפחה ב"ה.

**ח) ווער איז געווען די גוטע שליח דיר צו ברענגען קיין אומאן אויף ראש השנה?**

דער ראש ישיבה שליט"א. און מיין חשובע ווייב תחי'.

**ט) שרייב איבער אן אייגנארטיגע ספעציעלע התעוררות, אדער עפעס אן אינטערסאנטע מעשה, א ישועה, וואס דו האסט געהאט דורכאויס די יארן פון קומען קיין אומאן אויף ראש השנה**

יעדע יאר קען מען שרייבן א בוך מיט זיינע איבערלעבענישן, אבער פון מיין ערשטע יאר ראש השנה תשפ"ג האב איך זיכער זכרונות...

קודם די עצם זאך אז איך האב זוכה געווען צו פארן איז א מעשה פון תפילה, איך האב אסאך מתפלל געווען יענע יאר אז איך זאל קענען זיין אין אומאן ראש השנה, אויסער דעם האב איך גארנישט געטון, עס האט אויסגעזען ווי דער יאר וועל איך זיכער נישט קענען פארן, סיי ווייל יענע יאר האט אויסגעבראכן די מלחמה אין אוקריינא און אויך האב איך זוכה געווען צו א מיידעלע בעבי ב"ה בערך צוויי וואכן פאר ראש השנה, איך האב נישט געהאט קיין טיקעטס, קיין בעטן, גארנישט, אבער תפילה האב איך געהאט.

למעשה בערך א וואך פאר ראש השנה האט מיר מיין ווייב תחי' געזאגט: "האסט געהערט אז מיין ברודער פארט אויף אומאן ר"ה?" זאג איך "יא", פרעגט מיר מיין ווייב: "אפשר פארסטו מיט?" איך פרעג איר: "ביסטו זיכער? וועסט קענען מענעדשען?" זאגט זי: "יא, זארג דיך נישט פאר מיר, לאמיר עס פרובירן מאכן ארבעטן".

איך האב זיך ממש געציפט אויב דאס איז אמת, איך האב תיכף אנגעהויבן רופן מענטשן, איך האב גערופן דער איד וואס האט געמאכט מיין שוואגער'ס טיקעט און איך זאג אים אז אז איך וויל פארן אין אומאן אויף ראש השנה צו ער קען מיר העלפן, ער האט תיכף געקוקט די אפציעס און עס איז געבליבן אז ער פארט ארויס דינסטאג פאר שבת און לאזט זיך צוריק א טאג נאך צום גדלי', איך וועל פארן די זעלבע נסיעה אבער ארויספארן הערשט מיטוואך און צוריקומען תיכף מוצאי יו"ט.

ער האט מיר אלעס מסדר געווען אויף דער אייגענער האנט און קיין טרעוועל אגענטן, און ס'איז אויסגעקומען אז היות מיין נסיעה איז קורצער ווי זיין, וועל איך פארן אליין, ער האט מיר געזאגט איך דארף זיך נישט זארגן, עפעס א איד פון וויליאמסבורג גייט קומען צוזאמען מיט מיר די זעלבע וועג, איך האב נישט קיין אנונג ווער, אבער קיין אנדערע ברירות האב איך נישט געהאט, אדער נישט געוויסט...

ס'איז אנגעקומען מיטוואך נאכט איך לאז מיר ארויס צום עירפארט, ענדליך נאך א לאנגע נסיעה, מיט אן אפשטעל אין מעזיבוז, זענען מיר אנגעקומען פרייטאג צופרי אין אומאן, דער אנדערער איד איז זיך געגאנגען צו זיין אכסני' און מיר האבן אפגעשמועסט צו זיין אין קאנטאקט נאך יו"ט צו קענען אהיימפארן צוזאמען די זעלבע וועג, אבער דער אייבערשטער האט געהאט פאר מיר גאר אן אנדערער פלאן..

איך טרעף זיך אליין, א נארמאלער וויליאמסבורגער (דאפלטער לשון) אינגערמאן, אויף פושקענע.

איך האב נישט קיין אנונג וועלכער ווינט האט מיר דא אהערגעבלאזן, ס'רעגנט, איך שלעפ מיך מיט רענצלער, איך האב נישט קיין אנונג וואו צו גיין, וואו בין איך דא? איך זע נאך דערווייל נישט קיין איין באקאנטע פנים, דערווייל זע איך נאר מענטשן וואס איך האב נאך קיינמאל נישט געזען אזעלכע סארט ביי אונז אין בית המדרש...

איך פרוביר רופן דעם איד, ווייל איך דארף שלאפן אין זיין דירה, ער הייבט אויף און הייבט מיר אן מסביר זיין גיי דא, גיי דארט, רעכטס פונעם ציון, זייטיג פון פושקענע, איך האב נישט קיין השגה וואו די ציון איז וואו פושקענע, איז איך האב אנגעהויבן שפירן ווי פרעה מיט די פעדזשאמעס. ענדליך ענדליך האב איך אים געטראפן, ער האט מיר אויפגענומען מיט א שמייכל, און האט מיר צוגעוויזן וואו די דירה געפינט זיך.

איך קום אן צו די דירה, איך זע ס'איז דא בערך פיר שטובער, אין יעדע שטוב אריינגעשטופט בערך אכט צו צען בעטן. ער ווייזט מיר צו מיין בעט. אה... ענדליך, איך פריי זיך אז איך קען זיך אביסל באקוועם מאכן, איך פאק מיר אויס און איך קום ארויס צום דיינונג רום. איך זעה די הכנות צום שבת זענען אין פולן שוואונג, ס'קאכט זיך קוגלען, זופ, פיש, אינמיטן צומער זע איך א איד א "עכטע" ירושלמי, מיט אלע שמונה בגדים, און איך הער אים אויסרופן, אה, דער יאר וועט זיין א ריינע ראש השנה, ריין פון מפורסמים! און ער




# אונזער קינדער |

געציילטע זכותים פארבליבן פארבונדט אייך הייני



עשה למען
תינוקות
של בית רבן
קרן הבנין
מגבית
הרחבת
גבולי קדושה
אונזער עתיד
ו מיט די גבאים און פארזיכערט אייער זכות

רעכנט אויס צוויי מנהיגים וואס זענען נישט געקומען יענע יאר. איך טראכט צו מיר, איי, ס'איז מיר גוט, דאס וועל איך דארפן הערן גאנץ ראש השנה... זיי זאלן נאר נישט וויסן אז איך הער אויס די שיעורים פון דער ראש ישיבה... איך האב גלייך אפגעמאכט איך דארף טרעפן ערגעץ וואו צו עסן.

אזוי איז דער שבת אנגעקומען מיט איר פולן גלאנץ, און מיין קאפ שיסט נאך פון די אלע באמבעס וואס איך כאפ דא, אבער איך בין גליקליך אז למעשה בין איך אין אומאן יא, פון דעם רעדט מען, איך האב געהאט א זיץ אין א עכטע ירושלימע מנין פון עכטע עכטע ברסלב'ע, איך בין געגאנגען אהין דאווענען קבלת שבת, עס האט גענומען אזוי לאנג, נישט פאר מיינע שוואכע כוחות. שוין, יעצט דארף איך טרעפן אויך וואו צו דאווענען ראש השנה.

שבת איז אדורך, און מ'גרייט זיך פאר ראש השנה, איך בין דעמאלטס געווען א שטילער אויסהערער פון דער ראש ישיבה'ס שיעורים און איך האב גע'חלש'ט צו זען דעם ראש ישיבה אין אומאן, אבער פון די אנדערע זייט האב איך זיך נאך זייער געשעמט, איך האב נישט געקענט קיין תלמידי היכל הקודש, אבער ווען ס'איז געקומען ערב ראש השנה און איך האב געזען די געלע באסעס האב איך אפגעמאכט זאל זיין וואס זאל זיין איך גיי אריבער אהין פאר פדיון נפש, די בושה וואס איך האב געהאט אויף יענע וועג קען איך מיך נישט פארשטעלן היינט, עס האט זיך מיר געדאכט אז יעדער קוקט אויף מיר, עס גייט זיין די ערשטע מאל איך גיי אריין אין א בנין היכל הקודש, אזוי ווי אריינגיין די ערשטע מאל אין 27 סקילמאן.

איך האב זיך געשטעלט אין די שורה, איך האב קיינעם נישט געקענט, און איך האב געגעבן פאר דער ראש ישיבה די פדיון נפש מיט די נעמען פון מיין משפחה און דער ראש ישיבה האט מיר אנגעווינטשן: עס זאל זיין המתקת הדינים.

איך האב זיך געפילט ווי א מיליאן דאלער, אזא ברכה, שכח אייבערשטער פארדעם!

ווען ס'איז געקומען ראש השנה האב איך געזוכט וואו קען איך דאווענען פאר מיר, איך האב מיר דאך געשפירט איינער אליין, איך קען נישט קיינעם, איך דארף מיר מיין ווינקל, דאווענען, אויס'פועל'ן א זיס יאר, און אהיימגיין!

למעשה האט דער אייבערשטער מיר געהאלפן איך האב געטראפן די שאטער פון הרב הצדיק רבי יצחק לעזער שליט"א, איך האב געזען אז דארט שלעפט מען נישט סתם ארום, מ'דאווענט נוסח מוהרא"ש, אן קיין פארזוימונגען, איך בין אריין דארט, זיך געשטעלט ביי די עק, און א טייערער איד האט מיר געוויזן אז איך קען זיך זעצן נעבן אים. שפעטער בין איך געוואויר געווארן אז דער איד הייסט מו"ה חיים דוד ראזענבערג הי"ו וואס וואוינט היינט אין קרית ברסלב ליבערטי, און דארט האב איך געדאווענט אלע תפילות במשך ראש השנה. איך האב דארט אויך געטראפן א איד פון וויליאמסבורג און ער האט באמערקט עפעס א נארמאלע וויליאמסבורגע יונגערמאן ארויסשטארן האט ער מיך שיין באגריסט און ווען איך האב אים דערציילט אז איך הער אויס דעם ראש ישיבה'ס שיעורים האט ער מיר געזאגט אז אמאל צו גיין צו מוהרא"ש ז"ע איז געווען ווי זיך אנטוהן נאכט קליידער אינמיטן העלן טאג, און דער ראש ישיבה איז אנגעקומען און עס פארשפרייט אויף די גאנצע וועלט!

די סעודות האב איך געגעסן ביי אהל יחיאל מיכל, אבער ממש איינער אליין, איך האב זיך געשפירט זייער איינזאם, אבער איך האב געוויסט אז איך בין נישט געקומען צו פארברענגען א שיינער יום טוב מיט גוטע פריינד אין אומאן, איך בין געקומען אפנעמען מיין תיקון פון רבי'ן און אהיימגיין.

עס איז אנגעקומען מוצאי יו"ט און איך פריי זיך אז בקרוב בין איך צוריק אינדערהיים, האו"ם סווי"ט האו"ם! איך האב נישט געוויסט אז דער רבי גייט מאכן מיט מיר אביסעלע תיקונים...

תיכף מוצאי יו"ט האב איך זיך ארויסגעלאזט צוריק קיין סעטשאוו, ראמעניא, צוזאמען מיט א משפחה וואס גייט קיין לאנדעמאלטס און נעמען דריי פליגערס אזוי ווי די וועג גייענדיג.

למעשה האט דער אייבערשטער געפירט אז די וועג צום ראמעינישן גרעניץ האט גענומען אביסל לענגער און אנקומענדיג צו ראמעניע האב איך שוין פארשטאנען אז איך גיי נישט מאכן מיין פליגער, און דאס מיינט, אויך נישט די אנדערע צוויי נאכדעם.

איך געדענק מיך דעמאלטס אנרופן דעם אויבנדערמאנטן איד און אים געזאגט אז ס'זעט אויס ווי איך גיי נישט מאכן די פליגער, ער מאכט שנעל זיינע חשבונות און זאגט מיר דאס מיינט א קאטעסטראפע!

**ס'איז געווען אנדערע סארט אידן ווי איך בין צוגעוואוינט, זיי האבן געמאכט הקפות מיט די ספר תורה אינעם טערמינאל, אבער איך האב פרובירט מיך אריינצוזעצן דארט מיט זייער טראוועל אגענט אויפן פלאץ, אזוי זע איך מיך באטש ארויס פון דעם עירפארט קיין ארץ ישראל..**

איך קום אן צום עירפארט אין סאטשאווע צום גדליה צופרי און די משפחה פון לאנדעמאלטס האט נאך געמאכט זייער פליגער, און איך בין געבליבן דארט איינער אליין, אין א פיצעלע קליינע עירפארט וואס האט נאך צוויי פליגערס יענע טאג איינס קיין ארץ ישראל און איינס קיין איטאליע, עס איז געווען איין גרופע פון ארץ ישראל וואס האט אנגעפילט יענע פליגער, ס'איז געווען אנדערע סארט אידן ווי איך בין צוגעוואוינט, זיי האבן געמאכט הקפות מיט די ספר תורה אינעם טערמינאל, אבער איך האב פרובירט מיך אריינצוזעצן דארט מיט זייער טראוועל אגענט אויפן פלאץ, אזוי זע איך מיך כאטש ארויס פון דעם עירפארט קיין ארץ ישראל, און פון ארץ ישראל איז גרינגער צו טרעפן א וועג צוריק קיין ניו יארק, אבער דער פליגער איז געווען אנגעפילט און זיי האבן מיר נישט ארויפגעלאזט.

דער פליגער האט זיך געהויבן, און איך טרעף זיך איינער אליין אין ראמעניע אן קיין איין אידישע צורה נעבן מיר.

איך הייב אן קלינגען מענטשן און איך זע אז קיין ניו יארק קען איך נישט רופן ווייל ס'איז דארט אינמיטן נאכט, און דער איד וואס האט מיר מסדר געווען די טיקעטס איז פארנומען מיט זיין נסיעה און ער הייבט מיר נישט אויף, בקיצור, איך האב געכאפט אז איך קען גארנישט טון אויסער שרייען צום אייבערשטן אז איך וויל שוין זיין אינדערהיים מיט מיין משפחה. אזוי האב איך געטון איך האב געוויינט צום אייבערשטן, נעם מיך ארויס פון דא, איך וויל אהיים.

שפעטער נאכמיטאג, ווען ס'איז געווארן צופרי אין ניו יארק האב איך אנגעהויבן רופן, קודם מיין ווייב תחי' און איר דערציילט ווי איך בין, און מיר האבן אנגעהויבן קאלן טרעוועל אגענטן אבער יעדער האט זיך ארויסגעדרייט זאגענדיג אז היות איך האב נישט געמאכט ביי זיי די טיקעטס דארפן זיי זיך ענדערש אפגעבן מיט זייערע קליענטן, עס האט נישט געהאלפן קיין געוויינערייען און הסברים אז איך בין איינער אליין אין א פארשטיפטע עירפארט אן קיין עסן.

ביז דערווייל האט די זון אנגעהויבן אונטערגיין און איך האב זיך געשטעלט דאווענען מנחה, איך האב זייער געבעטן דעם אייבערשטן אז איינער זאל מיר קענען העלפן דא. למעשה נאך מנחה רופט מיר צוריק דער איד און זאגט מיר אז אין לאנדעמאלטס איז דא עפעס א טרעוועל אגענט א איד מיטן נאמען ר' מתתי' קטן ער וועט דיר פרובירן צו העלפן.

דער אייבערשטער האט געהאלפן אז איך האב געטראפן דעם איד, א צדיק, ער מיט זיין חשובער בני בית תחי' האבן נישט גערוהט פאר קיין מינוט ביז איך האב מיר געזען אויפן פליגער קיין ניו יארק, און אלעס פאר אומבאצאלט בלויז מיט א אידישער הארץ! זאל אים דער אייבערשטער באצאלן אלעס גוטס.

בחסדי השם האב איך זיך געזעהן אויפן פליגער קיין לאנדעמאלטס, דערווייל האט מיין חשובער שוויגער תחי' ערלעדיגט אז מיינע פעטערס פון לאנדעמאלטס זאלן צוגרייטן א פעקל עסן פאר מיר. און ברוך השם פון לאנדעמאלטס האב איך גענומען דעם פליגער אהיים קיין ניו יארק!

נו, וויאזוי זענען געווען דיינע הרגשים אין אומאן ראש השנה? א שטארקע התעוררות? האט מיר געפרעגט איינע פון מיינע מגיד שיעורים פון אלס בחור, גארנישט. איך האב נישט געהאט קיין שום הרגשים קיין שום התעוררות, און נאך אלס ביך איך זייער פרייליך ווייל איך האב געפאלגט א צדיק! הרגשים און התעוררות קען מען שפירן אין אסאך פלעצער אין די וועלט אויסער אומאן, מיר פארן דארט ווייל דער רבי האט געזאגט אז יעדער זאל קומען, קיינער טאר נישט פעלן, די גאנצע וועלט איז אנגעהאנגען אין מיין ראש השנה!! ■



# קוק אהער

## מסורה'דיגע בריקן

ד
י קאר איז פול ביזן טראנק, מ'דארף עס געבן א גוטן שטופ ס'זאל טאקע זיין גוט צוגעמאכט. א טאָלער אריין אינעם פושקע, יעדער איז גרייט צו פארן? יעצט איז די צייט צו פארטיגן אלע הכנות...

מ'האט אלעס? לאמיר טאקע שנעל איבערקוקן, שבת טלית איז דא, די שטריימל איז דא, בעקיטשע איז דא, פעקל ספרים איז דא. יעדער האט אלעס שכח אייבערשטער מ'פארט.

מ'לאזט זיך אין וועג אריין פון קרית ברסלב קיין בארא פארק - א וועג וואס נעמט פון צוויי ביז צוויי אהאלב שעה בערך. דאס איז אלעס אין די צייט ווען איך פאר נישט, אבער ווען איך פאר, נאכדערצו מיט די גאנצע משפחה אין קאר, נעמט די וועג צווישן דריי און פיר שעה, אויף עפעס א וועג רעכנט די טרעפיק אלס אויס צו זיין דארט פונקט ווען איך קום אן...

מ'פארט און מ'פארט אויף די לאנגע שטרעקעס אויף די ענדלאזע הייוועיס. א סטאפ ביים געז סטעישן אויפן פאליסעידס וואס פארקויפט איינס און א האלב כשר'ע נאשעריי. מ'גיבט זיך א צי אויס די ביינער און צוריק אין קאר. יעדער האט א נאש מיט א טרינק, לכאורה פאר די נעקסטע פינף צען מינוט גייט נישט זיין קיין דראמא, יעדער איז פארטיפט אין זיין עסן, יעדער איז פארנומען מיט זיין זאך.

ענדליך קומט מען שוין אן צום דשארדש וואשינגטאן בריק - די עלטסטע קאנסטראקשן סייט אין אמעריקע. מ'בויט עס און מ'בויט עס, אבער איך ווייס נישט אויב ס'דא אין פלאן אמאל צו ענדיגן...

אלע קינדער זענען צוגענאגלט צום פענסטער - א בריק, אזא נפלאות הבורא, ס'ווערט קיינמאל אלט און באָרינג די הערליכע פאנאראמעס. מ'פארט העכער די וואסער, מ'באטראכט די וואלקן קראצער געביידעס. דארט פון דערווייט זעט מען א שיפעלע פארט זיך אזוי געמיטלעך - אלע זענען זיך מחיה.

ביז ענדליך קומט מען שוין אן אויפן עף. די. אר. און די קינדער הייבן שוין נאכאמאל אן ארומטאנצן. מ'גייט אנצינדן א נייע סידי, איין קינד וויל נאר דאס, דער אנדערער וויל נאר יענע, רבוש"ע וואס טוט מען דא?

"אה קינדערלעך קוק מ'גייט דורך פארן א בריק, קוק ארויף אויבן, דארט זעסט די ריזיגע בריק? און קוק דארט ווייטער ארויפצו איז דא נאך א בריק, קוק ווי שיין".

"איז פארוואס גייען מיר נישט אויף די אלע בריקן?" האט מיין זון געווארפן די באמבע קשיא!

"וואס האבן די בריקן זיך אזוי פארזינדיגט אז מיר פארן זיי אזוי אדורך כאילו נישט מיר מיינט מען? פארוואס גייען מיר נישט אויף אלע פון זיי?"

ער פרעגט דאך אזוי גוט!

פארוואס טאקע?

****

מיר זענען יעצט דא אומאן ביים רבי'ן, מיר זענען אלע איבערגעקומען שווערע מניעות צו קענען זיין ביים רבינ'ס ראש השנה. נישט ביי יעדעם גייט אפוואַרטן ווען מ'קומט אן אהיים א שיינע שלום עליכם מיט א ווארימע מאלצייט...

יעדער איינער האט זיך געדארפט צורייסן צו קענען אנקומען אהער, און יעדער וואס איז דא איז אזוי פרייליך, מ'טאנצט מ'זינגט מ'פאטשט מ'שפרינגט מ'איז פרייליך ביזן הימל אזוי צי אזוי. דער האט געסטראשעט און יענער האט געווארנט און דא בין איך - איבערגעטאנצן איך האב עס געמאכט!

און פארוואס? ווייל אזוי האט דער הייליגער רבי געזאגט!

אוי די שווערע קרייץ פאראהערן וואס די ברסלב'ע חסידים מוזן דורכגיין....

ס'דא שיטות אז ס'איז נישט אזוי פשוט...

"דו לאזט דיין משפחה אויף הפקר?" און בנשימה אחת פרעגט ער "וואס??? דו נעמסט דיינע קינדער אהין???"

וואס זענען די נייע זאכן?

און אלע אנדערע אידן? נאר ענק האבן עס?

סאו וואס דיין ראש ישיבה זאגט גייסטו טון בלינדערהייט? און אויב מארגן הייסט ער דיר טאנצן פון דאך?

סאָ דיין ראש ישיבה איז אזוי ווי משה רבינו?

צדיק, אפשר קען איך דיר צוריקפרעגן? (פארשטייט זיך נאר דא אויפן פאפיר קומט פאר די שמועס, ווייל דער ראש ישיבה זאגט דאך אונז זיך נישט צו מתוכח זיין מיט מענטשן).

## דאס און יענץ מיט א טיפערע אריינבליק

**ישראל דוד העסקעל**



ווער איז דיין מורה דרך? ווער איז דיין משה רבינו? וועמען פרעגסטו ווי אזוי זיך צו פירן? העעע?

דו ווייסט אלעס אליינס? ביז דער סאמע קלוגסטער וואס איז נאר דא?

דו ביסט ביי דיר די גרעסטע, דו ברויכסט קיינעם גארנישט פרעגן... דו ביסט ביי דיר דיין אייגענע משה רבינו...

וועלכע וועג פארסטו? וואו איז דיין דעסטינאציע? ווער טראגט דיר?

וואס איז שלעכט צו שפילן מיט א גיטאר סליחות? וואו שטייט אז מ'טאר נישט?

איך בין מער פון די פענסי, איך זאג נישט "גוט שבת", איך בין שוין גרויס, איך קען שוין זאגן "שאַבאַט שאַלאָם" און "בעעזראַאַט האַשעם..." וואס איז אזוי שלעכט? וואו פארסטו? וואו ווילסטו אנקומען?

אדער פליט ער צו רעכטס, ער קרעכצט אפ אין ביהמ"ד איבער א הארטע שטיקל לעקעך, אויייי וואו נעמט מען די אמאליגע אידן.... באוויינט די אלע נייע זאכן... קלאגט אויפן דור....

מאכט אוועק יעדן ערליכע איד מיט א ביטול, ווייל צווישן אים און משה רבינו איז גארנישט דא....

אדער לויפט מען צו לינקס - ליבעראל, קיינער קען מיך נישט זאגן וואס צו טון... קיינער ווייסט גארנישט...

וואס איז שלעכט פון גיין אזוי? די אידן מיט די געשטריקטע קאַפלעך און סאנדאלים מיט לאנגע באוואקסענע האר זיי זענען די עכטע אויטענטישע אידן...

ס'איז גאר גרינג צו פארן אין וועג, און לויפן אויף יעדן בריק וואס מ'זעט, אריינפארן אין יעדן עקזיט וואס קומט אונטער, אבער צו דיין דעסטינאציע וועסטו קיינמאל נישט אנקומען!

איך פאר ראש השנה צום רבי'ן ווייל דער ראש ישיבה האט געזאגט אז דער רבי האט געהייסן קומען, נישט ווייל מיין שכל פארשטייט אזוי... נאר ווייל איך מוז אנקומען צו א דעסטינאציע, איך וויל ווערן אן ערליכער איד, איך מוז נאך גיין א צדיק.

וואו וועט מען אנקומען אויב פארט מען ארויף אויף יעדן בריק? ווי אזוי קוקט מען אויס אויב ביי יעדן עקזיט פרעגט מען מיט לאגיק פארוואס נישט פארן דא? וואס איז שלעכט פון דעם וועג? ס'איז דאך צענדליגער קארס וואס פארן דא... וואס קען שוין זיין אזוי שלעכט?

איך האב גארנישט מיט דעם, און גארנישט מיט יענעם, אלע אידן זענען הייליג, אלע אידן זענען וואויל, קיין שום איד איז נישט שלעכט ח"ו, ועמך כולם צדיקים!

אבער העלפט עס מיר? איך דארף א וועג פאר מיר, אז ווען מ'גייט אפיר נעמען מיין נשמה אויף יענע וועלט און מ'גייט מיר פרעגן אלע שרעקעדיגע שאלות זאל איך קענען ענטפערן....

וואס איז שלעכט פון יענע בריק? גארנישט שלעכט, אבסעלוט גארנישט שלעכט... אבער דיר קען עס נישט טראגן, ווייל דו גייסט נישט אנקומען ווי דו דארפסט אנקומען!

און אז דער היימלאזער אויפן הייוועי מאכט חוזק פון דיר "הע הע דא פארסטו? א נארישע וועג... מ'האט בכלל נישט געהאלטן פון פארן דער וועג, די גאנצע עולם פארט דאך דארט... איז וואס מוזטו זיין אנדערש און פארן דא?" לאך לאך געזונטערהייט...

איך האב א צדיק וואס ווייזט מיר פונקטליך יעדע טריט און שריט וואו צו טרעטן אז איך זאל אנקומען. דו קענסט פון מיר לאכן און חוזק מאכן וויפל דו ווילסט, איך פאר אויף די וועג וואס גייט מיר ברענגן צו מיין דעסטינאציע!

שכח אייבערשטער אז מיר האבן זוכה געווען צו זיין מקורב צום הייליגן רבי'ן צו א צדיק וואס געבט מיר לעבן לופט צו אטעמען, און אויב יענער שטייט ביי די זייט און פרעגט קשיות... נא נא זאל ער פרעגן... איך שטעל מיך נישט אפ פאר גארנישט, און ח"ו נייג איך מיך נישט אוועק פון א וועג וואס טראגט מיר צו תכלית!

**אשרינו שזכינו להתקרב לרבינו!**

בס"ד

רענט קאמפיין
מוסדות היכל הקודש ברסלב באה"ב

יעמדו על הברכה אברכים הנדיבים

מו"ה **חיים ישעיה דעפריס** הי"ו

מו"ה **משולם פינטער** הי"ו

מו"ה **אליהו קנאלל** הי"ו

פארן מנדב זיין

# פרנס החודש אלול

די זכות פון ארויסהעלפן דעם
הייליג'ן רבי'ס מוסדות זאל אייך
ביישטיין צו האבן בני ברוכי, פרנסה
בשפע, געזונטע לאנגע יארן, מיט
פיל סייעתא דשמיא.

שטיצט אונזערע שטיצער:


Scented Sensation
ירושלמי מנקד
נסיעה טרעוועל


*sruliHeskel

# פאר די ברסלב'ע שטוב




בלעטעלע:
צוגעלייגטע
פרויען ביילאגע
לכבוד יום טוב.

אן אפענהארציגע
בריוו צו מיינע
טייערע עלטערן

פראיעקט
ראש השנה תשפ"ו
חלק ד'

יום כיפור תשפ"ו
ש. טראכטער

Recipe
Soft and chewy honey cookies



# קרית ברסלב בלעטל וואונטשט אלע לייענער א זיס לעכטיג יאר

ש. טראכטער



# יום כיפור תשפ"ו

מוצאי יום הקדוש תשע"ג:

"א גוט יום טוב, א גוט יום טוב!" הערט זיך א גערויש ביים טיר. מיין מאן קומט אריין באגלייט מיט מיין טאטע און מיינע ברידער.

די שמחה איז געווען קענטיג. "ווער עס שפירט א פרייליכקייט מוצאי יום הקדוש איז ידוע אז ער האט גע'פועל'ט." רופט מיין טאטע אויס מיט אן אויפגעהייטערטע שטימע.

איך בין דאן געווען א מאמע פון דריי קליינע קינדער, איך בין אריבערגעקומען פאר יום כיפור צו מיינע עלטערן, כדי עס זאל מיר זיין לייכטער מיט די קינדער. איך האב געהאט געקלערט אז איך וועל אפשר אריינכאפן צו גיין אין שול. אבער למעשה צווישן די קליינע און די קלענערע בין איך געבליבן מיט'ן רצון.

איך האלט מיין קליין קינד. ב"ה איך האב קוים איינגעשלעפט מיינע צוויי אנדערע. אין די זייט זע איך מיין אפענע מחזור. איך גיי צו און בליק אריין און איך שפיר ווי איך ווער רויט. עס איז נאך אויפגעמישט צו ונתנה תוקף.

איך שפיר ווי א קנויל קומט מיר ארויף אין האלז. איך דערמאן זיך פון מיין ונתנה תוקף. עס איז געגאנגען בערך אזוי:

"ונתנה תוקף... נא...נא... וואטש, די בעיבי שטיקט זיך...."

"קדושת היום...." "מאמי איך דארף ארויסגיין."

"אקעי קום. איך נעם דיר."

געוואשן די הענט, איך הייב אן

נאכאמאל.

"ונתנה תוקף קדושת היום, כי היא..."

אפס, די בעיבי איז מיד און הונגעריג.

איך לייג אראפ די מחזור. מיין האלז שפירט טרוקן.

דער אייבערשטער דארף נישט מיינע תפילות? איך וויל זיך פשוט אביסל אויסוויינען, בעטן ביים אייבערשטן, אויסגיסן מיין הארץ. וואס וויל איך דען?

"ונתנה תוקף, קדושת היום... ווער וויינט? ווער האט געטראסקעט? אוי, באשעפער."

איך דריי זיך דא און דארט, געב פאר דעם א באטל און דעם טוישט מען איבער. און פאר וואס ווען וואו און די זון נייגט צו מעריב. נעילה איז ניטאמאל געווען א קלער פאר מיר. די קינדער האבן געמוטשעט, און זיי זענען געווען מיד און הונגעריג. עס איז נישט שייך געווען אפילו צו קלערן זיך צו שטעלן דאווענען. און אט זענען שוין די מענער דא, מען מאכט הבדלה, מען פאסט אויס. די עסן שטיקט מיר עפעס. איך קען עס נישט געהעריג אראפשלינגען.

וואס גייט פאר מיט מיר? וואו איז מיין התעוררות? אלע אידן אפילו פון די שוואכסטע שיכטן זענען היינט געווען איינגעהילט אין טליתים און קיטלער און דו? האסט געבויט קליקס און געפיטערט קינדער?

און אט הער איך ווי מיינע ברודער (און שוועסטער וואס איז געווען אין שול א גאנצן טאג) רעדן מיט נאסטאלגיע פון די ווארימע תפילות וואס צוגייט אין די ביינער.

פון די הונטערגרינט הער איך מיינע ברודערס זינגען זיך אונטער, "אוי... לבוחן לבבות ביום דין...

... אוי.. אוי... אחת ואחת... אוי.. כי הנה כחומר ביד היוצר...און מער און מער."

איך שטיי אין די זייט. אויך איך האב אזוי געוואלט שפירן "א חלק פון כלל ישראל." איך האב נאכנישט אנגעיאגט צו כאפן אז די טאג לויפט פארביי און מיין טאטע וואשט זיך שוין צו די סעודה. וואס האט ער געזאגט, אז מען שפירט פרייליך איז וואס?

און אז איך שפיר נישט פרייליך? אז איך שפיר אזוי.... אויסגעשעפט און אויסגעמוטשעט פון דעם תענית און פון די קינדער?

ווען וועל איך פועל'ן? איך טראכט צוריק צו די שיינע שיעורים פון מיינע לערערינס אין הויך שול, פון די אויסגעוואשנקייט וואס נאר א איד קען שפירן מוצאי יום כיפור און א מחשבה'לע קריכט אריין אין מח, "למה נגרע?" וואס בין איך אנדערש?

מוצאי יום הקדוש תשפ"ה:

אפאר יאר איז אריבער און געלויבט דעם אייבערשטן אז איך האב זוכה געווען צו הערן די שיעורים פון דעם ראש ישיבה שליט"א. אלטע מושגים מיט א נייע דערהער. די זעלבע הארץ מיט א נייע מח. ביים רבי'ן ווייסט מען אז עס איז נישט קיין חילוק וואו דער מענטש איז, דער עיקר אז מיר געדענקען אז מיר זענען ביים אייבערשטן און דערצו אז מען האט די זיסע אומשאצבארע מתנה פון התבודדות, וואס פאר דעם אליין לוינט זיך אלעס צען מאל אריבערצוגיין. (פאר דעם דארפסטו ברסלב? קענסט עס האבן אן ברסלב אויך? נו, נו, פראביר.)

היינט שפיר איך פרייליך. איך ווייס איך האב גע'פועל'ט. איר טראכט אפשר אז דאס איז ווייל די קינדער זענען עלטער און איך קען זיך שוין ארויסכאפן אין בית המדרש? ניין. נישט עכט. נאר היינט ווייס איך נאך אפאר זאכן, וואס איך האב דאן נישט געקענט פארשטיין.

היינט פארשטיי איך: ווער האט געהייסן אידן פאסטן און דאווענען ראש השנה און יום כיפור? דער אייבערשטער.

און ווער האט מיר אנפארטרויעט מיט די טייערסטע אוצרות און מיר געגעבן די אחריות איך זאל זיך זארגן פאר זיי? דער אייבערשטער.

דער זעלבער באשעפער וואס האט געגעבן די מענער מיט זייערע מצוות האט מיר געגעבן מיינע מצוות.

אוודאי איז דא זאכן וואס "שפירן" געשמאקער. גיין צו א פארטי און זיין אורח הכבוד איז געוויס א שענערע געשטעל ווי שטיין מיט א פארשטויבטע שירצל מיט מעל אין קאך, בשעת אלעס ארום האט א גערוך פון געפרעגלטע צוויבל.

אבער חשוב? ביים אייבערשטן איז חשוב רצון ה'. דער ראש ישיבה שליט"א דערציילט צומאל נאך דאס אז די תורה זאגט אונז אז משה רבינו איז ארויס ציילן די בהמות פון וואס די אידן האבן באקומען אין די מלחמות. עס וואונדערט זיך. משה רבינו? מען האט נישט געקענט נעמען א צווייטן דערפאר? דאס קומט אונז לערנען. וואס איז הייליג? וואס איז חשוב? רצון ה'. און רצון ה' איז אז א אידישע מאמע זיצט אין שטוב מיט אירע קינדער און שפילט און פיטערט און פרובירט צו בלייבן געדולדיג מיט זיי. דארט פועל'ן מיר אלעס. דארט און דוקא דארט זענען מיר אלעס מתקן.

אין א שיעור האט דער ראש ישיבה אונז אזוי שיין מחזק געווען אז מיר זאלן געדענקען און שעצן אונזער הייליגע ארבעט. דער ראש ישיבה שליט"א האט נאכגעזאגט א טייערע ווארט. מיר ווייסן דאך אז אין בית המקדש זענען די כהנים געווען די "שבט לה'", די אויסדערוועלטע. זיי האבן מקריב געווען די קרבנות און געטון די עבודה. די כהנים האבן נישט געדאווענט. זיי זענען געווען פארנומען מיט די עבודה, און דעריבער זענען זיי געווען פטור פון דאווענען. וועט איינער וועלן קומען זאגן אז די כהנים זענען פון די צווייט-קלאסיגע? חלילה. דוקא ווייל זיי זענען אויסדערוועלט, זיי האבן א ספעציעלע פאסטן, זענען זיי פטור פון דאווענען, דער רבוש"ע רעכנט זייער עבודה אזויווי ביי א צווייטן וואס ער האט געדאווענט.

טייערע שוועסטער, איך און דו זענען אויסדערוועלט געווארן פון מלך מלכי המלכים אליינס אויפצוציען די צוקונפטיגע דור פון כלל ישראל, די עתיד פון אידישע קינדער. ביי דיר אין שטוב דרייען זיך אצינד די קומענדיגע גדולי

הדור, רבנים, עסקנים און ערליכע אידן. דאס איז נישט קיין שיינע חיזוק, דאס איז טויזענט פראצענט ריכטיג. אונזער עבודה איז נישט צווייט קלאסיג. מיר זענען די "עקר"ת הבית, די עיקר פון די שטוב.

יעדער גדול בישראל האט זיך געהאדעוועט ביי א אידישע מאמע ווי מיר און דיר, וואס האט אויך זיך געוואונדערט ווען און וואו זי וועט אריינכאפן אביסל "רוחניות". נאר צומאל כאפן מיר נישט אז "מיר האבן שוין אריינגעכאפט."

א פרוי האט אמאל אנגעפרעגט ביים ראש ישיבה אז זי ליינט אזויפיל וועגן די סגולות פון משניות אז זי וויל אנפרעגן אויב א פרוי מעג אויך לערנען משניות צו זוכה זיין צו די אלע סגולות, ספעציעל די סגולה אז נאכ'ן טויט וועלן די ווערים נישט קומען צו א קערפער וואס האט געלערנט משניות. דער ראש ישיבה שליט"א ענטפערט אז א פרוי דארף נישט די אלע סגולות פאר משניות.

וואס איז פשט? זייער פשוט. אויב דיין חבר'טע ליידט פון א לונגען אנטצינדונג און זי נעמט א וואונדער מעדעצין, וואס היילט איר אויס ביז צען טעג, פארשטייסטו אליינס אז דו דארפסט נישט און ווילסט נישט נעמען די מעדעצין. ב"ה, דו ליידסט נישט אויף די לונגען.

אידישע פרויען דארפן נישט די סגולה וואס א מאן דארף. אלע אונזערע תיקונים, זאגט דער ראש ישיבה, ווערן שוין געטון מיט דעם וואס מיר זענען אויף מיט די קינדער ביינאכט, מיט די זעק וועש וואס מיר וואשן טאג נאך טאג, די נאכטמאל וואס מיר גרייטן צו, די מצוה צעטלעך און עסן וואס מיר שיקן מיט און נאך און נאך.

ווי דער ראש ישיבה האט געזאגט ביים שיעור, "די אלע בערג וועש און נאכטמאלס גייען ארויף אויפ'ן וואגשאל." דאס האט מיר געמאכט טראכטן, "וויפיל וועגט א פעקל פלייש?" נישט ווייניג. רעכן עס הונדערטער מאל א יאר, לייג צו ימים טובים, טעפ זופ, קוגל און קאמפאט, קוכן און עקסטערס. וואו איז דא א וואג וואס קען דען אפשאצן א אידישע מאמע, א אידישע פרוי? ווי איז דא נאך אזא גוטע סניגר (לויער) וואס קען קומען און טענה'ן פאר אונז, ווי די פיר ווענט פון אונזער אייגענע הויז. קיינער ווייסט נישט וואס א אידישע מאמע און א אידישע פרוי גייט אריבער. נאר דער רבוש"ע און דאס ברענגט מען ארויס ביים יום הדין.

און וואס טו איך אז איך האב נישט געקענט אנגעקומען צו שופר בלאזן אדער איך האב געמוזט ארויסגיין ווייל די קינדער האבן געשטערט? אויף דעם זאגט אונז דער ראש ישיבה שליט"א אז די קולות און תקיעות פון די קינדער זענען זיך זיכער מצרף ביים בית דין של מעלה און זיי טענה'ן פאר אונז.

נאר איין זאך, מיר טארן נישט ווערן צובראכן. ביים אייבערשטן איז נישטא טייערער ווי א אידישע מאמע, איז פארוואס זאלסטו זיך קלאפן?

עס איז באקאנט אז מען האט אמאל געזאגט פאר'ן רבי'ן אז מען זאגט נאך פון זיין הייליגן זיידן דעם בעל שם טוב זי"ע, אז ווען משיח וועט קומען, וועט מען נישט דארפן א ווייבער שול. האט דער רבי דאס אוועקגעמאכט און געזאגט אז דער בעל שם הקדוש האט דאס נישט געזאגט, ווייל משיח וועט קומען "בזכות די ווייבער שול". אונזערע תפילות זענען זייער טייער ביים באשעפער.

די ווייבער שול איז אבער נישט מצומצם צו א פלאץ. די ווייבער שול איז דארט ווי ווייבער מאכן א שול. דארט ווי דו שטייסט יעצט. אז דו ביסט זוכה צו עפענען דיין מויל און ארויסרעדן א דיבור צום באשעפער, איז דאס די ווייבער שול פון וואס דער הייליגער רבי האט גערעדט. דאס מיינט בזכות נשים צדקניות נגאלו.

מיט די ליכטיגע עצות פון רבי'ן איז דאך אזוי זיס פאר אונז. ווי איך שטיי און ווי איך גיי קען איך עפענען מיין מויל און רעדן צום באשעפער. וואו איך בין קען איך מאכן א ימים נוראים'דיגע תפילה. קענסט בשעת'ן אנפיטערן די קליינע קינדער מאכן אזא שיינע תפילה, ווי דער בעל תפילה זינגט אזוי הארציג "יהי רצון מלפניך ה' אלוקינו ואלוקי אבותינו שתהא השנה הבאה עלינו ועל כל עמך בית ישראל... שנת אורה, שנת ברכה, שנת גילה..."

זאג עס פשוט אין דיין שפראך, "הייליגער באשעפער, בזכות אלע צדיקים, בזכות אברהם יצחק און יעקב שיק פאר אונז אלע א גוט געבענטשט יאר מיט געזונט, שפע און נחת. געב אונז טאטע א יאר פון אמונה, פון אמונת חכמים, פון תמימות, א יאר פון יראת שמים, א יאר פון שמחה, א יאר פון ברכה און וויטער און וויטער."

די שיינע זיסע תפילה פון לקל אורך דין איז דאך פול מיט חיזוק פאר די אידישע פרוי. דאס איז מיין טרייסט, נישט מיט שרעק. טאטע, לבוחן לבבות ביום דין און לצופה נסתרות בדין, אז דו קוקסט אריין אין די טיפעניש פון מיין הארץ און אז דו דעקסט אויף די באהאלטענע זאכן אינעם טאג פון דין. אוי, ווי זיס, טאטע, קוק טאקע אריין און זע, די טיפעניש פון מיין הארץ, ווי שטארק איך וויל זיין גוט, ווי שטארק איך גלוסט צו זיין נאנט צו דיר. קוק, טאטע און זע די באהאלטענע מסירת נפש וואס איך קען פאר קיינעם נישט דערציילן, און אסאך דערפון האב איך שוין לאנג פארגעסן. אבער דו טאטע, ביי דיר איז נישטא קיין שכחה. דו פארגעסט נישט און דו פארקוקסט נישט. אלעס ווערט ביי דיר אוועקגעלייגט. און אט ברענגסטו היינט דאס אלעס ארויף און בזכות דעם שרייב אונז אן א זיס און ליכטיג יאר...

אפשר בין איך טאקע נישט אנגעקומען צו דאווענען טאטע, אפשר איז מיין ונתנה תוקף געווען אזוי צוהאקט און צוקנאקט, אבער מיין הארץ איז גאנץ, און ריין פאר דיר. איך דין דיר טאטע אין דיין בית המקדש אין די מקדש מעט, איך ציה אויף כהנים, איך טו דיין ווילן. זאלן מיר זוכה זיין צו פועל'ן אלעס גוטס.

ותשובה ותפילה וצדקה

ש. ל. פליישמאן

# אויפן וועג אהיים

צוזאמען ביים שיעור פארברענג. ווערן בעסער איך בענק. כאטש עפעס איך געדענק.

## ס'וועגט אראפ מיט א קראך

אונזער גרויסע גאט,
אויבן אין הימל האט,
א וואגשאל ספעציעל,
א אנדערע מין Scale.

עס איז אזא סארט וואג,
וואס פארנעמט די גאנצע פלאג,
פון א אידישע מאמע'ס טאג...

עס גייט ארויף אויף דעם,
זאכן נישט אזוי אנגענעם,
דווקא דאס איז מיין Fame!

א ווינדל נאך א ווינדל,
פון מיין טייער געזינדל...
עס ווערט אפגעוואויגן דארט,
ווי געווען עס וואלט,
כאטש א שטיק גאלד!

אויפן Scale ליגט אויך,
טעפ מיט פלייש און יוך,
וואס די קינדער האבן יא אדער נישט געגעסן,
וואס איז געבליבן אין Fridge פארגעסן...

אויף א ריזיגע בארג,
פון שאלאכטס פון עסנווארג...
ס'איז נישט קיין פשוטע Scale,

עס האט אויף זיך זעק מיט מעל...
פון אלץ וואס כ'האב דאס יאר גענוצט,
געקאכט, געבאקן, געשוויצט...

אויף די באטלעך Mr Clean,
האט מען געהאט אינזין...
זייפן פון אלע סארטן,
אויף מיין וואגשאהל דארטן...

עס וועגט אראפ מיט א קראך,
מיין אויפזיין מיט א קינד ביינאכט.
א גלעט אויף מיין קינד'ס וואונד,
וויפיל וועגט עס אין קילא / פונט?

אויף מיין וואגשאל מען טוט ברענגען,
וועש וואס כ'האב געטון אויפהענגען,
מיין דרייער, מיין וואש מאשין,
ברענגט מען אויך אהין.

ים'ען פון וועש, וועש, וועש,
פארפלעקטע און אויך Fresh,
אויף Dishes אן א צאל,
ארויף אויף מיין וואגשאל.

מיט די וואסער וואס כ'האב געשפריצט,

עס צו רייניגן פון שמוץ,
איך דערקען די שמאטעס,
וואס כ'האב געוואשן די באלאטעס...
אויף די בעטגעוואנט,
איז מיר וואויל באקאנט...

די ריסעס וואס כ'האב אנגעגרייט,
די שמייכל וואס כ'האב אויסגעשפרייט,
די פרוכט וואס כ'האב אויפגעשניטן,
אין געאיילטע לעצטע מינוטן...

ס'איז א List א לאנגע?
כ'האב נאכנישט אנגעפאנגען!
ס'איז נאך פיל פיל פארבליבן,
וואס בלייבט אומגעשריבן.

נאר דער אייבערשטער ער זעט,
וואס אין א אידישע הויז געשעט,
ביי אים איז אלעס אוועקגעלייגט,
אויפן Scale א הויפן שטייט!

וואס דו טוסט ארום די זייגער,
איז דיין שענסטע סניגור,
האסט געמאכט די בעסטע הכנה,
פארן יום הדין ראש השנה!

**צו הערן די גאנצע שיעור פונעם ראש ישיבה רופט 212-444-9169**

# ווארעמע ברעסטן

*אין קורצן פון פריער: בתי' - קינד פון ר' יודא לייב וזוגתו בילא מייזליק ז"ל, איז געבליבן לעבן נאכן צווייטן וועלט קריג, מיט מסירות נפש היטן זיי אידישקייט אין רוסלאנד. די קעי זשי בי האט פארכאפט ר' יודא לייב פאר צוויי יאר.*

*און יעצט לייגט ווייטער:* ער האט דערציילט אז גאנצע צוויי יאר נאכאנאנד האבן די רשעים אים פראבירט צו מאכן רעדעוודיג ארויסצובאקומען פון אים נעמען פון נאך אידן וואס האבן מיטגעארבעט מיט זיין "קאנטער-רעוואלאציע" אקטן. זיי האבן געוואוסט פון זיין מצה בעקעריי און פון זיינע שבת טישן. זיי האבן אים געדרוקט צום וואנט אז ער זאל ארויסגעבן נעמען. צוויי יאר האבן זיי אים געפייניגט, אבער ער האט קיינמאל נישט געעפנט זיין מויל.

איין טאג האבן זיי אים ארייגערופן פאר אויספארשונגען און דער אויספארשער געשריגן צו אים "דאס איז עס. רעד יעצט און אויב נישט זאג איך דיר צו אז דו גייסט שטארבן! יעצט!" ר' יהודה לייב האט זיך נישט דערשראקן. טויט שרעקט נישט אף דעם ערליכן איד וואס גלייבט אין עולם הבא.

ר' יהודה לייב האט זיך נישט גערירט. פלוצלינג האט ער געשפירט ווי די ערד טרייסלט אונטער אים און ער איז אראפגעפאלן טיף טיף אין א גריב.

ר' יהודה לייב האט פארלוירן זיין באוואוסטזיין. ער ווייסט נישט פאר וואו לאנג. ווען ער האט געעפנט זיינע אויגן האט ער געשפירט שוואך און צעמישט, אבער ער האט זיך צוזאמגעקליבן און אנגעהויבן טאפן אין די פינסטערניש. ער האט געשפירט א טיר. ער האט דאס געשטופט און צו זיין איבעראשונג, איז די טיר געווען אפן.

שטייטלער האט ער זיך אויפגעשטעלט און איז ארויס. קיינער איז נישט געשטאנען און געוואכט דארט. ער האט אדורכשפאצירט די קארידארן שטיל שטיל. אלעס איז





26

## ש. טראכטער

געווען לידיג, און פלוצלינג האט ער זיך געטראפן שטיין ביים צוים פון דעם בנין. נישט וואוסענדיג אפילו וויאזוי האט ער זיך געטראפן שטיין אונטער'ן פרייען הימל. אזוי ממש ווי א נס, אן קיין שום פרסום, ממש ווי מיט מלאכים אליינס, האט ר' יהודה לייב אנגעהויבן אהיימצושפאצירן צו זיין אויסגעבענקטע משפחה.

אין א געלעגנהייט האט בתי' געפרעגט איר טאטן, "וויאזוי האסטו אויסגעהאלטן צוויי יאר אינגאנצן אליינס?"

אויף דעם האט איר טאטע איר געענטפערט, "א איד איז קיינמאל נישט אליינס. איך בין געווען אין תפיסה מיט'ן אייבערשטן. איך בין קיינמאל נישט געווען אליינס. אזוי ווי דוד המלך זאגט אין תהלים "גם כי אלך בגיא צלמות לא אירא רע כי אתה עמדי" אפילו ווען איך גיי אינעם טאל פון טויט האב איך נישט מורא ווייל דו ביסט מיט מיר."

ר' יהודה לייב האט זיך אויסגעדרוקט, "צו זיין אליינס מיט'ן באשעפער אוועק פון די גשמיות'דיגע וועלט איז בכלל נישט איינזאם. קיינמאל פריער האב איך נישט געשפירט אזא לויטערקייט אין מיינע תפילות."

ר' יהודה לייב פלעגט רעדן פון זיינע התבודדות אין יענע טעג און פון זיך אינגאנצן איבערגעבן צום אייבערשטן. עס איז נישטא א זיסערע געפיל אויף די וועלט ווי צו שפירן "אליינס מיט'ן באשעפער" אפילו אין די פינסטערע תפיסות פון די רוסישע חיות.

נאך א זאך וואס האט זייער געהאלטן ר' יהודה לייב אין יענע טעג איז געווען משניות. ווי ער האט דערציילט פאר זיין טאכטער בתי' האט ער דאך אלעמאל געוואוסט אז איין טאג וועט מען אים כאפן, דעריבער האט ער זיך געגרייט דערצו. דורכאויס די יארן האט ר' יהודה לייב גורס געווען אזויפיל משניות און גמרא ביז ער האט זיך דאס איינגע'חזר'ט אויף אויסענווייניג.

אויך האט ער זיך איינגע'חזר'ט גאנץ ספר תהלים בעל פה. אזוי האט ער פארברענגט די טעג מיט משניות, תורה, תהלים און תפילה. ער האט געהאט דעם גן עדן אינעם רוסישן גהנים.

דאס דערמאנט אונז וואס דער ראש ישיבה זאגט אז דער הייליגער רבי זאגט אונז אז אין קבר איז נישט אנדערש ווי דא, חוץ אז מען קען נישט גיין און קומען. דאס וואס דער מענטש געוואוינט זיך צו, צו טון דא אויף די וועלט, דאס וועט מען ווייטער טון אין קבר. אז מען געוואוינט זיך צו כסדר צו דאווענען און מתבודד זיין וועלן זיך די ליפן ווייטער שאקלען דארט און מען וועט אויך דארט בענקען צו "שפירן אייבערשטער."

זיבן יאר זענען פארביי. דער טאטע איז געווען אינדערהיים. דאס לעבן אין שטוב איז געווען א גן עדן, א רואיגע אינזל פון אמונה אינעם שטורעמישן ים פון דעם רוסישן גלות. מער וויינינגער איז אלעס צוריק אזוי ווי פאר דער טאטע איז געכאפט געווארן. געסט זענען ווידער געקומען און די הויז האט געלעבט מיט מצוות.

איין טאג קומט בתי' אהיים און איר טאטע האט איר אפגעווארט מיט אן איבעראשונג. "קום, בתי'לע, לאמיר גיין אביסל שפילן. איך וויל רעדן מיט דיר אין א פריוואטע ווינקל. מיינע מחשבות זענען מיר היינט צעמישט. איך וויל גיין צווישן די רואיגע וואסערן."

אזוי זענען טאטע און טאכטער ארויס אויף א רואיגע שפאציר צום גארטן פון דעם דנעיפער טייך און געדינגען א שיפל.

זיצענדיג אזוי צווישן וואסער און הימל האט ר' יהודה לייב אנגעהויבן רעדן צו זיין טאכטער מיט א רואיגע און זיכערע שטימע. ער האט גערעדט פון תכלית. ער האט אסאך גערעדט פון עולם הבא, אז די וועלט איז דאך נאר דומה לפרוזדור א דורכגאנג. ער האט איר מסביר געווען אז כאטש עס איז טאקע נאר א דורכגאנג טראגט די מענטש אויף די וועלט אויך א שטיקל נצחיות, דאס איז זיין נשמה. די נשמה וואס איז נצחיות וואקסט און בליעט לויט די מעשים אויף די וועלט. פאר בתי' איז דאס נישט געווען קיין נייע שמועס. זי איז שוין געוואקסן פון וויגל מיט שמועסן פון תכלית, פון חשבון הנפש און אמת.

אבער עפעס האט איר הארץ געשפירט אז דאס מאל איז אנדערש. ווען איר טאטע האט זיך אפגעשטעלט האט זי געגעבן א פרעג, "טאטע, וואס גייט פאר? פארוואס רעדסטו אזויפיל פון יענע וועלט יעצט? פארוואס דארפן מיר צושטערן אונזער פארברענגג? דו האסט נאך לאנגע יארן צו לעבן."

ר' יהודה לייב האט ארייגעקוקט זיין טאכטער אין די אויגן און איר געזאגט, "מיין טייער קינד, רעדן פון טויט צושטערט נישט קיין פארברענגג. א מענטש מוז לעבן מיט די ריינע אמת וואס שלמה המלך זאגט אונז אז עס איז בעסער די טאג פון שטארבן ווי די טאג פון געבוירן (טוב יום המות מיום הולדו).

*ליינט קומענדיגע וואך ווייטער אי"ה*

# חלק ד'

## פראיעקט ראש השנה תשפ"ו חלק ד'

איך באקום א רוף פון א חבר'טע איין טאג: "איך ליין דיינע ארטיקלען, איך האב זייער הנאה פון די אומאן פראיעקט. איך שפיר אבער אז איין נושא איז נישט געווארן אויסגעשמועסט."

איך וואונדער זיך צו וואס זי צילט.

מיין חבר'טע דרייט אהער און אהין און דאן זאגט זי מיר, "איך ווייס נישט, איך שפיר עפעס אזוי... אזוי... נישט."

איר מאן גרייט זיך צו גיין דאס ערשטע מאל קיין אומאן. עס נעמט איבער די גאנצע הויז, די גאנצע לעבן, די גאנצע פאקוס.

זי זאגט מיר, "לאמיר זיין אויפריכטיג. גיין דאס ערשטע מאל איז נישט גרינג. מען דארף זיך ספראווען, איינער מיט משפחה, איינער מיט געלט, איינער מיט די ארבעטס-געבער און איינער מיט אלעס צוזאמען. ריכטיג, עס איז א גרויסע אונטערנעמונג. ריכטיג, עס איז נישט גרינג. אבער דאך, זאגט מיר מיין בר'טע, אויפריכטיג, "שפיר איך אזוי, כאילו די מענער גייען אהין. עס איז נישט גרינג, איך פארשטיי. אבער אונטער יעדע מאן וואס פארט, בלייבט א פרוי אין שטוב, מיט קינדער, מיט געשווימסטער וואס ווילן דיר מחזק זיין (ליין: נייגעריג), צומאל מיט קאמפלעקסן."

"און," זאגט מיר מיין טייערע חבר'טע אזוי ריין און אויפריכטיג, "מען באזינגט צום סוף די מענער. עס איז זייער מסירת נפש. זיי האבן עס דורכגעמאכט, מיט אלע מניעות.

" זיי האבן די שמחה, די דערהויבנקייט, די חיזוק און איך... איך ווייס נישט..."

אינצווישן זאגט זי מיר, "איך שפיר עפעס אזוי... נאריש. כאילו איך בין אפשר מקנא, ווי א קליין קינד? אבער אזוי שפיר איך. איך פיל אזוי באזייטיגט. איך ווייס אז באמת גייט מיין מאן פועל'ן פאר אונז און איך ווייס אז איך דארף זיך זייער זייער פרייען. איך האלט אים ב"ה נישט אפ, און איך וויל ער זאל דארט זיין, נאר... איך וויל ווערן אנערקענט."

מיין חבר'טע, אזויווי פיל פון אונז, טייערע, טייערע אנשי שלומינו, בלייבט אין שטוב מיט קליינע קינדער, אן קיין הילף.

יא, טייערע חבר'טע, צום ערשט באדאנק איך דיר פאר'ן מיר געבן רשות אויסצושרייבן אונזער שמועס אין אן ארטיקל (פארשטייט זיך פרטים געטוישט), ווייל די כלל איז אז אויב איינער שפירט אזוי, זענען דא צענדליגער אנדערע פרויען וואס שפירן אויך אזוי.

ספעציעל אויב איז עס אין די ערשטע יארן וואס דיין מאן פארט און אפשר שפירט מען נאך נישט די התרגשות און שמחה און התרוממות וואס אנדערע פרויען האבן געשריבן אין זייערע ארטיקלען, קען מען טאקע שפירן באזייטיגט צומאל.

אלעס דרייט זיך ארום דעם מאן (און קינדער'ס) פארן און וואו בין איך אין די בילד? צו ווייסט איינער און קימערט זיך איינער אז דא בלייבט א פרוי אין שטוב?

...

איך האב געהערט א שיינע שיחה וואס איך וויל מיטטיילן מיט אייך. (עס איז שוין אויך געווען באשריבן אין די פריערדיגע בלעטל, אבער עס איז ווערד איבערצושרייבן.) אין א שמועס מיט די בחורים אין שטעטל, האט זיך דער מגיד שיעור אנגערופן צום ראש ישיבה שליט"א, אז עס איז דא א בריוו אין עצתו אמונה וואס האט אים זייער געכאפט. דער ראש ישיבה שליט"א האט זיך נאכגעפרעגט וועלכע בריוו דאס איז. ווען דער מגיד שיעור האט געזאגט פאר'ן ראש ישיבה וועלכע בריוו דאס איז, האט זיך דער ראש ישיבה צושמייכלט און געזאגט, "א שטיק צייט צוריק האסטו מיר אויך געזאגט איבער א בריוו וואס האט דיר געכאפט. אינטערעסאנט אז ביידע בריוו פון וואס דו רעדסט איז געשריבן געווארן צו די זעלבע מענטש."

דאן רופט זיך דער ראש ישיבה אן, "רוף אן מכון עצתו אמונה און פרעג אים צו וועמען עס איז געשריבן."

דער מגיד טוט טאקע אזוי און רופט אן און פרעגט.

"וועלכע בריוו און פארוואס פרעגסטו?"

דער מגיד שיעור זאגט אים וועלכע בריוו און ער זאגט אים, "דער ראש ישיבה האט מיר געזאגט איך זאל דיר רופן."

דער אינגערמאן צעשמייכלט זיך און זאגט אים, "יא, די בריוו... עס האט געהאט א נאמען."

מיט נייגער ווארט דער מגיד שיעור, און דער אינגערמאן זאגט אים, "עס שטייט: לכבוד דער ראש ישיבה!

דער ראש ישיבה האט זיך צעשמייכלט און געזאגט, "צומאל דארף מען זיך אליינס שרייבן א בריוו פון חיזוק."

...

דער ראש ישיבה שליט"א זאגט אונז כסדר, "קומען קומט אז דער מאן מאכט פרייליך די פרוי, אבער א קלוגע פרוי זעט צומאל אז די מאן איז אין א מצב פון ... וכו', דאן מאכט זי פרייליך איר מאן!"

אוודאי קומט - און ווי דער ראש ישיבה רעדט כסדר צו די אינגעלייט - אז דער מאן זאל פרייליך מאכן און זיך אינטערעסירן און אפגעבן די נויטיגע אויפמערקזאמקייט פאר זיין ווייב, אבער צומאל ספעציעל ווען מען פארט צום ערשטן מאל, (אדער אפילו נישט) און עס דרוקט אויפ'ן מח, צו די עלטערן, צו די חובות, צו די ארבעט, צו סיי וואס, איז שווער פאר א מענטש צו האלטן די קאפ אין פלאץ. אסאך מענטשן ווערן מטורד ווען עס קומט צו פארן.

איך האב אמאל געהערט א ווייבל דערציילן אז זי האט געווארט און געווארט אז איר מאן זאל איר קויפן א מתנה און שרייבן א שיינע צעטל פון דאנק אויף אלעס וואס די אשת חיל טוט פאר די משפחה. אבער זעענדיג אז עס קומט נישט, האט זי געטון צום זאך און זיך אליינס אפגעשריבן א שיינע בריוו, און צוגעלייגט א שטיקל שאקאלאד, און עס אראפגעלייגט שיין אויפ'ן קאך טיש... פאר... זיך!

איז דעריבער טייערע שוועסטער, לאמיר זיך אליינס מחזק זיין.

וויסן זאלסטו, אז ס'נישטא קיין גרעסערע זכות פון שיקן די מענער און די קינדער צום רבי'ן. די גאנצע זכות איז אונזער. נאכמער, אונזער שכר איז אזוי גרויס, ווייל מיר טוען עס אינגאנצן לשם שמים, ממש פאר'ן אייבערשטן. אבער אין אמת'ן טייערע שוועסטער, זענען מיר אידישע מאמעס געוואוינט דערצו. מיר ארבעטן דאך א גאנץ לעבן, לשם שמים. זאג מיר, שוועסטער, קען דען איינער אפשאצן און פארשטיין וואס עס מיינט צו זיין א אידישע מאמע, א אידישע פרוי? צו ווייסט איינער אלע אינעווייניגסטע

סודות וויפיל מיר טוען און טוען און טוען נאכאמאל, און דאן נאכאמאל?

צו ווייסט איינער וויפיל מיר שלינגען און שוויגן, געבן און פארגעבן?

איינער ווייסט. דער אייבערשטער ווייסט.

ביים הייליגן רבי'ן באקומען מיר די מתנה פון התבודדות, וואס געט אונז אזעלכע שטארקע מח. מח צו קענען דערהייבן, כח צו קענען אנגיין. דער ראש ישיבה שליט"א לערנט אונז כסדר אז אויב א מענטש ווייסט אז "איך דארף נישט קיינעם, נאר דיר באשעפער אליינס" ווערט אים די לעבן זיס. ערווארטונגען ברענגען אנטוישונגען.

דאס איז א טיפע, שטארקע לימוד וואס פארלאנגט אסאך אסאך תפילה והתבודדות. "איך בין נישט אנגעוויזן אין "קיינעם". ווי דער ראש ישיבה שליט"א זאגט אונז אסאך מאל, "אויב מען וויל מיר העלפן? הערליך. אויב נישט, נישט."

אוודאי וויל א מענטש אנערקענונג, און אוודאי וויל א מענטש שעצונג, אבער מיט תפילה והתבודדות קען א מענטש אנקומען צו זיין אזוי אויסגעלייזט, אזוי נישט אנגעוויזן, אזוי שטארק און אזוי פרייליך!

טייערע שוועסטער, איינער ווייסט. איינער פארשטייט. איינער זעט. דער אייבערשטער איז ישלם שכר פעולתך, און לפום צערא אגרא, לויט די צער אזוי איז די שכר.

קענסטו זיך פארשטעלן וויאזוי עס זעט אויס ראש השנה אויבן אין הימל, ווען מען איז דיר דן? דו שטייסט פאר'ן בורא און מען קוקט איבער דיין יאר. לאמיר נישט אריינגיין אין צופיל פרטים. אבער דאן געט מען א קוק, "וואס טוט זי יעצט?"

און וואס זעט מען? א מאמע, אליינס אין שטוב, פרובירט זיך צו פרייליך מאכן, כאפט אריין א ווארט צום אייבערשטן, א אידישע תפילה... איר מאן איז ווייט. עס איז איר נישט דוקא אנגעקומען גרינג, דאך האט זי זיך געשטארקט און נישט נאר מסכים געווען, נאר איז געשיקט מיט ווארימקייט און איז איינגעפאקט מיט הארץ און געפיל.

נישטא א מלאך וואס קען זאגן א שלעכט ווארט אויף איר. זאג מיר שוועסטער, איז דאס נישט די גרעסטע מליץ יושר פאר אונז ביים גרויסן טאג פון דין?

"בטל רצונך מפני רצונו, איך האב אוועקגעגעבן מיין רצון פאר דיין רצון אייבערשטער, דערפאר טאטע, טו אויך מיין רצון און שענק אונז אלע א גוט געבענטשט און געשענקט יאר, מיט שפע און ברכה, פרנסה און שלום בית. א יאר פון ישוב הדעת, שמחה, אמונה, אמונת חכמים און אהבת התורה."

שוועסטער, מיר דארפן זיך "זייער פרייען", אז דאס איז אונזער פלאג. בזה העולם גייט יעדער איבער נסיונות, יעדן פרובירט מען אויס. וואויל איז אונז אז דאס איז אונזער פלאג, אז דאס איז אונזער שוועריגקייט צו גיין בדרך הצדיק. שטארק זיך שוועסטער, מאך זיך פרייליך, האלט זיך פרייליך, עס קומט א גוטע יאר!

**א ווארט פון מרת דעפריס:**

דו ביסט דאס וואס דו טראכסט אז דו ביסט. אז דו קלערסט אז דו ביסט א רחמנות, וועסטו ווערן איינס, אבער אז דו קלערסט נישט אז דו ביסט א רחמנות, וועסטו נישט זיין. איך בין נישט קיין חסיד פון זיך אליינס מאכן פאר א רחמנות. סיי וויאזוי מיין ראש השנה וועט זיך אויסארבעטן, סיי וואו איך וועל זיין, וועל איך מאכן זיכער צו זיין פרייליך!

א מצב איז: דאס וואס דו מאכסט דערפון!

## ש. טראכטער

**פראקטישע אופנים וויאזוי זיך צו האלטן פרייליך: עס איז געוויס דא זאכן וואס דו האסט געוואלט טון א גאנץ יאר, אבער ביסט נישט אנגעקומען. יעצט איז "מי טיים" צייט פאר זיך.**

**סיי אויב דו ביסט א יונג ווייבל מיט מער צייט און סיי אויב דו ביסט א פארנומענע מאמע, קענסטו אפשר מאכן פרי נאכט און טון וואס דו ווילסט. נישט אלעס איז נוגע פאר יעדן, אבער איך בין זיכער דו קענסט טרעפן עפעס וואס דו האסט הנאה צו טון, אפילו עס איז נישט אויסגערעכנט דא.**

**אגב, די יאר איז כמעט נישטא ווען אריינצוכאפן אלע איבעריגע זאכן, ווייל עס איז "ערב און מוצאי און ערב און מוצאי..."**

*** אנפולן די פריזער**

*** באקן**

*** מאכן ספעציעלע desserts**

*** נוי סוכה**

*** מסדר זיין משפחה בילדער**

*** פאררעכטן קליידער וואס מען וויל/דארף שוין לאנג טון**

*** מסדר זיין די שטוב/שאפעס**

*** מאלן, שרייבן, נייען וכו'**

*** איינקויפן וואס עס פעלט זיך אויס פאר סוכות (אויב)**

*** פארגינן זיך א גוטע בוך (עס מעג זיין געבארגט) און נעם צייט פאר זיך**

*** ערלויב זיך "א גוטע און פריע" נאכט שלאף**

*** גיי אריבער פארברענגען ביי די באבע אדער עלטערע מומעס**

*** אויב האסטו נאכנישט קינדער, קענסטו מחי' זיין אנשי שלומינו וואס בלייבן אין שטוב מיט פיצלעך און ארויסנעמען די קינדער פאר א שעה- צוויי.**

*** העלף דיין מאמע קאכן און באקן פאר יום טוב**

*** לאדן איין אנדערע ווייבלעך צו קומען פארברענגען די טאג מיט דיר.**

**א זיס לעכטיג יאר**




# די רענט קאמפיין פארט ווייטער

## א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר

שבתי מאורקיס    אשר בער אונדאורסקי

מוסדות היכל הקודש ברסלב בארה"ב

רענט קאמפיין

*sruliHeskel

# אן אפענהארציגע בריוו צו מיינע טייערע עלטערן שיחי'

ווען איך בין געווען אין ערשטע קלאס ביסטו, טייערע מאמע, געקומען צו מיין סידור מסיבה. איך געדענק די ניגון וואס איך האב דאן געזינגען מיט מיינע חבר'טעס צו דיר ליבע מאמע.

די אינהאלט איז געווען בערך אזוי: *ווייל א מאמע'ס פלאץ... האט קיין ערזאץ... און קיין אפשאץ... איך וועל עס נאר קענען באמת פארשטיין... ווען איך וועל זיין א מאמע אליין... איין זאך טו איך צוזאגן... אז איך וועל מיט שטאלץ דיין מסורה ווייטער טראגן... אין דיינע וועגן וועל איך נאכגיין... ווען איך וועל זיין א מאמע אליין...*

איך געדענק מיט מיין יונגע מח האב איך זיך דאן געוואונדערט פארוואס דו ווישסט דיינע טרערן. איך געדענק די טרערן. היינט פארשטיי איך אז זיי זענען געווען זיסע טרערן, טרערן פון התרגשות, טרערן פון תפילה פון די ריינע הארץ פון א אידישע מאמע. דו האסט דאן הייס מתפלל געווען פאר דיין עתיד, פאר די עתיד פון מיר און פאר אונז אלע.

יארן זענען געלאפן, ביי די סיום פון אכטע קלאס האבן מיר אויך געזינגען מיט הארץ און געפיל, *"אל תטוש תורת אמך... פון די מסורה זיך נישט רוקן... צו די בייזע ווינטן זיך נישט בוקן... ווי די ערליכע פרויען פון אמאל... וועל איך אויך בויען די עתיד פון כלל ישראל...*

דאן האב איך שוין אביסל פארשטאנען און צוגעליגט שטילערהייט מיינע אייגענע תפילות אז איך זאל זיך טאקע קענען האלטן בדרך אבותינו און אויפשטעלן א שטוב אויף דיינע יסודות.

מיין באשלוס איז געווען ריין און קלאר. איך וויל זיין פונקט ווי דיר מאמי, איך וויל אויפשטעלן מיין וועלט, אזוויי דיין געצעלט.

דיינע יסודות זענען מיינע יסודות, און איך וועל זיך נישט רירן דערפון. דערנאך האב גראדואירט 'טע קלאס און סעמינאר.

דאן בין איך שוין טאקע געווען איבערגענומען. עס איז מיר געווען שווער צו זינגען די הויכע פאל, ווייל מיין קול האט זיך געשטיקט.

איך האב געוואוסט אז איך שטיי שוין אט ביים שוועל פון אויפשטעלן מיין אייגענע בית נאמן און פון זיין די "אידישע מאמע" די בויערין פון כלל ישראל. דאן האב איך שוין ארויפגעשיקט מיינע אייגענע הארציגע תפילות וואס האבן זיך געוויס אויסגעמישט מיט דיינע תפילות יענעם טאג, אז איך זאל אלעמאל זיך פירן לויט די תורה און מסורה און דיר ברענגען אידיש נחת מיין גאנץ לעבן.

איך בין געזעצן צווישן מיינע חבר'טעס, אבער איך בין געזעצן אליינס, פארטיפט אין מיינע מחשבות. אין מיין יונגע, ערוואקסענע מח האב איך זיך געוואונדערט וואו דאס לעבן וועט מיר פירן, און וואס עס ווארט אויף מיר. אבער איין זאך האב איך געוואוסט אז איך וועל זיין אן ערליכע אידישע טאכטער, פונקט ווי איך האב געזען אין שטוב, ביי דיר טייערע מאמע.

די טעלער האט זיך געבראכן. פריידיגע אויסדרוקן פון מזל טוב האט זיך געהערט איבערן באשיידענעם שבת צימער. איך האב דאן שטארק געדרוקט דיין האנט, מאמע, און דיר אריינגעקוקט אין די אויגן. מיינע געפילן האבן מיר אינגאנצן איבערגענומען. איך האב עס נישט געקענט אויסדרוקן מיט ווערטער. אט שטיי איך דא, נאך מיין שידוך. אויך דו, מאמע, ביסט געווען זייער נתרגש. מיר האבן נישט געדארפט רעדן. אונזערע הערצער האבן זיך פארשטאנען. אין יענע פרייליכע מינוטן האב איך געטראכט צו מיר וויפיל א מאמע טוט פאר איר קינד און וואס קען איך דיר צוריק טון? נאר איין זאך, דיר ברענגען אידיש נחת און גיין אין דיינע וועגן.

איך געדענק די מינוט גייענדיג צו די חופה. מיר זענען ביידע געווען אזוי פרייליך און אויך אזויפיל מתפלל געווען. דו האסט מיר ארויסבאגלייט צו מיין חופה, צו מיין חתן, צו מיין עתיד, האסט מיר באגלייט מיט טריט פון הודאה און תפילה אז איך זאל זוכה זיין צו השראת השכינה און צו א בית נאמן מיט אלע ברכות.

איך האב דיר דאן שטארק אנגעכאפט און שטיל געפליסטערט צו דיר, "מאמע, פונקט ווי דיר, קיין טריט אנדערש." און דו האסט מיר שטיל צוריקגעשושקעט, "דו ברענגסט מיר נאר נחת. כה לחי."

עס איז אריבער די פרייליכע תקופה און איך בין בס"ד אריין אין א צווייטע גליקליכע תקופה. איך האב זוכה געווען צו די אומשאצבארע מתנה, "א אידישע מאמע."

מיט געדולד האסטו מיר געוויזן, געלערנט, אויסגעהערט און בארואיגט. האסט מיר געלערנט וויאזוי צו פירן א ווירטשאפט און זיך אפגעבן מיט א קינד. ב"ה מיין משפחה איז זיך צוואוקסן. יעדע שטיק צייט נאך א שמחה, און מיט דעם קומט מיט די נחת און אויך די ארבעט. געלויבט דעם אייבערשטן, אבער איך האלט דיר כסדר פאר די אויגן, מאמע. ביסט אלעמאל מיין סימבאל, מיין לייכט טורעם. דו ביסט פאר מיר א דמות פון אן ערליכע אידישע מאמע און פרוי, א געטרייע מאמע און אוודאי אן אשה כשרה העושה רצון בעלה.

איך האב צוגעזען א פרוי וואס שטייט דערביי פאר איר מאן, אין אלע צייטן. סיי בגשמיות און אוודאי ברוחניות. דו האסט אלעמאל געלעבט מיט תכלית און פאר'ן אייבערשטן. האסט מיר געלערנט וואס אן ערליכע פרוי דארף צו טון, זיין אן עזר כנגדו. האסט מיר מחנך געווען צו טון וואס איז ריכטיג, נישט וואס יענער טוט. האסט אונז אלעמאל געוויזן אז מען דארף געפעלן די שכינה נישט די שכנה.

ווען דער טאטע איז אהיימגעקומען מיט א נייע סדר אין עבודת ה' האסטו אים קיינמאל נישט אפגעהאלטן. פארקערט, דו האסט אים אלעמאל מחזק געווען און געשטארקט צו טון זיינע רצונות און שאיפות. נישט אלעמאל איז דיר עס געווען גרינג. איך געדענק ווען געוויסע מאל האסטו פארפאסט צוזאמקומען מיט דיין משפחה און פריינט, ווייל דו האסט געדארפט טון וואס איז ריכטיג. און אויף די יסודות האב איך געשטעלט מיין



שטוב.

טייערע ליבע מאמע, פונקט ווי דיר און ווי מיין באבעס פון אמאל, טו איך רצון ה'. האסט מיר געלערנט, "מיט'ן מאן איבער'ן ים." אוי ווי מיין הארץ עס ציפט ווען איך שרייב די שורות וואס איך וועל דיר לכאורה קיינמאל נישט ווייזן. ווען דו וואלסט נאר געזען מיין צוריסן הארץ, ווי איך בין צוריסן צווישן גוט און גוט. צווישן טון וואס איז ריכטיג און נישט וויי טון מיינע טייערסטע מענטשן אויף די וועלט. מאמע, ווען דו וואלסט געזען מיינע טרערן, געליינט מיין הארץ און פארשטאנען די אומגעזאגטע, גלייב איך אז אויך היינט וואלסטו מיר געדרוקט די האנט, פונקט ווי ביי מיין חופה און מיר געפליסטערט שטיל אין אויער, "דו שאפסט מיר נחת. כה לחי."

אבער וואס קען מען טון אז דער הייליגער רבי האט אונז געברענגט א מתנה מחלוקת. און דער רבי איז א סוד וואס פאר וויפיל מען דערציילט עס בלייבט עס נאך אלץ א סוד?

מאמע, איין זאך קען איך דיר זאגן, מיין צוזאג האט זיך נישט געטוישט. איך גיי אין דיינע וועגן. איך שטעל מיין שטוב אויף דיינע יסודות. אויף די יסודות פון אונזערע רבי'ס און זיידעס.

דער הייליגער רבי האט שוין געזאגט, "איך האב א נייע וועג, וואס פירט צוריק צום אלטן וועג."ווארט מאמע, ווארט, נאך אביסל און איך זאג דיר צו, דו וועסט זען נחת פון מיר. מאמע איך גיי נישט אוועק, איך זאג צו. פארקערט, איך קום צוריק, נאך שטערקער און נענטער ווי פריער. איך ברענג מיינע קינדער צום אייבערשטן, איך ברענג זיי צו צדיקים. און איך לערן זיי אויס צו פאלגן צדיקים. איך לערן זיי צניעות, אמונה, א ליבשאפט צו אידישקייט, צו חסידיש'קייט. א לעבן פון פשטות, פון ריינקייט און לויטערקייט. א לעבן וואס דו האסט מיר געלערנט.

עס איז א שווערע וועלט, מאמע. די נסיונות ווערן נאך מער געדיכט. דו און מיין טייערע טאטע שליט"א האבן געהאלטן אונזער שטוב אזוי פעסט און שיין. איך וויל דאס נאכמאכן. איך וויל דאס נישט פארלירן. אבער איך קען נישט אליינס. איך דארף א צדיק. מיר דארפן א מורה דרך.

מיין הארץ איז צעריסן צו זען אז די לשון הרע מאכט דיר אזוי שווער אויפ'ן הארצן, און מאכט דיר זארגן, "בתי אל תלך בשדה אחר" (מיין טאכטער גיי נישט פאשען אין פרעמדע פעלדער)

מאמע, איך בלייב מיט די מסורה, מיט די תורה און מיט אונזער בורא. איך ריר זיך נישט דערפון.

ביים הייליגן רבי'ן איז שולחן ערוך געווען א יסוד היסודות. דער הייליגער רבי האט אמאל געזאגט, איר מעגט קנייטשן מיין ספר ווי איר ווילט (זאגן פשט אין מיינע ווערטער) אבער רירט זיך נישט אוועק פון שולחן ערוך.

איך פרעג דיר אליינס מאמע, זאג מיר, זעסטו חלילה עפעס וואס איך האב געטוישט לגנאי? דו האסט מיר געפרעגט איין טאג, "וואס האט דיר געפעלט?"

טייערע מאמע, עס האט מיר גארנישט געפעלט, האסט מיר געגעבן אזא ריינע און הייליגע חינוך און טאקע דערפאר האב איך די זכי' עס צו נעמען א טריט ווייטער. איך בוי א תיבה פאר דיינע אייניקלעך אז אויך זיי זאלן נישט פארלירן "דיין" טייערע מסורה.

האסט מיר געזאגט, "דיין מאן איז דאך אלעמאל געווען אזוי וואויל, וואס האט דאס אויסגעפעלט?" אמת, מאמע, ריכטיג. וואס זאל איך אבער טון אז פון גאלד איז געווארן דיימאנט? זאל איך אפלאזן די גאלד גרוב, נאר ווייל עס איז דא ליצנות דערויף?"

איך געדענק ווי דו האסט מיר איינגעשלעפט אלס קליין קינד מיט דעם אז צו זיין אן ערליכע איד, מיינט זיין פארשעמט צווישן מענטשן, און ענדערש זיין א נאר אין די אויגן פון מענטשן א גאנץ לעבן ווי איידער זיין א רשע איין מינוט בעיני ה'. מאמע, איך פאלג דאס מיט תמימות.

איך האב נישט געטוישט די ניגון פון מיינע מסיבות פון מיינע קינדער יארן. איך זאג דיר עס היינט נאכאמאל צו, "איך טרעט נישט אפ פון די מסורה. איך בוי מיין שטוב אויף דיינע יסודות."

זאגסט מיר צומאל אז עס איז דא קשיות אויף די פלאץ. ביסט גערעכט. אבער מוהרא"ש ז"ע האט אונז שוין געזאגט "ווי עס איז דא א ליכט, איז דא פליגן." ארום יעדע אור איז דא ספיקות.

אויב וואלט נישט געווען קיין לשון הרע און קשיות וואלט נישט געווען קיין בחירה. יעדער וואלט געקומען און תשובה געטון. משיח וואלט שוין געקענט קומען, עס וואלט געווען אויס יצר הרע! אזוי וועט טאקע זיין ווען משיח וועט קומען. משיח וועט אריינברענגען די עצות פון הייליגן רבי'ן אויף די וועלט. די עצה פון התבודדות. משיח איז לשון "שיח" (וואס מיינט שמועסן). יעדער וועט רעדן צום אייבערשטן. דער הייליגער רבי האט שוין געזאגט אז צווישן אים און משיח וועט נישט זיין א חילוק. נאר די חילוק איז אז משיח וועלן אלע אידן פאלגן און ביים רבי'ן וועט זיין א בחירה און א נסיון. ביי משיח וועט שוין נישט זיין לשון הרע און ליצנות

און דעמאלטס וועלן אלע איינזען די ריכטיגקייט

נישט אומזיסט זינגט מען אין ברסלב די תנועה'לע וואס איז א שיחה פון רבי נתן, "אונזער גרויסקייט און אונזער שיינקייט וועט מען זען ווען משיח וועט קומען."

איין זאך קען איך דיר זאגן, גלייב מיר מאמע, איך בין נישט געקומען קיין ברסלב ווייל דו האסט מיר חלילה נישט געגעבן עפעס אין מיין לעבן, אדער ווייל איך האב ווייטאג פון אלס קינד. האסט מיר געגעבן א מתנה א ערליכע יוגנט. מיר זענען געקומען דא מיט ריינע אינטערעסן, לשם שמים. מיר האבן דא געפונען א פלאץ וואס געט פאר מיין מאן, פאר מיר און פאר אונזערע קינדער "לופט צו אטעמען" (ווי דער הייליגער רבי האט געזאגט פאר זיינע תלמידים ווען ער האט געלערנט תורה ח', ווען מען וועט אייך פרעגן וואס איר באקומט ביי אייער רבי זאלט איר זאגן, "לופט צו אטעמען" ווייל דער צדיק געט דער רוח החיים פאר א מענטש.)

אוודאי האבן מיר אלעס געוואוסט. האסט מיר דאך געגעבן א טייערע הייליגע חינוך. אבער אין ברסלב האב איך באקומען די שליסל, התבודדות, עס אריינצוברענגען לעובדא ולמעשה.

מיר האבן געפונען א פלאץ וואס געט אונז תורה, יראת שמים, ערליכקייט און תמימות. וועסטו מיר פרעגן, "האסט עס נישט געהאט ביי אונז אין די חסידות?"

קען זיין, אבער יעדער איד האט זיך זיין שורש נשמה, דא טרעפט מיין מאן זיין חיות, זיין רוחניות. און מיר זענען דאך איין נשמה. ברסלב נעמט נישט חלילה אוועק פון מסורה. ברסלב איז נאר מחזק צו טון די אייגענע מסורה מיט געשמאק, מיט חיות, מיט שמחה אז עס זאל אריבערגיין צו די דורות אויף ווייטער!



ליין מאמע די אומגעשריבענע ווערטער
צווישן די שורות, עס איז מיר שווער
אויסצושרייבן דאס הארץ אויף א
שטיקל פאפיר. אבער יעצט אז
איך בין שוין אויך א מאמע ב"ה,
פארשטיי איך דאס הארץ פון א
מאמע, די זארג פון דיין הארץ.
און עס צעדרוקט מיר אזוי.
איך בין מתפלל פאר דיר
אז דו זאלסט זוכה זיין צו
זען אסאך אידיש נחת פון
מיר און מיר זאלן זיך זוכה
זיין צו פרייען צוזאמען
"והשיב לב אבות
על בנים!"

מ. פאפענהיים

# כל נדרי בײנאכט



די זון האט זיך לאנגזאם גענייגט צו מערב, פארבנדיג דעם הימל פייער רויט. אין די אידישע געסלעך פון די שטעטל סאסוב איז שא שטיל, יעדער איז ביי זיך אינדערהיים, וואו מען איז פארנומען מיט די לעצטע הכנות צום אנקומען פון דעם הייליגסטן טאג פון יאר.

פערל האט אויסגעשאקלט דעם טישטוך פון די ברעקלעך פון די סעודת המפסקת, עס שיין צוריקגעשטעלט אין פלאץ, אויסגעצויגן פונקטליך ביי אלע פיר עקן. איר מאן האט זיך אנגעטון דעם ווייסן קיטל, אויסגעטאן די לעדערנע שיך און זיך איינגעהילט אין דעם טלית, זי האט אנגעצונדן די יום טוב'דיגע ליכט, און דער הייליגער יום טוב האט זיך אויסגעשפרייט אין זייער הייזל.

נאכן שעפשען איר תחינה האט זי שטילערהייט באטראכט ווי איר מאן גייט צו מיטן מחזור אין האנט צום וויגעלע פון זייער זעקס וואכנדיגער בעבי, ער הילט זיך בעסער איין אינעם טלית און לייגט ארויף זיינע ווארעמע הענט אויף די זיסע קעפעלע. דאס פיצל האט זיך א טרייסל געטון, געענפט זיינע אויגעלעך און עס באלד צוריק פארמאכט, ווי נישט צו צושטערן די דערהויבענע מינוטן. פערל'ס אויגן זענען פארנעפלט געווארן פון טרערן.

נאר א יאר צוריק... נאר א יאר צוריק איז זי געשטאנען ימים נוראים אין שול, א יונגע ווייבעלע פריש נאך די חתונה, און געבעטן דעם הייליגן באשעפער זאל זיי שענקען געזונט, פרנסה, און אויך א קינד... אויך נחת... יעצט שטייט זי שוין דא, נאך א זיסער אנגעפולטן יאר, ווען זי האט

טאקע זוכה געווען צו ווערן א מאמע...

דער יונגער טאטע האט געענדיגט בענטשן די בעיבי, און פערל האט אים ארויסבאגלייט צום טיר, מיט ווארעמע וואונטשן צום נייעם יאר.

דאס פיצל האט זיך געלאזט הערן מיט הויכע טענער, אבער ווי נאר פערל האט אים גענומען אין די הענט האט ער זיך בארואיגט און זיך ארומגעקוקט ווי צו וועלן אפלערנען דעם נייעם אטמאספער אין הויז. פערל האט זיך צוגערוקט א בענקל צום פענסטער, זייער הייזל שטייט פונקט אנטקעגן דעם שול, און אז זי קען נישט גיין אין שול, וויל זי כאטש מיטהאלטן ווי די גאס ווערט יעצט פול, און זען די אידישע קינדער וואס קומען צום דאווענען.

פון אונטערן פארהאנג זעט זי ווי אט גייט די רעבעצין, איינגעהילט אין איר ווייסן שאל, איר טאכטער גייט מיט איר טריט ביי טריט און האלט איר אונטער ביי יעדן טרעפל. זיי באגריסן פריינדליך ווער עס קומט זיי אנטקעגן, און די רעבעצין ווינטש ווארעם אן 'א גמר חתימה טובה מיט אלע גוטע ברכות'.

יעצט קומט שאשע דעם ראש הקהל'ס מיט אירע געמאסטענע טריט און לעדערנעם מחזור... און ווער איז דארט? אה... ס'איז רייזל די וועשערקע... אנשטאט די אפגענוצטע קליידער און אפגעריבענע הענט, זעט זי אויס ווי א נייער מענטש, מיט די ווייסע טיכל און שירצל, אזוי ווי אונזערע נשמות ווערן אין דעם היינטיגן טאג... און דארט קומט דוואשע די גביר'נטע פון שטעטל, אויך זי זעט אויס אביסל אנדערש... אה, כאפט פערל, זי גייט נישט מיט אירע שווערע גאלדענע צירונגען, נאר מיטן פערל קייט, ווי דער מנהג איז.

צוביסלעך ווערט די גאס ליידיגער, דער קליינער שלאפט אין אירע הענט, און פערל לייגט אים איידעלערהייט אריין אין בעטל. א בענקעניש נעמט איר ארום, דא אנטקעגן, ממש א טריט, קען מען עכט פילן דעם הייליגן יום טוב, די שול איז געפאקט מיט טליתים און נשמה לעכט, און אין ווייבער שול הערט זיך שוין מסתמא די קרעכצן און זיפצן. נאר איך דארף זיך זיצן דא אליין מיט א פיצל קינד וואס שלאפט? איך וואלט געוואלט הערן די זיסע בענקעדיגע טענער פון כל נדרי... וויפל צייט נעמט עס שוין? נאר אפאר מינוט... מארגן וועל איך דאך זיכער נישט קענען טראכטן פון אנקומען אין שול, מיט א פיצי בעיבי, פאסטנדיגערהייט קען מען קוים אנקומען צו דאווענען עפעס אינדערהיים... קוק ווי רואיג ער שלאפט זיך, ס'זעט נישט אויס אז ער גייט זיך אזוי שנעל אויפוועקן. ווייסט וואס? איז זי מחליט אין א סעקונדע, איך וועל געבן נאר א גיי אריבער, נאר אויף אפאר מינוט און הערן כל נדרי. גלייך נאכדעם וועל איך אהיימלויפן, עס וועט זיכער קיינעם נישט שטערן, און אפילו אויב די בעיבי וועט זיך אויפוועקן אינמיטן, איז עס דאך נאר אפאר מינוט...

שטיל, שטיל, טוט זי זיך אן די סחורה'נע שיך, נעמט איך מחזור'ל, באטראכט נאך א סעקונדע דאס שלאפעדיג בעיבי און גייט צו צום טיר, עפנט עס פאמעליך, שטיל, און גייט ארויס אויף די שפיץ פינגער. זי פארמאכט דעם טיר איידעלערהייט עס



זאל זיך נישט הערן קיין קראך און בלייבט א מינוט אונטערן טיר, צו מאכן זיכער אז עס איז טאקע שטיל... און ווען זי הערט אז די בעיבי איז טאקע געבליבן שלאפן, גייט זי שנעל אריבער די גאס, און יאגט זיך ארויף צום ווייבער שול.

דער אטמאספער אין שול איז הייליג... דערהויבן... פונקט ווי זי האט זיך פארגעשטעלט. זי טרעפט זיך א גוטן ווינקל און אטעמט אפ, עס הערט זיך דאס שעפשען פון דעם עולם וועלן מען זאגט די תפילת זכה, און פערל מישט אויף דעם מחזור צו כל נדרי, "איך בין אנגעקומען פונקט גוט" - טראכט זי צו זיך - מען דארף שוין אט אנפאנגען כל נדרי, און אזוי וועל איך עס קענען מיטהאלטן, און פילן אביסל דעם הייליגן טאג"...

דאס שעפשען ווערט צוביסלעך שטילער, און די גרויסע פענסטער'ס פון שול ווערט טונקעלער און טונקעלער, פערל קוקט זיך ארום, פארוואס פאנגט מען נאכנישט אן? עס גייען אריבער נאך עטליכע מינוט, זי ווערט שוין אביסל נערוועז, אויף וואס ווארט מען? נאך אפאר מינוט רוקן זיך, און זי באמערקט ווי נאך אפאר פרויען וואונדערן זיך, די וואס זיצן נאנט צו די מחיצה שטעלן זיך אויף, און קוקן אראפ צו די מענער... שרה'קע דעם בעקער'ס גייט צו און קוקט אראפ אויפן געפאקטן שול און וואונדערט זיך אויפן קול: "וואס באדייט דאס? דער רבי איז נאך בכלל נישטא?!"

די רעבעצין הייבט אויף אירע פארוויינטע אויגן פונעם מחזור, איר טאכטער ווערט היסטעריש: "דער רבי איז נישטא? מיר זענען ארויס פון הויז צוזאמען, איז עפעס געשען צו אים אויפן וועג?"

עס ווערט א גערודער אין ווייבער שול, אפילו שאשע דעם ראש הקהל'ס, הייבט זיך אויף פון איר באשטימטן ארט, און קוקט זיך ארום דערשראקן, עטליכע פרויען ווײנען שוין אויפן קול: "באשעפער! פאר'חתמ'ע אונז נאר גוטע זאכן!"

אין מענער שול ווערט מען שוין אויך באזארגט, עס פאסירט קיינמאל נישט אז דער רבי זאל נישט אנקומען באצייטנ'ס צום דאווענען. וואס מיינט עס אז יעצט איז ער נאכנישט דא? דער שמש שטעלט זיך אויף און רופט אויס: "איך וועל גיין קוקן, איך וועל גיין צום רבי'נס הויז, אפשר דארף ער הילף?" דער ראש הקהל שאקלט צו מיטן קאפ, און דער גבאי יאגט אים אונטער: "גיי שנעל, יעדע מינוט איז טייער".

דער שמש יאגט זיך ארויס, און יעדער בלייבט אין שול, דערשראקן און פארלוירן, שטילע שלוכצן הערט זיך פון דא און דארט, הייליגער באשעפער! באהיט און באשיץ אונזער ליבער רבי, שענק אים גוטע געזונטע לאנגע יארן!

פערל ווערט שוין פארלוירן 'זאל איך נאך ווארטן דא ביז דער שמש קומט צוריק, אבער עס וועט נעמען צו לאנג?' זי האלט נאך אינמיטן קווענקלען ווען די טיר פון שול עפנט זיך, און מען הערט א גערודער ביי די מענער. אה, דער שמש איז דא! וואו איז דער רבי?! דער שמש ענטפערט עפעס, און מען פרעגט אים צוריק.

פערל הערט נישט קלאר, זי שטייט צו ווייט, דער געפילדער ווערט העכער, און די פרויען וואס זענען נאנט צו די מחיצה פאנגען אן צו רעדן אויפן קול: "זאל איינער אריבערגיין דארט!" הערט פערל ווי שרה'קע רעגט זיך "ער זאגט אז דער רבי וויל נישט איבערלאזן דעם פיצל קינד אליין!"

א פיצל קינד אליין? עפעס קיצלט איר אין מח "וואס איז געשען?" פרובירט זי צו אויפכאפן; די מיידל נעבן איר דערציילט איר איבער: "ווי נאר דער שמש איז ארויס פון שול האט ער געהערט דעם רבי'נס הארציגע קול פון איינע פון די הייזער, ער איז נאכגעגאנגען דעם קול און אנגעקומען צו א קליין באשיידן הייזל, דארט שטייט דער רבי און וויגט איין א פיצל קינד מיטן ניגון פון כל נדרי... און זיי זאגן אז דער רבי וויל נישט איבערלאזן דאס וויינענדיג קינד אליין"...

> די גאנצע שול, מיט אלע ליכט, טליתים און מחזורים הייבט זיך אן צו דרייען פאר אירע אויגן, ניין!!! ניין!!! ניין!!! ס'קען נישט זיין!!! זי שפירט ווי זי ווערט פארברענט פון בושות, רויט, ווייס, גרין און בלוי. זי כאפט איר מחזור און אנטלויפט מיט די נשמה אין די הענט. בושות... יעדער זעט אז זי איז די מאמע.

די גאנצע שול, מיט אלע ליכט, טליתים און מחזורים הייבט זיך אן צו דרייען פאר אירע אויגן, ניין!!! ניין!!! ניין!!! ס'קען נישט זיין!!! דו ווילסט מיר זאגן אז דער רבי שטייט ביי מיר אין הויז, און וויגט איין מיין בעיבי?!?!?

זי שפירט ווי זי ווערט פארברענט פון בושות, רויט, ווייס, גרין און בלוי. זי כאפט איר מחזור און אנטלויפט מיט די נשמה אין די הענט. בושות... יעדער זעט אז זי איז די מאמע וואס לאזט א קינד אליין...

מיר קענען זיך אפילו נישט פארשטעלן ווי אזוי זי האט זיך אנטשולדיגט פארן גרויסן צדיק רבי משה לייב סאסוב'ער זי"ע, וואס האט מיט זיינע ליכטיגע אויגן יא פארשטאנען די זכותים פון בלייבן אינדערהיים מיט די פיצלעך קינדער. איין זאך ווייס איך אז איך וואלט אויף איר פלאץ נישט געוואלט זיין...

עס קומט אונז אנטקעגן ליכטיגע, אנגעפולטע טעג. אלע יארן האב איך געוואוסט אז די פלאץ פון א פרוי מיט קליינע קינדער איז צו זיין אינדערהיים און פועל'ן א זיסער יאר דווקא מיט די פלעשלעך און צומי'ס, נאש און שפילערייען. אבער דאך... קיינער האט מיר נישט אנגעגרייט ווי אזוי מיין ראש השנה וועט אויסקוקן...

יא, אויף די ווארעמע תפילות פון שול האב איך געוואוסט אז איך וועל דארפן מוותר זיין, אבער אז די מענער זענען אין אומאן איז דאך אויך נישטא קיין געהעריגע סעודות, די קינדער האלטן שוין נאך עטליכע טעג אן קיין חדר, דער טאג און די נאכט ווארט פארדרייט, מען שטייט אויף שפעט... זיי שפירן אז די מאמע איז עפעס... נישט פונקט דא... און זיי ניצן עס גוט אויס...

ביז מען גייט עסן... פארגעסט מען פון די עפל און האניג, די זופ ווערט פארדארבן... די פלייש ווערט קאלט... און אז מען שלאפט זיך ארויס צו הערן שופר, קומט מען אן צו שפעט...

ווען איך בין איינמאל ארויס מיט מיינע קינדער ראש השנה אין די ירושלימ'ער געפאקטע געסלעך, מיט די פילע טליתים, האט מיין פינף יעריגער זיך געוואונדערט: "די אלע טאטעס זענען נישט געפארן קיין אומאן?!" און ווען מיין זיבן יעריגער איז צוריקגעקומען נאך די לאנגע נסיעה, און מען האט געשמועסט וועגן ימים טובים, וויפל טעג איז יעדע יום טוב, האט ער נישט פארשטאנען: "ראש השנה איז נאר צוויי טעג?! ס'קען נישט זיין! איך בין געווען אין אומאן אסאך מער ווי צוויי טעג!"

אזוי גייט עס ביי אונז, ראש השנה ציט זיך אויס אויף א לאנגע וואך, און ווען מען דרייט זיך צווישן מענטשן, קען זיך באמת פילן אז נאר אונז זענען געבליבן אליין...

נאר אונזער טאטע איז אין אומאן...

אבער טאקע די איינזאמע מינוטן, ברענגען ארויס מיט א שארפן קאליר, דאס וואס מיר באקומען פון הייליגן רבי'ן א גאנצן יאר. און איך רעד דא נאר פון וואס מען באקומט אויף די וועלט, איך מיין דא בכלל נישט וואס עס ווארט אונז אפ אויף די קומענדיגע וועלט, אזוי אז ווען מען וועגט די שוועריגקייט אנטקעגן דעם, קען מען נאכדעם זאגן מיט א פולן מויל: "עס לוינט זיך מיר! עס לוינט מיר די וואך פון בלייבן אליין, עס לוינט מיר זיך צו מוטשען א יום טוב, עס לוינט מיר אנצוגרייטן עסן פאר די וועגן, עס לוינט מיר צו פאקן רענצלעך, און אויספאקן נאכדעם בערג שמוץ וועש. ווייל איך בלייב מיט עפעס אין די הענט, איך באקום דא א גאנצן יאר, א זיסער שיינער לעבן".






# מי יחיה

מיין גאנצע זאך איז ראש השנה, קיינער טאר נישט פעלן, קיינער טאר נישט פעלן...

ראש השנה ביי מיר איז גרעסער פון אלעס, קיינער טאר נישט פעלן...

אידן, אין די פארווארפענסטע גלות'ער, ווייסן אז ס'איז דא א האפענונג, ס'איז דא א תיקון אין אומאן, ביי דעם הייליגן רבינ'ס קיבוץ - ראש השנה.

דער רבי האט אונז אנגעזאגט צו זיין ביי אים ראש השנה, ווייל ער קען מתקן זיין און פארעכטן אלעס פארן מענטש. אפילו די וואס דער רבי קען זיי נישט העלפן א גאנץ יאר פון זייער פול שווערע זינד; אבער ראש השנה - זאגט דער הייליגער רבי - קען ער יעדן איינעם מתקן זיין. אידן איבער די וועלט זענען זיך מוסר נפש, בממון, ברצון ובטרחה, צו אנקומען צום הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה.

דער רבי האט געזאגט "איך וואונטשט זיך צו קענען זעהן די ליכטיגקייט פון די וועגן וואס ענק קומען צו מיר"....

ס'איז א העכערע זאך אין וואס מיר גלייבן בתמימות ובפשיטות. מיט אמונת חכמים פארלאזן מיר זיך אויף דעם רבינ'ס צוזאג, און מען לאזט זיך ארויס אויף די רייזע אנצוקומען צום הייליגן רבי'ן.

טראץ די אלע רצונות און כיסופים, טרחות און געלטער, איז אבער געווען ראש השנה תשפ"א א מצב וואס רוב עולם האט נישט צום סוף געקענט אנקומען צו ווילן ראש השנה אין אומאן ביים הייליגן רבי'ן

- צוליב די שווערע קאראנא צייטן - ווי די מניעות האבן זיך געשטארקט און זיך אריינגערוקט אפצוהאלטן די פילע טויזנטער אידן, וואס קומען שוין היינט צוטאגס צום הייליגן רבינ'ס ראש השנה.

אין יענע ראש השנה האב איך געהאט די זכיה מיטצוהאלטן א ראש השנה דאווענען אויפן ברסלב'ע נוסח. סתם אזוי קומט עס נישט אויס, ווייל דער רבינ'ס תלמידים טוען וואס אימער צו זיין ביי אים אויף ראש השנה, איז וואו קען א פרוי טרעפן א מנין צו הערן שופר פון תלמידים פון דער הייליגער רבי? איז אויסגעקומען אן איינמאליגע געלעגנהייט פאר אונז פרויען, צו קענען כאפן א פינטל, א פינק, פון די דערהויבענע ווארעמע ראש השנה תפילות, וואס דער ראש ישיבה לייגט אראפ ראש השנה.

מיט אסאך תפילות בין איך אנגעקומען אין צייט צום שופר בלאזן, אין שטעטל בית המדרש אויף האשקי. ס'איז געווען א גרויס שטופעניש און געדרענג, אבער די התעוררות און בענקשאפט צום אייבערשטן האט איבערשטיגן די שטופעניש, יעדער האט פרובירט טרעפן אן ארט וואו זי קען זיך אויסבעטן פאר א גוט יאר.

די שופר בלאזן האט ערוועקט יעדע פינטל פארמאכטקייט פון אונזערע פארשטאפטע הערצער, און אריינגעבלאזן א פרישע האפענונג אז דער אייבערשטער האט מיר ווייטער ליב, אפילו איך האב שוין געטון זאכן אין מיין לעבן וואס זענען נישט געווען ריכטיג, אבער איך בעט איבער דעם אייבערשטן, און איך גלייב אז דער אייבערשטער נעמט אן תשובה, און מיט דעם האבן מיר זיך אלע מחזק געווען און מתפלל געווען אין יענעם ראש השנה.

נאך די דערהויבענע הארצרייסנדע תקיעת שופר, מיינע קינדער זענען געווען רואיג אינדרויסן, האב איך געהאט אביסל צייט. איך האב געבעטן מיין עלטערע טאכטער זאל אכט געבן אויף זיי אינדרויסן, זיי זאלן נישט שטערן, און איך האב זיך געפריידט פאר די געלעגנהייט צו קענען אריינכאפן נאך א תפילת מוסף, הערן די ווארימע דאווענען מיטן ראש ישיבה שליט"א, מיטן ציבור, אין בית המדרש ראש השנה.

מען האט אנגעהויבן די הארצרייסנדע תפילה ונתנה תוקף. יעדער האט געפילט די אימה פון דעם יום הדין. ווען עס איז געקומען צו די ווערטער 'מי יחיה ומי ימות' האט מען עס אזוי קלאר געפילט, און געזען ממש די משפט פאר די אויגן, ווי דער ראש ישיבה האט עס אראפגעזינגען מיט אזא הארציגע, דערוועקנדע שטימע. נעבן מיר איז געשטאנען א פרוי, אביסל עלטער פון מיר. ס'איז געגאנגען בכיות נוראות, טרערן האבן געגאסן פון אירע אויגן, צו מיר האט עס אויסגעקוקט ווי ס'וועט קיינמאל נישט ענדיגן. אזוי שטילערהייט אין די סידור האט זי זיך אויסגעבעטן א גוט יאר פאר זיך און איר משפחה.

'מי יחיה' זינגט מען ווייטער 'ומי ימות. מי בקצו. ומי לא בקצו. מי במים. ומי באש. מי בחניקה ומי בסקילה'...

ווען מען האט געענדיגט די דאווענען, נאכגעפאלגט מיט די קלינגעדיגע 'היום תאמצנו, היום תברכנו, היום תגדלנו'... און ס'האט אפגעהילכט א קלינגעדיגע 'אמן' האב איך געשפירט א זיכערקייט און א לייכטקייט אז עס קומט בוודאי א גוטע זיסע יאר, נאך די פריערדיגע רוישיגע תש"פ יאר.

ס'איז געווען צייט פאר מיר ארויסצוגיין פון בית המדרש, אנגעפילט מיט דאס קורצע ווארעמקייט פון דעם דערהויבענעם תקועות און תפילות וואס איך האב געוויסט איז אן איינמאליגע זכיה, ס'איז געווען צייט פאר מיר ארויסצגיין טון די עבודה פון זיך אפגעבן מיט קינדער - אן עבודת הקודש - פונקט ווי דער כהן גדול פלעגט באדינען אין בית המקדש, צושטעלן א סעודה, זיך פארען מיט די שטוב ארבעט, און אזוי ווייטער.

ביים ארויסגיין האב איך געזוכט די מאנטלען פאר מיינע קינדער וואס מיר האבן אראפגעלייגט אינדרויסן אין די געיעג אריינצוגיין כאפן שופר בלאזן. אזוי זוכנדיג אהין אהער, האב איך געטראפן אפאר מאנטלען וואס איך האב געזוכט, נאכן ארומשאקלען עטליכע ליידיגע וועגעלעך וואס אין דעם האבן די מענטשן אריינגעלייגט זייערע פערזענליכע זאכן.

ביים אויפהייבן איינעמ'ס מאנטל צו זוכן ווייטער וואו אונזערע מאנטלען זענען, האט זיך מיר געדאכט אז עפעס שאקלט זיך. איך הייב אויף איין מאנטל נאכגעפאלגט מיט צוויי, דריי, פיר, פינף, וואס זענען געווען אנגעלייגט איבער א ליידיגע וועגעלע, און צו מיין גרויס שרעק זע איך א קינד, רויט אויפן פנים, באגאסן פון שווייס און געוויין, הילפלאז...

דאס קליין קינד איז געווען באדעקט אין דעם וועגעלע וואס איז געווען איבערגעדעקט מיט שיכטן פון מאנטלען.

"אוי" האט מיין הארץ געגעבן א

ציטער!

דאן האב איך געהערט ווי דאס קינד לאזט ארויס א געוויין, האט זיך בארואיגט די פאניק, אויפן רגע. דאס קינד לעבט!

'מי יחיה' האב איך געזען ווי איר מאמע וויינט קוים אפאר מינוט צוריק, 'ומי ימות... ומי בחניקה - ווער וועט דערשטיקט ווערן' האט זי זיך אויסגעוויינט צום גרויסן באשעפער אין הימל.

דא, פאר מיינע אויגן, האב איך געזען ווי אירע תפילות ביים שפיץ יאר, בו ביום, זענען געענטפערט געווארן.

ס'איז נישט געווען קיין לופט צו אטעמען אונטער די בארג מאנטלען. דאס קינד האט אויסגעזען ווי זי האלט ביים אויסגיין. איך האב איר אויפגעהויבן, אפגעוואשן איר פנים מיט וואסער, און געשיקט רופן די מאמע.

איז דען שייך צו באשרייבן די כח פון אונזערע תפילות???

דער אייבערשטער הערט צו יעדע תפילה, ער ענטפערט אונז. נישט אלעמאל איז מען זוכה עס גלייך צו זען, אבער ווען מען איז יא זוכה, וועקט עס אויף און שטארקט אונז די אמונה. עס דערמאנט אז מיין תפילה - די קורצע תפילה וואס איך זאג ארויס אין די מחזור, און בפרט די תפילות אויף מיין מאמע לשון, וואס קומט אויס פיל מער אפט די געלעגנהייט ווייל עס איז דאך נישט געוואנדן אין א צייט אדער פלאץ - איז אן אפענע פייפ, וואס איך קען שטענדיג גיסן תפילות, וואס דאס וועט מיר אפהיטן און ברענגען אלע ישועות וואס איך דארף.

עס בלייבט נאר איבער צו גלייבן אין די כח פון צדיקים וואס בעטן פאר'ן דור. און גלייבן אין די כח פון צדיקים וואס לערנען אונז די כח פון תפילה.

בעט דעם אייבערשטן "הייליגער באשעפער, שיק מיר א גוט יאר, א זיס יאר. תכלה שנה וקללותיה - נעם אוועק די שלעכטס, און א נייע זיסע יאר טו אונז געבן".

די כח פון תפילה איז אזוי שטארק!

די כח פון דעם הייליגן רבינ'ס ראש השנה איז אומבאגרייפליך!

מיר האבן זיך אויף וואס צו פארלאזן!

מיר האבן אמונה, מיר האבן תפילה, מיר האבן צדיקים וואס בעטן פאר די דור, און מיר האבן אמונת חכמים צו גלייבן אז זיי פועלן פאר אונז און פאר כלל ישראל.

אזוי ווי דער רבי זאגט: "מה לכם לדאוג מאחר שאני הולך לפניכם - וואס האסטו זיך צו זארגן נאכדעם וואס איך גיי פאר דיר"???



ערב ראש השנה תשפ"א אין שטעטל




# קלאסיפיידס

## וועד האש"ל

צוליב די גרויסע נאכפראגע פאר דירות אין שטעטל אויף קומענדיגן שמחת תורה, האט מען געעפענט א טעלעפאון נאמבער, ווי מען קען אריינרופן און אריינלאזן א מעסעדזש פונקטליך וואס מען דארף, און מען וועט אי"ה פרובירן צו צופרידן שטעלן על צד היותר טוב.

די נאמבער צו רופן איז 845-600-0542

## Waze Gemach

ווילט איר פארן ערגעץ און איר דארפט א waze מאשין צו בארגן?
רוף שמעון רוטה
**929-617-0448**

## Egg Boxes

מיר האבן ליידיגע אייער באקסעס אוועקצוגעבן ווען נויטיג.
רוף הערשל בוים
347-831-4727




מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה אשר הכהן ראנד הי"ו**
**וזוגתו תי רייזל תחי'**
**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם און אלע קינדער.

# קינדער בלעטל

## טכח
## אייבערשטער
## אין אוקריינע

- דעם רבינ'ס חדר




# הושענא
# ציון
# המצוינת

# אומאן ראשהשנה
פראגראם

## אומגלויבליך!

די השגות וואס ברסלב'ע קינדער האבן..
קוקט אייך אום אינעם ראש השנה פראגראם און איבערצייגט אייך אליין..

קינדער בלעטל וואונטשט אלע חשוב'ע קינדער א גוט געבענטשט יאר

דעם
# רבינ'ס חדר

## א שיחה אין א בילד

**וועלכע שיחה פון רבי'ן דערמאנט דיך די בילד?**



**ענטפער פון פאריגע וואך:**

דער רבי האט געזאגט: "קיינער טאר נישט פעלן"

## ברסלב'ע חידות

**וועלכע צוויי נעמען האט דער רבי באוויינט אז זיי זענען נישט געקומען?**

א. מרדכי'לע
ב. נתי'לע
ג. אהר'לע
ד. מנשה'לע
ה. יענקאלע
ו. בערעלע
ז. יודא'לע
ח. נפתלי'לע

**ענטפער פון פאריגע וואך:**

פיר זאכן האט דער רבי געזאגט מען זאל טון ראש השנה:
"טראכטן גוט, זיין פרייליך, וויינען און רעדן וואס ווייניגער".

## געב א שמייכל

**וויאזוי זאגט מען "שכח אייבערשטער" אין אוקריינע?**

געברענגט צו אייך דורך הר"ר אלחנן חיים רוטה שליט"א - גבאי צדקה פאר משפחות אין נויט

## א שטיקעלע ספר המדות

**אֱמוּנָה** – חלק ראשון

**סד. אָדָם נִכָּר עַל יְדֵי מְשָׁרְתָיו, אִם הוּא אוֹהֵב שֶׁקֶר אִם לָאו.**

מֶען קֶען דֶערְקֶענֶען אַ מֶענְטְשׁ לוֹיט זַיינֶע בַּאדִינֶער, אוֹיבּ עֶר הָאט לִיבּ לִיגְנְט אָדֶער נִישְׁט.



# שרייב טישל

## לאמיר זיך באקענען

**הייב אן אריינצופילן יעדע ליין פון אויבן ביז אונטן** (צווישן צוויי ליינס לאזט מעןליידיג)**, און שיק אריין צום בלעטל וועם דו האסט געטראפן דא!**



**ווען דו ענדיגסט קענסטו אריינשיקן א בילד פון דיר** (מאך זיכער ס'איז א קלארע בילד פון דיין פנים)**, און אפשר וועסטו זיך אליין טרעפן אינעם שפיל קומענדיגע וואך!** (דעטאלן וואו צו שיקן דאס בילד קען מען זען אויף זייט 2)



בילד פון פארגאנגענע וואך: **ישראל שמעון שטרויס – כתה א' – קרית ברסלב**

# מענטשעלעך

# יודעלע פָארְט קַיין אומַאן

צווייטע חלק

דִי בָּאס לֵייגְט אַרָאפּ דִי קִינְדֶער פָארְנְט פוּן זֵייעֶר הוֹיז און זֵיי לוֹיפְן דוּרְךְ דִי הוֹיפְן גֶעפַאלֶענֶע בְּלֶעטְלֶעךְ. זֵיי זֶעעֶן אַ גְרוֹיסֶע גֶעלֶע עֶנְוועלָאפּ שְׁטֶעקְט זִיךְ אַרוֹיס פוּן דִי פָּאסְט קֶעסְטְל. "אִיךְ מֵיין אַז עֶס אִיז דַיין פַּאסְפָּארְט", זָאגְט יוֹסִי. זֵיי לוֹיפְן אַרוֹיף דִי טְרֶעפּ, און קְלַאפְּן אוֹיף דִי טִיר. "אַ גוּטְן טָאג מַאמִי. דִי פַּאסְפָּארְט אִיז דָא!" מַאמִי פְלֶעגְט יֶעצְט רִינְדֶעכִיגֶע חַלוֹת. עֶס אִיז שׁוֹין צְוֵויי וָואכְן צוּ רֹאשׁ הַשָּׁנָה. זִי וַואשְׁט אָפּ אִיר הֶענְט און יֶעדֶער גֵייט צוּזַאמֶען צוּ דִי פָּאסְט קֶעסְטְל. יָא! דִי פַּאסְפָּארְט אִיז שׁוֹין דָא! שְׁ'כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער!

אִינְדֶערהֵיים וֶוערְט לֶעבֶּעדִיג און פְרֵיילֶעךְ. "אוּמַאן, אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה..." יוּדֶע'לֶע זִינְגְט און טַאנְצְט און יְהוּדִית פּוֹיקְט אוֹיף דִי טִישׁ. מַאמִי טֵיילְט אוּמַאן אַייסֶעס און יֶעדֶער זָאגְט הוֹיעֶךְ, "שְׁ'כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער! הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף אַז טַאטִי, יוֹסִי, יוּדֶעלֶע און אַלֶע אִידְן זָאלְן קֶענֶען זַיין אִין אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה".

און יוּדֶע'לֶע שְׁפִּילְן זִיךְ שֵׁיין. "וָואס דַארְף מֶען מִיטְנֶעמֶען צוּ אוּמַאן?" פְרֶעגְט יוּדֶע'לֶע. יוֹסִי עֶנְטְפֶערְט "וֶוען מֶען פָארְט צוּ אוּמַאן טְרָאגְט מֶען מִיט מַתָּנוֹת".

יוּדֶע'לֶע עֶפְנְט זַיין אוֹיגְן גְרוֹיס. "מַתָּנוֹת? וָואס... פְרַייזֶעס?"

יוֹסִי שְׁמֵייכְלְט. "מִיר פַּאקְן מִיט אַלֶעס וָואס מִיר הָאבְּן גֶעלֶערְנְט אַ גַאנְץ יָאר. דָאס אִיז דִי מַתָּנָה. אִיךְ וִויל מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף מַאכְן אַ סִיוּם אוֹיף סֵדֶר זְרָעִים אִין אוּמַאן".

"און אִיךְ וֶועל מִיטְנֶעמֶען מַיין תְּהִלִּים אוֹיף דִי פְלִיגֶער און מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף מַאכְן אַ סִיוּם אִין אוּמַאן," זָאגְט יוּדֶע'לֶע.

אַזֶעלְכֶע גֶעשְׁמַאקֶע קִיכְן! אִיךְ מֶעג הָאבְּן אֵיינְס?" פְרֶעגְט פְרֵיידִי. "פַאר וֶועמֶען בַּאקְט מֶען אַזוֹיפִיל קִיכְן? אִיז אַלֶעס פַאר מִיר?" פְרֶעגְט שִׂמְחָה'לֶע. יְהוּדִית הֶעלְפְט מַאמִי לֵייגְן נָאךְ קִיכְן אוֹיף דִי טַאץ און עֶנְטְפֶערְט, "דָאס אִיז פַאר טַאטִי און אוּנְזֶער גְרוֹיסֶע יוּנְגְלֶעךְ וֶועלְכֶע פָארְן צוּ אוּמַאן. אָבֶּער מַאמִי לֵייגְט אַוֶועק קִיכְן אוֹיךְ פַאר דִי קִינְדֶער וֶועלְכֶע גֵייעֶן זַיין וואוֹיל אִינְדֶערהֵיים. "יְהוּדִית, צוּ וֵוייסְטוּ וִוי גְרוֹיס אוּנְזֶער זְכוּת אִיז אַז מִיר הֶעלְפְן טַאטִי און דִי קִינְדֶער פָארְן



בילדער: ח. שטיינבערג



צוּם רֶבִּי'ן?" פְּרֶעגְט מַאמִי. "דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק וֶועט זַיין פַאר אוּנְז אַ מֵלִיץ יוֹשֶׁר בַּיים בֵּית דִין שֶׁל מַעֲלָה, אוּן מִיר וֶועלְן פַארְשְׁרִיבְּן וֶוערְן אִין דִי סֵפֶר פוּן צַדִיקִים! צוּם לֶעבְּן! צוּ פַּרְנָסָה! אוּן אַרִיכוּת יָמִים וְשָׁנִים טוֹבוֹת! פַאר אוּנְז אוּן פַאר אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער. מִיר וֶועלְן דֶערְפַאר זַיין אָפְּגֶעהִיטְן אַ גַאנְץ יָאר פוּן שְׁלֶעכְטְס, עֶס וֶועט נִישְׁט שַׁאטְן אוֹיף אוּנְז קֵיין עַיִן הָרַע, קֵיין שׁוּם שָׁאדֶענְס אוּן קְרַאנְקְהֵייטְן רַחְמָנָא לִיצְלָן.

יְהוּדִית אוּן פְרֵיידִי הֶעלְפְן מַאמִי פַּאקְן דִי רֶענְצְלֶעךְ. יֶעדֶע בִּיסְל פְּלַאץ וֶוערְט גוּט אוֹיסְגֶענוּצְט. אִין אֵיין ווִינְקְל שְׁטוּפְּט פְרֵיידִי אַרֵיין אַ פָּאר שִׁיךְ אוּן אִין אַן אַנְדֶערֶע עֶק לֵייגְט יְהוּדִית אַ פָּאר זָאקְן. אִין יֶעדֶע רֶענְצְל גֶעדֶענְקְט מַאמִי אַרַיינְצוּלֵייגְן אַ זֶעקְל סְפָרִים פַאר הֲפָצָה. "אִיךְ פְרֵיי זִיךְ צוּ פַּאקְן עֶנְקֶער רֶענְצְלֶעךְ אוּן מִיטְשִׁיקְן אַזֶעלְכֶע גוּטֶע זַאכְן". הָאט מַאמִי גֶעזָאגְט צוּ יוֹסִי אוּן יוּדֶע'לֶע. "אוּן עֶנְק דַארְפְן זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע זְכִיָה וָואס עֶנְק הָאבְּן צוּ קֶענֶען פָארְן צוּם הֵיילִיגְן צִיוּן פוּן אַזַא גְרוֹיסְן צַדִיק. אִיךְ בֶּעט עֶנְק, קִינְדֶער נוּצְט אוֹיס יֶעדֶע מִינוּט דָארְט.

יֶעדֶע לֵיידִיגֶע מִינוּט זָאלְן עֶנְק לוֹיפְן מִיט טַאטִי צוּם צִיוּן פוּן רֶבִּי נַחְמָן פוּן בְּרֶסְלֶב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, צוּ בֶּעטְן פַאר זִיךְ, פַאר מִיךְ אוּן פַאר טַאטִי, אוּן פַאר גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל וַוייל אוֹיבּ מֶען הָאט שׁוֹין יָא דוּרְךְ גֶעבְּרָאכְן דִי אַלֶע שְׁוֶוערִיקֵייטְן, מֶען צָאלְט שׁוֹין יָא אַזוֹיפִיל גֶעלְט פַאר דִי נְסִיעָה, אִיז אַ שָׁאד צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען דָארְט מִיט נַארִישְׁקֵייטְן, מִיט רֶעדְן דְבָרִים בְּטֵלִים, לֵיצָנוּת, אָדֶער לָשׁוֹן הָרַע חַס וְשָׁלוֹם. אוֹיף אַזַא הֵיילִיגֶע פְּלַאץ, אַרְבֶּעט דֶער יֵצֶר הָרַע מֶער צוּ צוּמִישְׁן מֶענְטְשְׁן. דַארְף מֶען זִיךְ מֶער שְׁטַארְקְן , צוּ זַיין פַארְנוּמֶען נָאר מִיט תּוֹרָה, תְּפִלָּה, הִתְבּוֹדְדוּת אוּן גְלוּסְטְן זֵייעֶר שְׁטַארְק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דִי קַאר אִיז שׁוֹין דָא! יוֹסִי אוּן יוּדֶע'לֶע הֶעלְפְן טַאטִי אַרֵיינְלֵייגְן דִי רענצלעך. "אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר! פוֹעֶלְט אַלֶעס גוּט!" יְהוּדִית, פְרֵיידִי אוּן שִׂמְחָה'לֶע פָאכֶענֶען מִיט דִי הֶענְט. "בַּיי בַּיי". טַאטִי זָאגְט תְּפִילַת הַדֶּרֶךְ אוּן דִי קִינְדֶער זָאגְן מִיט.

"אִיךְ מֶעג שׁוֹין הָאבְּן אַ נַאשׁ?" פְּרֶעגְט יוּדֶע'לֶע. "ס'אִיז נָאךְ דָא אַ לַאנְגֶע וֶועג, צַדִיק. לָאז דִי נַאשׁ אוֹיף שְׁפֶּעטֶער", עֶנְטְפֶערְט טַאטִי.

בַּאלְד קוּמֶען מִיר אָן צוּ דִי לוּפְט פֶעלְד (עֶירְפָּארְט). דָארְט דַארְף מֶען זֵייעֶר הִיטְן דִי אוֹיגְן. מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט זָאגְן אַז אִין אַ לוּפְט פֶעלְד אִיז אַ גוּטֶע פְּלַאץ צוּ מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת. עֶס דְרֵייעֶן זִיךְ דָארְט מֶענְטְשְׁן פוּן אַלֶע פֶעלְקֶער - עֶס אִיז מַמֶּשׁ וִוי אַ וַואלְד פוּל מִיט חַיוֹת!"

מֶען שְׁטֵייט שׁוֹין אִין דִי רֵייע אִין דִי לוּפְט פֶעלְד צוּ אִיבֶּערְקוּקְן דִי פַּאסְפָּארְטְן אוּן אַרֵיינְגֶעבְּן דִי גְרוֹיסֶע רֶענְצְלֶעךְ וֶועלְכֶע גֵייעֶן גֶעהַאלְטְן וֶוערְן אִין דִי בּוֹיךְ פוּן



די פְלִיגֶער. "קוּקְטס אַרָאפּ קִינְדֶער" זָאגְט טַאטִי. אֲפִילוּ עֶס אִיז דָא אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאכְן צוּ זֶען, זָאגְן די קִינְדֶער שְׁטְרֶענְגֶערְהֵייט צוּ דֶער יֵצֶר הָרַע: "לָאז מִיךְ אָפּ. אִיךְ וִויל הָאבְּן הֵיילִיגֶע אוֹיגְן, אִיךְ וֶועל נָאר קוּקְן אוֹיף מַיין טַאטֶע אוּן גֵיין וואוּ עֶר גֵייט".

די רֵייע רוּקְט זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַאט אוּן יוּדֶע'לֶע'ס פִּיס טוּט אִים שׁוֹין וֵויי. 'אֶפְשָׁר זָאל אִיךְ זִיךְ אַרָאפְּזֶעצְן דָא אוֹיף די עֶרְד אוּן וֵויינֶען?' עֶר קוּקְט אוֹיף זַיין גְרוֹיסֶע בְּרוּדֶער אוּן עֶר זֶעט אַז יוֹסִי פִירְט זִיךְ ווִי אַ גְרוֹיסֶע יוּנְגְל - עֶר הָאט גֶענוּמֶען די שְׁטְרַיימְל בַּאקְס פוּן טַאטִי אִים צוּ מַאכְן גְרִינְגֶער. יוּדֶע'לֶע טְרַאכְט, 'אִיךְ בִּין אוֹיךְ גְרוֹיס. נָאר גְרוֹיסֶע קִינְדֶער קוּמֶען צוּ אוּמַאן אוּן גְרוֹיסֶע קִינְדֶער וֵויינֶען נִישְׁט'. יוּדֶע'לֶע שְׁטַארְקְט זִיךְ. עֶר וַוארְט שֵׁיין אוּן בֶּעט, "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף די רֵייע זָאל זִיךְ שְׁנֶעל רוּקְן".

שְׁ'כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער! עֶס אִיז שׁוֹין אוּנְזֶער רֵייע. "פַּאסְפָּארְט פְּלִיז", זָאגְט דֶער לוּפְט פֶעלְד אַרְבֶּעטֶער. טַאטִי גִיבְּט אִים די דְרֵיי פַּאסְפָּארְטְן אוּן עֶר קוּקְט עֶס גוּט אִיבֶּער. דֶערְנָאךְ לֵייגְט מֶען אַרוֹיף די רֶענְצְלֶעךְ אוֹיף אַ פָּארֶעדִיגֶע טִישׁ. "בִּיפּ, בִּיפּ, בִּיפּ." דֶער אַרְבֶּעטֶער נֶעמְט צוּ די עֶפְּל סַיידֶער. "דָאס מֶעג מֶען נִישְׁט אַרוֹיפְטְרָאגְן אוֹיפְן פְלִיגֶער," זָאגְט עֶר שְׁטְרֶענְג.

"גַּם זוּ לְטוֹבָה" זָאגְן מִיר. "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף אַז די רֶענְצְלֶעךְ זָאלְן זַיין גוּט".

דֶערְנָאךְ טוּט יֶעדֶער אוֹיס די מַאנְטְל אוּן פַּאסִיק אוּן מֶען לֵייגְט עֶס אוֹיךְ אַרוֹיף אוֹיף די פָארֶעדִיגֶע טִישׁ. דָאס מָאל פַּייפְט גָארְנִישְׁט ב"ה. יוּדֶע'לֶע גֵייט די עֶרְשְׁטֶע דוּרְךְ די מֶעטַאל דִיטֶעקְטָאר אַלֵיין. עֶר הָאט נִישְׁט מוֹרָא וַוייל אַ אִיד אִיז קֵיינְמָאל אַלֵיין. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אֵייבִּיג מִיט אִים. דֶערְנָאךְ גֵייעֶן טַאטִי אוּן יוֹסִי אַדוּרְךְ. אוֹיבּ עֶס פַּייפְּט, קוּקְט דֶער אַרְבֶּעטֶער נָאכְאַמָאל אִיבֶּער די מֶענְטְשׁ צוּ זֶען פַארְוָואס עֶס פַּייפְט. יֶעצְט אַיילְן זֵיי זִיךְ צוּ די גֵעיט. טַאטִי וֵוייסְט וואוּ צוּ גֵיין אוּן מִיר גֵייעֶן נָאךְ אִים.

"מִנְחָה! מִנְחָה!" יוּדֶע'לֶע הִיט אוֹיף די רֶענְצְל וֶוען טַאטִי אוּן יוֹסִי דַאוֶונֶען אוּן עֶר עֶנְטְפֶערְט אָמֵן. דֶערְנָאךְ נִיצְן די קִינְדֶער אוֹיס די צַייט בִּיז מֶען גֵייט אַרוֹיף אוֹיף די פְלִיגֶער צוּ לֶערְנֶען.

עֶנְדְלִיךְ אִיז מֶען שׁוֹין אוֹיף די פְלִיגֶער. די רֶענְצְל גֵייט הֶעכֶער די זִיץ. "אִיךְ וִויל זִיצְן נֶעבְּן די פֶענְסְטֶער!" "נֵיין אִיךְ" יוֹסִי אִיז מְוַותֵּר. "לָאמִיר זִיךְ אַיינְטֵיילְן. קוֹדֶם דוּ אוּן נָאכְדֶעם אִיךְ". די קִינְדֶער דֶעקְן צוּ די סְקְרִין מִיט אַ פָּאפִּיר צוּ אִינְגַאנְצְן פַארְטְרַייבְּן דֶער יֵצֶר הָרַע. "יֶעדֶער אֵיינֶער זָאל זִיךְ גוּט צוּבִּינְדְן", רוּפְט דֶער פִּילָאט אוֹיס הוֹיעֶךְ. מִיר גְרֵייטְן זִיךְ שׁוֹין אַרוֹיסְצוּפְלִיעֶן. די פְלִיגֶער הֵייבְּט אָן פָארְן שְׁטַאט אוּן דֶערְנָאךְ שְׁנֶעל, שְׁנֶעלֶער אוּן נָאךְ שְׁנֶעלֶער בִּיז עֶס הֵייבְּט זִיךְ אִין די לוּפְטְן אוּן עֶס פָארְט אַרוֹיף הוֹיעֶךְ, הֶעכֶער, אוּן נָאךְ הֶעכֶער. פוּן די פֶענְסְטֶער זֶעט מֶען ווִי די קַארְן אוּן הַייזֶער וֶוערְן קְלֶענֶער אוּן קְלֶענֶער בִּיז זֵיי זֶען אוֹיס מַמָּשׁ ווִי לֶעגָא שְׁטִיקְלֶעךְ. "אַזוֹי אִינְטֶערֶעסַאנְט", זָאגְט יוּדֶע'לֶע . "וִויאַזוֹי הַאלְט זִיךְ די פְלִיגֶער אִין די לוּפְט?" פְרֶעגְט יוֹסִי. "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הַאלְט עֶס," עֶנְטְפֶערְט יוּדֶע'לֶע.

"זֵייעֶר גוּט גֶעזָאגְט", זָאגְט טַאטִי. "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט אַלֶעס. עֶר מַאכְט אַז אַ פֵייגְל זָאל קֶענֶען פְלִיעֶן אוּן עֶר הָאט אוֹיךְ אַרַיינְגֶעלֵייגְט די חָכְמָה אִין מֶענְטְשְׁן צוּ קֶענֶען נָאכְמַאכְן די פֵייגְל אוּן בּוֹיעֶן אַ פְלִיגֶער. אַ פֵייגְל הָאט צְוֵויי פְלִיגְלֶען אוּן אַ פְלִיגֶער הָאט אוֹיךְ צְוֵויי פְלִיגְלֶען. די לוּפְט פוּן אוּנְטֶער די פְלִיגְלֶען שְׁטוּפְּט אַרוֹיף די פְלִיגֶער אוּן די לוּפְט פוּן הֶעכֶער די פְלִיגְלֶען שְׁטוּפְּט עֶס אַרָאפּ. אַזוֹי בְּלַייבְּט די פְלִיגֶער אִין די לוּפְטְן צְווִישְׁן די אוּנְטֶערְשְׁטֶע לוּפְט אוּן די אוֹיבֶּערְשְׁטֶע לוּפְט. די נָאז פוּן די פְלִיגֶער שְׁנַיידְט דוּרְךְ די לוּפְט פוּן פָארְנְט אַזוֹי וִוי אַ שֶׁערְל אוּן אַזוֹי מַאכְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז די פְלִיגֶער זָאל קֶענֶען פָארְן זֵייעֶר שְׁנֶעל".

טַאטִי טֵיילְט אוֹיס אַבִּיסְל עֶסְן אוּן דֶערְנָאךְ לֵיינְט מֶען קְרִיאַת שְׁמַע אוּן מֶען גְרֵייט זִיךְ צוּ גֵיין שְׁלָאפְן. עֶס אִיז אַזוֹי אִינְטֶערֶעסַאנְט צוּ שְׁלָאפְן זִיצְנְדִיג. די בֶּענְקְל וֶוערְט אַ בֶּעט! דֶערְוַוייל פָארְט די פְלִיגֶער שְׁנֶעל אוּן רוּאִיג אִיבֶּער די אַטְלַאנְטִיק וַואסֶער. דֶער פִּילָאט מֵיינְט אַז עֶר פִירְט די פְלִיגֶער אָבֶּער בֶּאֱמֶת פִירְט עֶס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין. די קִינְדֶער שְׁלָאפְן רוּאִיג וַוייל זֵיי וֵוייסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער



בילדער: ח. שטיינבערג




הִיט אוֹיף זַיי אִיבֶּעראָל און אַלֶעמָאל.

"יֶעדֶער בִּינְדְט זִיךְ גוּט צוּ", רוּפְט דֶער פִּילָאט אוֹיס הוֹיעֶךְ. "מִיר גְרֵייטְן זִיךְ שׁוֹין צוּ לאנדן". דִי קִינְדֶער רַייבְּן זִיךְ דִי אוֹיגְן און זֶעהֶען אַז טַאטִי אַיילְט זִיךְ צוּרִיק צוּ זַיין זִיץ נָאךְ סְלִיחוֹת און שַׁחֲרִית. דִי פְלִיגֶער פָּארְט אַרָאפּ, אַרָאפּ און דִי קַארְן און הַייזֶער וֶוערְן גְרֶעסֶער און גְרֶעסֶער.

"בָּרוּךְ הַבָּא צוּ פּוֹילְן" זָאגְט דֶער פִּילָאט. יֶעדֶער קְלַאטְשְׁט "שְׁ'כֹּחַ אַייבֶּערְשְׁטֶער מִיר זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען בְּשָׁלוֹם".

"פַארְוָואס צוּ פּוֹילְן? אוּמַאן אִיז אִין אוּקְרֵיינֶע." פְרֶעגְט יוּדֶע'לֶע. טַאטִי עֶנְטְפֶערְט, "אוּקְרֵיינֶע'ס לוּפְט פֶעלְדֶער זֶענֶען פַארְשְׁפַּארְט. דֶערְפַאר פָארְן מִיר צוּ אַ נָאנְטֶע לַאנְד און פוּן דָארְט פָארְט מֶען...

מִיט אַ בַּאן...

אָדֶער מִיט אַ בָּאס...

אָדֶער מִיט אַ וֶוען...

בִּיז דִי גְרֶענִיץ צְוִוישְׁן פּוֹילְן און אוּקְרֵיינֶע".

כָאטְשׁ עֶס נֶעמְט לַאנְג, זִינְגֶען דִי רֶעדֶער פוּן דִי בַּאן, בָּאס, און וֶוען:

"אוּמַאן, אוּמַאן, רֹאשׁ הַשָּׁנָה" אוֹיבּ מֶען טְרַאכְט, 'אִיךְ פָּאר צוּ אוּמַאן' פִילְט עֶס נִישְׁט אַזוֹי לַאנְג.

בַּיים גְרֶענִיץ גֶעפִינֶען זִיךְ טוֹיזֶענְטֶער אִידְן וֶועלְכֶע ווִילְן אַלֶע אָנְקוּמֶען אַרִיבֶּער דִי גְרֶענִיץ און פָארְן צוּ אוּמַאן. "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר זָאלְן שְׁנֶעל און גְרִינְג אַרִיבֶּער גֵיין דִי גְרֶענִיץ".

שְׁ'כֹּחַ אַייבֶּערְשְׁטֶער מִיר זֶענֶען שׁוֹין אִין אוּקְרֵיינֶע! אִין נָאךְ אַ פָּאר שָׁעָה וֶועלְן מִיר מִיטְן אַייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף זַיין אִין אוּמַאן! יוֹסִי און יוּדֶע'לֶע הַאלְטְן זִיךְ פַארְנוּמֶען מִיט דִי אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאכְן וָואס מַאמִי הָאט אַרַיינְגֶעפַּאקְט.

מִיר זֶענֶען שׁוֹין אִין אוּמַאן! שְׁ'כֹּחַ אַייבֶּערְשְׁטֶער פַאר דִי גְרִינְגֶע און גֶעשְׁמַאקֶע וֶועג. פוּן אִינְדְרוֹיסְן הֶערְט זִיךְ מוּזִיק און טַאנְצֶערַייעֶן. אַלֶע סָארְטְן מֶענְטְשְׁן קוּמֶען אוֹיסְהֵיילְן זֵייעֶר נְשָׁמָה בַּיי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי'ס צִיּוּן.

אָבֶּער מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט אַז וֶוען מֶען קוּמְט צוּ אוּמַאן קוּמְט מֶען נִישְׁט צוּ קֵיינֶעם, מֶען קוּמְט נָאר צוּם רֶבִּי'ן.

אַזוֹי וִוי וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט צוּ אַ דָאקְטֶער זִיךְ צוּ הֵיילְן קוּקְט עֶר נִישְׁט אוֹיף דִי אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן וֶועלְכֶע וַוארְטְן אוֹיךְ דָארְט. "אוֹי דִי מֶענְטְשׁ הָאט אַ צֶעבְּרָאכֶענֶע פִּיס. און דִי מֶענְטְשׁ הָאט אַ רִיזִיגֶע בַּאנְדַאדְשׁ אוֹיפְן קָאפּ. אַזַא מָאדְנֶע (פָאנִי) פְּלַאץ! עֶר קוּמְט נִישְׁט צוּ זַיי. עֶר קוּמְט צוּ דֶער דָאקְטֶער זִיךְ צוּ הֵיילְן.

אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען מֶען קוּמְט צוּ אוּמַאן, קוּקְט מֶען נִישְׁט אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן אַרוּם. וֶוען מֶען קוּמְט צוּ אוּמַאן, קוּמְט מֶען נִישְׁט צוּ קֵיינֶעם נָאר צוּם רֶבִּי'ן.

מִיר לֵייגְן אַרָאפּ דִי פֶּעקְלֶעךְ און רוּעֶן זִיךְ אַבִּיסְל אָפּ. דֶערְנָאךְ לוֹיפְן מִיר גְלַייךְ צוּם צִיּוּן. קֶען מֶען דֶען טְרֶעפֶן אִין דֶער וֶועלְט אַזַא צַדִּיק וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס עֶר הָאט צוּגֶעזָאגְט פַאר צְוֵויי פוּן זַיינֶע בַּאגְלֵייבְּטֶע תַּלְמִידִים אַז וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען קֵיין אוּמַאן צוּ זַיין הֵיילִיגְן צִיּוּן, און דָארְט זָאגְן דִי תִּקּוּן הַכְּלָלִי, דַאן וֶועט עֶר זִיךְ לֵייגְן אִין דֶער לֶענְג און אִין דֶער בְּרֵייט אִים אַ טוֹבָה צוּ טוּן - וואוּ אִיז נָאךְ דָא אַ צַדִּיק מִיט אַזַא מוֹרָא'דִיגֶע הַבְטָחָה?

טַאטִי גִיבְּט אוּנְז גֶעלְט פַאר צְדָקָה. מִיר זָאגְן "לִזְכוּת רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא" און גֶעבְּן דִי גֶעלְט פַאר צְדָקָה.

דֶערְנָאךְ זָאגְן מִיר דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ פוּן תִּיקּוּן הַכְּלָלִי שְׁטַאט און קְלָאר און מִיר בֶּעטְן זִיךְ אוֹיס אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

מוֹצָאֵי יוֹם טוֹב פִילְט זִיךְ אַ שִׂמְחָה אִין דִי לוּפְט. שְׁ'כֹּחַ אַייבֶּערְשְׁטֶער מִיר זֶענֶען גֶעוֶוען אִין אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, "וֶוער עֶס אִיז זוֹכֶה צוּ זַיין אִין אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דַארְף זִיךְ פְרֵייעֶן אַ גַאנְץ יָאר!

# מִשְׁפַּחַת גליק

## כאפט א בליק, ביי משפחת גליק.

צירי:

מְ'גְרֵייט זִיךְ שׁוֹין צוּ דִי הֵיילִיגֶע נְסִיעָה קֵיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וֶוען מַיין מַאמֶע דֶערְמַאנְט זִיךְ פְּלוּצְלוּנְג:

"דִי גְרוֹיסֶע רֶענְצְל הָאט זִיךְ צוּבְּרָאכְן אוֹיפְן וֶועג צוּרִיק פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל! כְ'הָאבּ גֶעפְּלַאנְט דֶעמָאלְט צוּ קוֹיפְן אַ נַייעֶ רֶענְצְל, אָבֶער לְמַעֲשֶׂה הָאט מֶען עֶס נִישְׁט עֶרְלֶעדִיגְט, נָאךְ אַבִּיסְל דַארְף מֶען שׁוֹין אַיינְפַּאקְן דִי רֶענְצְלֶעךְ פַאר טַאטִי, מֶענְדִי אוּן וֶועלְוֶועלֶע אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה!"

"שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז מְ'הָאט זִיךְ דֶערְמַאנְט בַּאצַייטְנְ'ס" - הָאט טַאטִי גֶעזָאגְט - "יֶעצְט קֶען מֶען נָאךְ אָנְיָאגְן צוּ קוֹיפְן אַ נַייעֶ רֶענְצְל".

בַּיינַאכְט, הָאבּ אִיךְ פְלַייסִיג גֶעהָאלְפְן מַיין מַאמֶע בָּאדְן אוּן לֵייגְן שְׁלָאפְן דִי קִינְדֶער, דֶערְנָאךְ זֶענֶען מִיר צוּזַאמֶען אַרוֹיס קוֹיפְן אַ רֶענְצְל.

"ס'אִיז אַ גְרוֹיסֶע זְכִיָּ'ה, אַז אוּנְז קֶענֶען אַרוֹיסְהֶעלְפְן, אַז דִי מֶענֶער זָאלְן קֶענֶען פָארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה" הָאט מַיין מַאמֶע גֶעזָאגְט גֵייעֶנְדִיג צוּם גֶעשֶׁעפְט.

"אַזַא שָׁאד! מִיר הָאבְּן נִישְׁט דִי זְכוּתִים וָואס דִי מֶענֶער הָאבְּן!" הָאבּ אִיךְ מִיטְגֶעטֵיילְט מַיין מַאמֶע מִיט מַיינֶע גֶעדַאנְקֶען - "דִי מֶענֶער קוּמֶען צוּם יוֹם הַדִּין, וֶוען מְ'מִשְׁפָּט אַלֶעס וָואס גֵייט זַיין מִיט אוּנְז דִי גַאנְצֶע יָאר, מִיט אַזוֹיפִיל זְכוּתִים. דִי זְכוּתִים פוּן דוּרְכְבְּרֶעכְן אַלֶע מְנִיעוֹת צוּ קוּמֶען קֵיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, זֵיי דַאוֶוענֶען אַזַא דֶערְהוֹיבֶּענֶע דַאוֶוענֶען אוּן זֵיי טוּעֶן גָארְנִישְׁט אַ גַאנְץ רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוֹיסֶער דַאוֶוענֶען, זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין אוּן עֶסְן דִי סְעוּדוֹת יוֹם טוֹב. מִיר הָאבְּן נִישְׁט דִי גְרוֹיסֶע זְכוּתִים - הָאבּ אִיךְ מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען - מִיר בְּלַייבְּן פָּשׁוּט אִין שְׁטוּבּ, מִיר יָאגְן קוֹים אָן צוּ דַאוֶוענֶען, וַוייל מְ'דַארְף הִיטְן אוֹיף דִי קִינְדֶער אוּן סֶערְוִוירְן דִי סְעוּדוֹת, אָפְּרוֹימֶען אוּן פַארְשְׁפִּילְן דִי קִינְדֶער".

"נֵיין, ס'אִיז נִישְׁט אַזוֹי!" הָאט מַיין מַאמֶע גֶעעֶנְטְפֶערְט, "אוּנְז פְרוֹיעֶן אוּן מֵיידְלֶעךְ, הָאבְּן דִי זֶעלְבֶּע זְכוּתִים, וַוייל וֶוען מִיר הֶעלְפְן צוּ אַז דִי מֶענֶער אוּן אִינְגְלֶעךְ, זָאלְן קֶענֶען פָארְן אִין אוּמַאן הָאבְּן מִיר דִי זֶעלְבֶּע זְכוּתִים! גָארְנִישְׁט וֵוייניגֶער!

מִיר פְּרָאבִּירְן צוּ דַאוֶוענֶען וִויפִיל מְ'קֶען אוּן מְ'כַאפְּט אַרַיין צוּ בֶּעטְן אוֹיף אִידִישׁ וֶוען מֶען קֶען נָאר, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁרַייבְּט אוּנְז אָפּ אַ זִיסֶע גֶעבֶּענְטְשְׁטֶע יָאר!"

"שְׁכֹּחַ פַאר דִי חִיזוּק - הָאבּ אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקְט - אָה, מִיר זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִי גֶעשֶׁעפְט".

אִיךְ הָאבּ אַרַיינְגֶעקוּקְט אִין דִי גְרוֹיסֶע שׁוֹי - פֶענְסְטֶער. "וְואוּ!!! אַזַא שֵׁיינֶע אוֹיסְשְׁטֶעלוּנְג... אַ סֶעט פוּן: אַ רֶענְצְל, אַ טַאשׁ, אַ פַּאקֶעט בוּק, אוּן אַ בֶּערְזְל. אַלֶעס דִי זֶעלְבֶּע קָאלִיר אוּן אוֹיסְזֶען! ס'אִיז הֶערְלִיךְ!!!"

מִיר זֶענֶען אַרַיין אִין גֶעשֶׁעפְט אוּן בַּאקוּקְט אַלֶע רֶענְצְלֶעךְ. ס'אִיז דָא אַזוֹיפִיל סָארְט, אַזוֹיפִיל מָאסְן, אַזוֹיפִיל קָאלִירְן. ס'אִיז דָא הַארְטֶע רֶענְצְלֶעךְ פוּן פְּלֶעסְטִיק אוּן ס'אִיז דָא מֶער וֵוייכֶע פוּן סְחוֹרָה, וֶועלְכֶע זָאלְן מִיר קוֹיפְן? מִיר הָאבְּן בַּאטְרַאכְט אַלֶע רֶענְצְלֶעךְ אַ לֶענְגֶערֶע צַייט, בִּיז מַיין מַאמֶע הָאט בַּאשְׁלָאסְן צוּ פְרֶעגְן דִי פְּרַייזְן אוּן לוֹיט דֶעם זֶען וֶועלְכֶע ס'לוֹינְט בֶּעסֶער צוּ קוֹיפְן.

דֶערְוַוייל הָאבּ אִיךְ זִיךְ אַרוּמְגֶעקוּקְט אִין גֶעשֶׁעפְט, אַ שֵׁיינֶע פוּרְפְּל שׁוּל-טַאשׁ מִיט גְלַאנְצִיגֶע גָאלְדֶענֶע זִיפֶּערְ'ס הָאט גֶעשְׁמֵייכְלְט צוּ מִיר פוּן דִי רֶעכְטֶע זַייט... ס'אִיז אַזַא שֵׁיינֶע טַאשׁ, ס'זֶעט אוֹיס אַזוֹי בַּאקְוֶועם...

אֶפְשָׁר בֶּעט אִיךְ פוּן מַיין מַאמֶע, זִי זָאל מִיר קוֹיפְן אַ נֵייעֶ טַאשׁ? אִיךְ גֵיי דָאךְ שׁוֹין אַרוֹיף נָאךְ סוּכּוֹת צוּ דִי פִּיפְטֶע קְלַאס! ס'וֶועט זַיין אַזוֹי גֶעשְׁמַאק אַרַיינְצוּקוּמֶען דִי עֶרְשְׁטֶע טָאג פוּן דִי פִּיפְטֶע קְלַאס מִיט אַ נֵייעֶ שׁוּל-טַאשׁ.

אֵייגְנְטְלִיךְ, הָאבּ אִיךְ אַ גוּטֶע בַּאקְוֶועמֶע שֵׁיינֶע שׁוּל-טַאשׁ, וָואס מְ'הָאט גֶעקוֹיפְט אִינְמִיטְן דְרִיטֶע קְלַאס, וֶוען מַיין פְרִיעֶרְדִיגֶע שׁוּל-טַאשׁ וָואס מְ'הָאט גֶעקוֹיפְט פַאר דִי עֶרְשְׁטֶע

**ל. סאקס**

קְלַאס הָאט זִיךְ פַארְכַאפְּט אִין אַ צְוַוייג פוּן אַ בּוֹים, און סְ'הָאט זִיךְ צוּרִיסְן.

אָבֶער, אִיךְ וִויל! אִיךְ וִויל!!! אִיךְ וִויל אַזוֹי שְׁטַארְק הָאבּ אַ נֵייעֶ שׁוּל-טַאשׁ!!!

"מְ'טוּט נִישְׁט וָואס מְ'וִויל, מְ'טוּט וָואס אִיז רִיכְטִיג" אִיז מִיר אַרוֹיפְגֶעקוּמֶען אִין גֶעדַאנְק אַ בִּילְד פוּן דִי טָאוְול וָואס הֶענְגְט בַּיי אוּנְז אִין קְלַאס.

און וָואס אִיז טַאקֶע רִיכְטִיג? הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעפְרֶעגְט, סְ'קֶען זַיין, אַז אוֹיבּ אִיךְ וֶועל בֶּעטְן מַיין מַאמֶע און זִי וֶועט זֶען וִוי שְׁטַארְק אֵיךְ וִויל דִי טַאשׁ, וֶועט זִי מִיר עֶס עֶרְלוֹיבְּן, אָבֶער סְ'פֶּעלְט נִישְׁט אוֹיס צוּ קוֹיפְן אִיבְּרִיגֶע זַאכְן!

אוֹיבּ מְ'קוֹיפְט נִישְׁט יֶעדֶע זַאךְ וָואס פַארְגְלוּסְט זִיךְ, נָאר וָואס מְ'דַארְף טַאקֶע הָאבְּן, הֶעלְפְט מֶען אַז דֶער טַאטֶע זָאל קֶענֶען לֶערְנֶען רוּאִיגֶער און דַארְפְן וֵוייניגֶער אַרְבֶּעטְן צוּ קֶענֶען קוֹיפְן דִי אַלֶע אִיבְּרִיגֶע זַאכְן! און מְ'הָאט דִי זֶעלְבֶּע זְכוּתִים פוּן לִימוּד הַתּוֹרָה אַזוֹי וִוי דֶער טַאטֶע!

מַיין מַאמֶע הָאט בַּאשְׁלָאסְן אַז דִי גְרוֹיסֶע גְרִינֶע רֶענְצְל אִיז דִי פַּאסִיגְסְטֶע פַאר אוּנְז, מִיר הָאבְּן עֶס גֶענוּמֶען, בַּאצָאלְט און זִיךְ שֵׁיין בַּאדַאנְקְט.

אוֹיפְן וֶועג אַרוֹיס הָאבּ אִיךְ נָאכְאַמָאל גֶעכַאפְּט אַ בְּלִיק אוֹיף דִי פּוּרְפְּל שׁוּל-טַאשׁ מִיט דִי גָאלְדֶענֶע זִיפֶּערְ'ס און אַ צוּפְרִידֶענֶע גֶעפִיל הָא□ט מִיר אַרוּמְגֶענוּמֶען, שְׁכּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיךְ קֶען טוּן וָואס אִיז רִיכְטִיג!



# אומאן ראש השנה
## פראגראם

די געפרעגטע שאלות:

## א. וועלכע ישועה גייסטו אויספועל'ן ביים רבינ'ס ציון דאס יאר ראש השנה?

## ב. וואס גייסטו זיך מקבל זיין ביים רבינ'ס ציון דאס יאר ראש השנה?

**נחמן נתן וויינבערג - קרית ברסלב - כתה ח':**

ישועה: קענען קומען צום רבי'ן ראש השנה תשפ"ז

קבלה: דאווענען יעדן טאג שחרית מנחה מעריב מיט מנין

---

**מנחם לעווי - בני ברק - כתה ו':**

ישועה: מיין פעטער זאל צוריק קומען צו די אידישע וועג

קבלה: זיך אויפצופירן שיין מיט גוטע מידות

---

**יהושע הלוי היימליך - קרית ברסלב - כתה ה':**

ישועה: מיין מאמע זאל האבן א אינגל בעבי

קבלה: איך זאל לערנען יעדן טאג א פרק משניות

---

**יוסי אינדיג - קרית ברסלב - כתה ז':**

ישועה: מיין פעטער זאל א חתן ווערן

קבלה: נישט רעדן ביי הויך שמונה עשרה

---

**אברהם שלמה מיטלמאן - סאטמאר מאנסי - כתה ה':**

ישועה: צו בלייבן אייביג ביים רבי'ן און אז איך זאל אריינגיין אין ברלסב'ע חדר

קבלה: פרובירן נישט צו רעדן ביי הויך שמונה עשרה

---

**שלום פרידמאן - קרית ברסלב - כתה ד':**

ישועה: זיין אן ערליכער איד

קבלה: זיך וואשן די הענט ווען מען דארף

---

**איסר שווארץ - קרית ברסלב - כתה ה':**

ישועה: איך זאל קענען זיין ביים רבי'ן ראש השנה יעדעס יאר

קבלה: איך גיי זיין א צדיק

---

**שלום עזריאל מייעראוויטש - קרית טאהש - כתה ג':**

קבלה: זיך וואשן די הענט כהלכה

---

**יצחק אהרן פליישמאן - קרית ברסלב - כתה ד':**

ישועה: מיר זאלן האבן א באנטש קינדער

קבלה: קיינמאל נישט גיין שלאפן אן אנגרייטן נעגל וואסער

**משה מרדכי לב - בני ברק - כתה ה':**

**ישועה:** מיינע זיידעס זאלן מקורב ווערן צום הייליגן רבי'ן

**קבלה:** איך זאל ענדיגן ש"ס פאר מיין בר מצווה

**אהרן הכהן פרידמאן - ניו יארק - כתה ז':**

**ישועה:** די גאנצע יאר זאל איך האבן נאר גוטס

**קבלה:** זאגן הויך אשר יצר

**אלעזר ישעי' פרידמאן - קרית ברסלב - כתה ה':**

**ישועה:** מיין פעטער זאל ווערן א חתן

**קבלה:** יעדן טאג לערנען א דף גמרא

**אליעזר שלמה אינדיג - קרית ברסלב - כתה ה':**

**ישועה:** מיין מאמע זאל געבוירן נאך א בעבי

**קבלה:** רעדן צום אייבערשטן יעדן טאג

**נחמן נתן סאמעט - קרית ברסלב - כתה ז':**

**ישועה:** קוקן גוט אויף יעדע איד

**קבלה:** נישט רעדן ביי שמונה עשרה

**בערי יאקאבאוויטש - קרית ברסלב - כתה ז':**

**ישועה:** צו קענען היטן מיינע אויגן

**קבלה:** אפגיסן נעגל וואסער יעדן אינדערפרי

**שמעון מייעראוויטש - קרית טאהש - כתה א':**

**קבלה:** קיינמאל נישט אויסטון מיין קאפל, אפילו ביים זיך אנטון

**מרדכי מזרחי - קרית ברסלב - כתה ה':**

**ישועה:** אונז זאלן האבן נאך קינדער

**קבלה:** איינטינקען די חלה אין זאלץ

**אברהם יהודה הורוויץ - בני ברק - כתה ד':**

**ישועה:** מיין טאטע זאל מצליח זיין ביי די ביזנעס

**קבלה:** זאגן אסאך משניות

**יוסף מרדכי פעלדמאן - קרית ברסלב - כתה ז':**

**ישועה:** אלעס וואס איך דארף

**קבלה:** לערנען יעדן טאג א בלאט גמרא

**גרשי יאקאבאוויטש - כתה ד' קרית ברסלב:**

**ישועה:** מיין טאטע זאל האבן א באנטש געלט

**קבלה:** ליינען קריאת שמע אינעווייניג

**אליעזר שלמה שטיינבערג - קרית ברסלב - כתה ה':**

**ישועה:** איך זאל האבן מיטלייד מיט א צווייטן

**קבלה:** אלעמאל קושן די מזוזה

**צבי אלימלך קאהן - קרית ברסלב - כתה ה':**

**ישועה:** איך זאל שוין זיין אן ערליכער איד

**קבלה:** פאלגן טאטע מאמע ביי איינמאל הייסן

**נחמן נתן שניצלער - קרית ברסלב - כתה ח':**

**ישועה:** א שיינע יאר

**קבלה:** זאגן אשר יצר אינעווייניג

**אברהם מנחם מענדל הצדיק פורסט - קרית ברסלב - כתה ג':**

**ישועה:** זיין אן ערליכער איד א צדיק

**קבלה:** יעדן טאג לערנען א בלאט גמרא

**חיים מאיר יאקאבאוויטש - קרית ברסלב - כתה ח':**

**ישועה:** זיין א צדיק

**קבלה:** זיין אין אומאן יעדע ראש השנה

**שמואלי בירנבוים - קרית ברסלב - כתה ז':**

**ישועה:** אלעס וואס איך דארף

**קבלה:** צו אנהייבן פון יעצט

**שלום רייזמאן - כתה ג' - בני ברק:**

**ישועה:** האבן אפגעהיטענע אויגן

**קבלה:** זאגן יעדן טאג פינף פרקים משניות

**נתנאל הײלפרין - קרית ברסלב - כתה ז':**

**ישועה:** האבן א זיסע יאר

**קבלה:** דאווענען מיט כונה

**אברהם אלי' ברילל - קרית ברסלב - כתה ז':**

**ישועה:** מיין טאטע זאל מצליח זיין אין זיין ארבעט

**קבלה:** לערנען יעדן טאג אביסל גמרא

**יעקב אהרן הלוי לעווי - קרית ברסלב - כתה ז':**

**ישועה:** א גוטע יאר

**קבלה:** נישט רעדן ביים דאווענען

**ברוך יצחק מיטלמאן – סאטמאר מאנסי – כתה ח':**

**ישועה:** מופן צו קרית ברסלב

**קבלה:** צו לעבן מיט תמימות מיט ערליכע אידן

---

**זאבי ברוין – קרית ברסלב – כתה ה':**

**ישועה:** איך זאל זיין אן ערליכע איד

---

**נחמן נתן בלום – קרית ברסלב – כתה ו':**

**ישועה:** זיין געזונט

**קבלה:** אלעמאל זאגן שכח

---

**אברמי פעלדמאן – קרית ברסלב – כתה ה':**

**ישועה:** אונז זאלן האבן אסאך קינדער

**קבלה:** יעדן טאג זאגן אביסל תהלים

---

**נחמן נתן וועבערמאן – קרית ברסלב – כתה ד':**

**ישועה:** זיין א צדיק

**קבלה:** זיין דרך ארץ'דיג אין חדר

---

**ארי ראזענבערג – קרית ברסלב – חתה ז':**

**ישועה:** מיין ברודער און שוועסטער זאלן שוין חתונה האבן

**קבלה:** נישט רעדן ביים דאווענען

---

**אליעזר הכהן קאהן – קרית ברסלב – כתה ד':**

**ישועה:** זיין אן ערליכע איד

**קבלה:** שטענדיג טון חסד

---

**אליעזר שלמה הלוי לעווי – קרית ברסלב – כתה ד':**

**ישועה:** מיין מאמע זאל געבוירן א בעבי

**קבלה:** אפגיסן נעגל וואסער יעדן אינדערפרי

---

**נפתלי וועבערמאן – קרית ברסלב – כתה ט':**

**ישועה:** איך זאל זיין א צדיק

**קבלה:** זיך וואשן מים אחרונים פארן בענטשן

---

**מענדי מענדלאוויטש – קרית ברסלב – כתה ז':**

**ישועה:** מיין מאמע זאל געבוירן נאך א בעבי

**קבלה:** נישט רעדן ביים דאווענען

---

**ארי' לייב פליישמאן – קרית ברסלב – כתה ח':**

**ישועה:** צו קענען אנהאלטן מיין קבלה

**קבלה:** זיין פריילין שטענדיג

---

**אליעזר אינדארסקי – קרית ברסלב – כתה ח':**

**ישועה:** יעדן טאג ענדיגן מיינע שיעורים

**קבלה:** זיין א פרייליכע מענטש

# דער רבי האט געזאגט: "אייערע קינדער זאלט איר מודיע זיין וואס דא האט זיך געטון!"

# קליין און פיין



אילה לעווינזאן




זאבי בוים



משפחת פריעדמאן



בית פייגא טבריה



קיילי ווייס



בית פיגא ווילאמסבורג
דריטע קלאס



זיבעטע קלאס בית פיגא שטעטל

שיקט אריין אייער אייגן געמאכטע קונצווערק צו:

845.379.1161

BRESLEVOFFICELIBERTY@GMAIL.COM



קיילי ווייס



משה מזרחי



משה מזרחי



בית פייגא טבריה



רחל יאקאבאוויטש



נחמן נתן ראבינאוויטש



לאה סאמעט



שלום פארקאש



יהושע היימליך



חיה שורי הורוביץ



אליעזר שלמה בוים



א מעשה פון תפלה
געמאלן
איך וויל מאכן שיינע נוי סוכה
אײבֶּערְשְׁטֶער וואס זאל איך מאכן?
אה איך וועל מאכן די אידן גייען ארויס פון מצרים
וואס זאל איך מאכן ווייטער?
אײבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְף אִיךְ זָאל הָאבְּן ווייטער וואס צו מאכן?
אה שְׁכֹּחַ אײבֶּערְשְׁטֶער איך ווייס שוין וואס צו מאכן
רבקי'ס נוי סוכה
געמאלן דורך: רבקה וועבערמאן תחי'
שיקט אריין אייער מאלערייען:
845.379.1161 | BRESLEVOFFICELIBERTY@GMAIL.COM

# בשורה טובה
# לתושבי קעטסקילס

אין ליכט פון די שטארקע הצלחה פון די זומער וואכן וועט
די היימישע ספעציאליסט פאר קינדער און ערוואקסענע

## NECHAMA DINA JAFEE, PA

בלייבן אינעם ליבערטי מעדיקל צענטער פאר א גאנץ יאר.




איר לאנגע יארן ערפארונג און אויסגעצייכנטקייט וועט אונז העלפן
באדינען דעם ציבור במשך דעם יאר אויפ'ן בעסטן פארנעם.

aHava™ medical

Home to better health™ | ahavamedical.com
25 Carrier St. Liberty, NY 12754 · 845.281.7200
To reach our manager Mr. Klein dial #4053

# געשעניש

אינערהאלב קהילת היכל הקודש ברסלב



**חדר פירן פון הילד משה מרדכי ני"ו בן מו"ה אלתר לב הי"ו אין תלמוד תורה אין ירושלים**



**אין א שמועס מיט אנשי שלומינו אין ישיבה**





**סליחות אין היכל הקודש בני ברק**

קרעדיט: אייזיק ראטה, לייבי ראטה, שמעי' וואקס, יוסף בעריש איינהרון, יונה זאבאל, יענקי פיש, איציק מענדלאוויטש





אנגעקומען א שיפמענט פון 5,000 מעשה'לעך פאר קינדער #3 אינעם קרן הדפסה אין שטעטל





די קינדער פון די עלטסטע כיתה אין שטעטל גרייטן צו די הפצה פעקלעך צו טראגן קיין אומאן



סיום מסכת עבודה זרה אין ביהמ"ד היכל הקודש טבריה



דער מלמד מו"ה יחזקאל סאמעט הי"ו ביים לערנען מיט די קינדער פארטאגס אין ביהמ"ד אין שטעטל



עצתו אמונה פארברענג היכל הקודש בני ברק



אין א שמועס מיט אנשי שלומינו





ישיבת היכל הקודש ירושלים ביי הרה"צ ר' יצחק שליט"א א שמועס הכנה אויף די הייליגע טעג



א שיעור פון מגיד שיעור ביים ציון מוהרא"ש



ביי קברי צדיקים



ישיבת היכל הקודש ירושלים ביים ציון פון מוהרא"ש







**סליחות אין שטעטל**



ביים זיך שטעלן צום פארהער ביי הגאון ר׳ אלטר הורוויץ שליט״א רב דבית המדרש קדושת יום טוב בארא פארק



די חשובע כולל אינגעלייט ביים זיך שטעלן צום פארהער ביי הגאון אבדק״ק קארלסבורג שליט״א



די חשובע כולל אינגעלייט ביים זיך פארהערן ביים סקווירא דיין הרב ר׳ יחיאל מיכל שטיינמעטץ שליט״א



ביים זיך פארהערן הלכות שבת ביי הגאון ר׳ אברהם וויינגארטן שליט״א ראש כולל חלקת דוד מאנסי



סליחות אין היכל הקודש ירושלים



סליחות אין היכל הקודש בארא פארק


איר קום צום רבי'ן מיט פולע טאשן!
איך האב א גאנץ
יאר עוסק געווען
אין הדפסה והפצה
היכל
ציון
רביה"ק רבי נחמן מברסלב זיע"א
א כתיבה וחתימה טובה, ווינטשט,
קרן הדפסה
היכל הקודש ברסלב